# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 112- Fall 1988 - Journall

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/81x2t3v7

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 112(1)

### Publication Date
1988

### Copyright Information
Copyright 1988 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו




פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 112

AUTUMN
1988

האַרבסט
תשמ"ט

אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
ד״ר מאַרטין טאַפט, פּרעזידענט

## LABOR ZIONIST ALLIANCE

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842

---


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER
469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, S. ZUCKERMAN & J. SHAFER


---


Subscription price: $ 8.00 per year

# אינהאַלט

ש. גוטמאַן: בער באָראָכאָוו — זיין וויזיע און רעאַליזירונג ........ 3
משה שקליאַר: לידער ........ 8
לילי בערגער: אויף די שפורן פון אַמאָליקע מאַראַנען ........ 12
מאיר הרץ: לידער ........ 22
חנן קיעל: אורי צבי גרינבערג
(דער אַלבאַטראָס פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע) ........ 24
שלום שטערן: לידער ........ 31
ביילע שעכטער — גאָטעסמאַן: לידער ........ 33
שיע טענענבוים: צעבראָכענע אויגן (דערציילונג) ........ 34
ישראל גובקין: ליד ........ 40
שמואל איזבאַן: מאָריס שוואַרץ — אונטערן ליכט פון די בינע — פּראָזשעקטאָרן 41
אַ בריוו פון מאָריס שוואַרץ צו שמואל איזבאַן ........ 45
אַ לוריא: פאַר די קליינע קינדערס וועגן (לידער) ........ 47
רבקה קאָפּע: הונגער (ליד) ........ 48
משה שקליאַר: צו שפּעט (פראַגמענט) ........ 50
ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 55
חנן קיעל: לידער ........ 56
שלמה שוואַרץ ז״ל ........ 57
פּראָפ. סאָל ליפּצין: שואל גוטמאַנס: אַמעריקאַנער יידישער
קיבוץ אין פּראָפיל ........ 58
הינדע זאַרעצקי: לידער ........ 60
חיים פלאָטקין: לידער ........ 62
עקיבא פישבין: די פייער־טהרה פון ריכאַרד וואַגנער ........ 64
חיים קעניגער: לידער ........ 73
ישראל גובקין: בערל דער דיכטערישער שערער און איך ........ 74
משה כהן: איין יאָר אַרבעט פון ל. אַ יידישן קולטור־קלוב ........ 76
לילקע מייזנער: סערגיי נוטקעוויטש ז״ל ........ 81
טרויער־רעדע פון מישעל נוטקעוויטש ........ 83
אַ ווערטפול בוך פון שרה ראַפאַלין ליינער ........ 84
באַגריסונגען ........ 86

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון

נומ. 112
פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
נתן גערשוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

44 סטער יאָרגאַנג, נומער 112 • האַרבסט 1988 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ה'תשמ"ט 5749

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון"

ש. גוטמאַן / ניו־יאָרק

צו 40 יאָר מדינת ישראל

## בער באָראָכאָוו — זיין וויזיע און איר רעאַליזירונג

א

איידער איך גיי איבער צו באַטראַכטן באָראָכאָווס טעאָרעטישן בנין פיל איך אַז איך דאַרף איבערגעבן, כאָטש זייער בקיצור, קאָנספעקטמעסיק עטלעכע עטאַפּן אין מיין אידעישער עוואָלוציע אין שייכות צום פּראָבלעם ישראל בין העמים. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך געלייענט אַ בוך פון אַ פילאָסאָף, ווו ער דערקלערט אין דער הקדמה, אַז ער וויל מודה זיין, און לייענער זאָלן עס וויסן, אַז נישט געקוקט אויף זיינע דורכגעטראַכטע פילאָסאָפישע הנחות און לאָגישע אַרגומענטן, האָט ער סוביעקטיווע סימפּאַטיעס אָדער פאָראורטיילן וואָס באַפאַרבן זיין פילאָסאָפיע. אויך דער באַרימטער אַמעריקאַנער פילאָסאָף און פסיכאָלאָג וויליאַם דזשיימס האָט דעם זעלביקן געדאַנק אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער; דזשיימס האַלט אַז "האַרטנעקיקע כאַראַקטערן" ("טאָף־מיינדעד") זענען גענייגט אָנצונעמען מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיעס, בעת סענסיטיווע נאַטורן ("סאָפט־מיינדעד")

זענען נוטה צו אידעאַליסטישע פּילאָסאָפיעס.

ווען איך האָב, זייענדיק אַ יונג בחורל, אין פּוילן, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געטראַכט וועגן דער יידן פראַגע, האָב איך, ווי אַ סך אַנדערע פון מיין דור, סימפּאַטיזירט מיטן סאָציאַליסטישן גלותיזם. איך האָב געגלייבט און געהאָפט אַז די רוסישע רעוואָלוציע, פון איין זייט, און דער ווערסאילער שלום־טראַקטאַט, פון דער אַנדערער זייט, וועט אונדז מזרח־אייראָפּעישע יידן גאַראַנטירן בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט מיט אַ ברייטער אויטאָנאָמיע. די רוסישע מערץ־רעוואָלוציע, אין 1917, האָט טאַקע געשאָנקען יידן די דאָזיקע רעכט. אָבער די אָקטאָבער־איבערקערעניש און דער בירגער־קריג אין רוסלאַנד, מיט זיינע שוידערלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע אויף די "באַפרייטע" יידן, האָט באַוויזן אַז די רוסישע יידן זענען געוואָרן באַפרייט פון נאָך אַן אילוזיע; די שלום־קאָנפערענץ אין ווערסאַיל, אין 1919, האָט טאַקע אָנגענומען אַ טראַקטאַט וועגן מינדערהייטן, אין וועלכן פּוילן, רומעניע, לאַטוויע און ליטע האָבן זיך פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן דעם פּרינציפּ פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע מינדערהייטן, און בתוכם פאַר יידן, אויף זייערע טעריטאָריעס. ס'איז אונדז גוט באַקאַנט וואָס פון די אַלע פּאַפּירענע טראַקטאַטן האָט זיך אויסגעלאָזט. אין די קליינע באַלטישע מלוכות האָט די יידישע אויטאָנאָמיע געדויערט אַ פּאָר יאָר, אָבער אין פּוילן, ווו די יידישע פּאַרטייען האָבן געהאַט אין סיים און סענאַט עטלעכע צענדליק דעפּוטאַטן, האָט די רעגירונג סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן יידן פון אַלע ווירטשאַפטלעכע צווייגן, און זיי נישט צוגעלאָזט צו קיין שום מלוכה־אַמטן; דערצו האָט מען אָנגעווענדט אַ "נומערוס קלאַוזוס" פאַר סטודענטן אין די הויכשולן.

נאָך דעם ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער ריגער־שלום צווישן פּוילן און סאָוועטן־רוסלאַנד — מערץ, 1921 — האָב איך עמיגרירט קיין אַמעריקע. דאָ האָבן דעמאָלט דאָמינירט אויף דער יידישער־גאַס די קאָסמאָפּאָליטן (לייען: אַסימילאַטאָרן) מאָריס הילקוויט, מאיר לאָנדאָן, אב קאַהאַן, פּענקין — אַלע קעגנער פון ציוניזם, פאָלקיזם, אָדער נאַציאָנאַליזם. צווישן די אַמעריקאַניזירטע יידן האָבן דעם הויפּט־טאָן געגעבן די רעפאָרם־יידן מיט לואיס מאַרשאַל ווי דער פּאָפּולערסטער און איינפלוסרייכסטער פירער; אויך די יאַהודים זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אַסימיליאַטאָריש, מיט אַ ביסל צדקה־יידישקייט, און קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

וואָס מער איך האָב זיך באַקענט מיט דער אַמעריקאַנער יידישער סצענע אין די צוואַנציקער יאָרן, אַלץ ווייניקער האָב איך געגלייבט אין דער מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן דאָ די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור, מיט יידיש ווי די רייד־שפּראַך. איך האָב זיך צוגעהערט צו די דעבאַטעס צווישן חיים זשיטלאָווסקי און ב. וולאַדעק, און מיין האַרץ איז געווען מיטן ערשטן, אָבער דער קאָפּ האָט געטענהט אַז וולאַדעק איז ווייטזעענדיקער, און רעאַליסטישער. איך בין בהדרגה געקומען צום טעריטאָריאַליזם. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג אַז יידישע קולטור און יידיש נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ קען מען צומבעסטן פאַרזיכערן אין אַן אייגענער טעריטאָריע. לכל הפחות דאַרפן יידן זיך אָנשטרענגען צו עטאַבלירן אַ גייסטיקן צענטער מיט יידיש ווי די אָפיציעלע שפּראַך. די פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל, אין 1929, האָב איך ווייטיקלעך איבערגעלעבט, און ס'האָט אַרויסגערופן ביי מיר ספקות וועגן דער זיכערקייט פון יישוב.

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך שוין געווען טעטיק אין דער ניו־יאָרקער טעריטאָריאַליסטישער גרופּע, און

אַ ביסל שפּעטער איז אַהער געקומען אַ גרופּע אַלטע טעריטאָריאַליסטן פון פּאַריז: בן־אדיר, א. קין, פיינלייב און אַנדערע. איך האָב נישט געזען קיין סתירה צווישן ציוניזם און טעריטאָריאַליזם, און מיר איז געפעלן זשאַבאָטינסקיס זאָג: "מיר ציוניסטן ווילן בויען די מעטראָפּאָליע, און די טעריטאָריאַליסטן — די קאָלאָניעס..."

אין יענעם פּעריאָד האָב איך סימפּאַטיזירט מיט דער אידעע פון אַ בינאַציאָנאַלן שטאַט אין ארץ־ישראל, לויט דער קאָנצעפּציע פון "ברית־שלום" — פון מאַרטין בובער, מאַגנעס, גרשום שלום, ערנסט סימאָן און אַנדערע. איך פלעג דעמאָלט לייענען זייער אָרגאַן "איחוד" וואָס איז מיר געווען נאָענט.

ווען אין 1948 איז עטאַבלירט געוואָרן די יידישע מדינה, האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן ארטיקל ווו איך האָב געשריבן: "די גרינדונג פון מדינת ישראל איז אַ מיילשטיין אויפן וועג פון קיום האומה... דאָס איז אַ פּאָזיטיווע געשעעניש פון אַ היסטאָרישן פאַרנעם, וואָס איז מחייב יעדן נאַציאָנאַלן ייד צוצולייגן אַ האַנט, אַז ישראל זאָל בשלום אַרויסגיין פון אַלע סכנות און שטרויכלונגען. קיין טעריטאָריאַליסט טאָר נישט זיין גלייכגילטיק צום גורל פון יידישן טעריטאָריעלן צענטער ישראל... אין דער מאָדערנער צייט, ווען אונדזער אמונה איז שוין נישט מער דאָס פּאָרטאַבלע פּאַטערלאַנד פון אַ סך יידן (לויט היינעס אויסדרוק) מוזן מיר בילדן אַ מערהייט אויף אַ פּונקט פון ערד־קוגל; ווי אַ מינאָריטעט פאָלק אומעטום דראָט אונדז די שטענדיקע סכנה צו פאַרשווינדן ווי אַ באַזונדער עטנישע גרופּע, מיט אַן אייגענער שפּראַך און קולטור. מעסט מען ישראל מיט דער קריטעריע, מוז מען אָנערקענען, אַז דאָ ווערט פאַרווירקלעכט טעריטאָריאַליזם פאַר אָ טייל פון אונדזער פאָלק" (זע "אויפן שוועל", פעברואַר, 1950).

אין 1959 בין איך צום ערשטן מאָל געווען עטלעכע וואָכן אין מדינת־ישראל, און האָב מיינע איינדרוקן פאַרעפנטלעכט אין "וועלט און פאָלק". אַ זשורנאַל פון יידישן וועלט־קאָנגרעס וואָס יעקב גלאַטשטיין האָט רעדאַקטירט. אָט מיט דעם הינטערגרונט קום איך צו באָראָכאָוון..

## ב

לאָמיר דערמאָנען עטלעכע ביאָגראַפישע פאַקטן אין לעבן פון בער באָראָכאָוו (1881־1917). ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ שטעטל, לעבן פּאָלטאַווע, אוקראַינע, ביי אַ פּאָטער אַ העברעישער לערער און חובב־ציון. ער לערנט זיך אין פּאָלטאַווער רוסישער גימנאַזיע און ווייזט אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס אין פילאָסאָפיע, ער פאַרטיפט זיך אין יידישע פּראָבלעמען, און אין 1904 איז ער קעגן אוגאַנדע־פּראָיעקט. אַרום 1904 ווערט ער איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרס פון פועלי־ציון־צוזאַמענפאָר אין פּאָלטאַווע, וואָס איז פאָרגעקומען פורים, 1906. דאָרטן איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פועלי־ציון, פון וועלכער באָראָכאָוו איז געוואָרן דער הויפּט־אידעאָלאָג. אין 1908 פאָרט ער קיין ווין ווו ער שטודירט די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, פאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ פאַרבלייבט ער ביז סוף אויגוסט 1917. במשך די דריי יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין ניו־יאָרק איז ער געווען אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, וועלכער האָט שפּעטער געשיקט אַ דעלעגאַציע צו דער ווערסאַילער־קאָנפערענץ.

אין זיין אַמעריקאַנער פּעריאָד איז ב. ב. געוואָרן דער פירנדיקער טעאָרעטיקער פון מאַרקסיסטישן פועלי־ציוניזם. ער האָט דאָ אויך, צוזאַמען מיט א. האַרקאַווי, יודא יאָפע א.א., אָרגאַניזירט אַ

וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע פאַר יידישער גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע. ער פאַרעפנטלעכט וויכטיקע פאָרשונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער. ביז 1907 האָט ער געשריבן נאָר אין רוסיש און ערשט שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט יידיש, און איז געוואָרן אַ קעמפער פאַר יידיש אין די תפוצות און ארץ־ישראל. ער האָט באַקעמפט די שטעלונג פון די רעכטע פ.צ. און ער האָט זיי פאָרגעוואָרפן אַז זייער באַציונג צו יידיש אַפילו אין די תפוצות — איז אַ לעבלעכע. ער איז אַחוץ טעראָרעטיקר פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אויך געווען אַ פּיאָנער פון יידיש פאָרשונג, און האָט שטאַרק געהויבן די חשיבות פון יידיש, פון דער יידישער ליטעראַטור, און פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

לאָמיר זען וואָס עס זענען געווען זיינע גרונט־אידעען אין שייכות צו יידישן קיום און אַרבעטער־ציוניזם. ווי אַ מאַרקסיסט האַלט ער אַז פונקט ווי דער סאָציאַליזם בכלל ווערט פאַרווירקלעכט אין אַ סטיכישן פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע — אומאָפּהענגיק פון א באַוווסטזיניקער ראָלע — אַזוי הייבן אויך אָן די יידישע וואַנדערמאַסן, זיך צו קאָנצענטרירן סטיכיש אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע. די דאָזיקע טעריטאָריע דאַרף זיין אַ האַלב אַגראַרע, וווהין עס וועט קענען אריינדרינגען די יידישע אַרבעטס־קראַפט. דער וווקס פון אָט די פּראָדוקטיווע קרעפטן קען זיך פריי אַנטוויקלען נאָר דאָרט ווו די היימישע באַפעלקערונג האָט זיך נאָך נישט צונויפגעשמאָלצן, אין איר עקאָנאָמיש לעבן, אין אַ ווירטשאַפטלעך־געשלאָסענעם אָרגאַניזם. אָט די טעריטאָריע, האַלט ער, איז פּאַלעסטינע.

לויט באָראָכאָוון איז דאָס אַ וויסנשאַפטלעכער פּראָגנאָז פון דער יידישער צוקונפט: "אין דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם, מישט זיך אַריין דער ווילן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט"; אָבער גלייכצייטיק מיטן בויען אַ יידישן צענטער אין ארץ־ישראל "שטרעבן מיר אויפצוהייבן דעם מצב פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין גלות, און צו פאַרשטאַרקן זיינע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע". די אַרבעט דאָ, אין גלות און אין פּאַלעסטינע זענען נישט קיין קעגנזאַצן נאָר צוויי ליניעס אויף דעם זעלביקן שטח; צוויי זייטן פון איין פּראָצעס. אָט דאָס איז דער קווינט־עסענץ פון באָראָכאָוויזם. ער רופט אָן זיין ריכטונג אין פועלי־ציוניזם: די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, גלויבנדיק אַז דער ציוניזם לייזט בלויז איין טייל פון דער יידן־פראַגע: דאָס פּראָבלעם פון יידישער היימלאָזיקייט. ער איז אַ רעאַליסט און פאַרשטייט אַז ווי ווייט דער ציוניזם זאָל זיך נישט פאַרווירקלעכן, וועט אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק בלייבן אין די תפוצות. "**ס'איז נישט מעגלעך, און נישט ווינטשנסווערט** (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ש.ג.) אומצוקערן דאָס גאַנצע פאָלק קיין ארץ־ישראל; אַלע פעלקער, שטרייכט ער אונטער, האָבן אַחוץ אַן אייגענער טעריטאָריע, זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. די יידן־פראַגע קען געלייזט ווערן, נאָר דורך פאַרבינדן אַ געזונטן לעבן אין אייגענעם לאַנד מיט אַ געזונטן לעבן אין גלות". ער קריטיקירט די דעמאָלטיקע פירער פון די רעכטע פ.צ. אין אַמעריקע, נחמן סירקין און ברוך צוקערמאַן, פאַר זייער שלילת־הגלות און העברעיזם. ער באַקעמפט אויך דעם "בונד" וועמענס פּראָגראַם איז "פלאַך", אָבער ער לויבט אים פאַר זיין העראָישן קאַמף, און קרבנות וואָס האָבן געהאַלפן אין דער עמאַנציפּאַציע פון די רוסישע יידן; דאָס איז זיין היסטאָרישער פאַרדינסט; "דער יידישער אַרבעטער־קלאַס וועט אַוועקשטעלן דעם "בונד" אַ פּראַכטפולן מאָנומענט אין ירושלים", שרייבט ער אין 1915.

לאָמיר זען אויפֿוויפֿל זיין וויזיע האָט זיך פֿאַרווירקלעכט, און וואָס עס איז בלייביק פון זיין טעאָרעטישן בנין. לפי דעתי, האָט אונדזער צייט באַוויזן אַז אַ ריי פון זיינע פּאָסטולאַטן זענען געווען צינז דעם גייסטיקן קלימאַט פון זיין עפּאָכע. אַזוי למשל זיין הויפּט־טעזע אַז דער סטיכישער פּראָצעס וועט פירן די יידישע מאַסן אין אַגראַר־לאַנד פּאַלעסטינע, און דער קלאַסן־קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם. ביידע הנחות האָבן זיך אַרויסגעוויזן אילוזאָריש. די יידישע מאַסן זענען ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם חורבן געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל ווייל די טויערן פון אַמעריקע, קאַנאַדע און די אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער זענען געווען פאַרמאַכט. דער קלאַסן־קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט נישט געשאַפֿן די יידישע מדינה, נאָר דער קאַמף פון גאַנצן יישוב — קעגן דער ענגלישער רעגירונג פון בעווין, צוזאַמען מיט דעם שולדיקן געוויסן פון ליבעראַלע נישט־יידן, אין שייכות צו די גרויזאַם אומגעקומענע זעקס מיליאָן יידן. אַט די דערמאָנטע, און אַנדערע פאַקטאָרן, האָבן באַווירקט די "פּאַראייניקטע־פעלקער" גוטצוהייסן די עטאַבלירונג פונדער יידישער מדינה. אָבער אין יענעם פּעריאָד פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען געמוזט געפינען אַ הכשר ביי קאַרל מאַרקסן פאַר יעדער פּראָגרעסיווער אידעע. דערפאַר האָט ב.ב. נישט אויפגעהערט צו באַווייזן אַז זיין סינטעז פון "דאָ" און "דאָרט" שטימט מיטן מאַרקסיזם; אָן מאַרקסיסטישן פּילפּול וואָלט ער געפונען אַ קנאַפּן אָפּקלאַנג אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

אויך בנוגע יידיש אין ארץ־ישראל האָט זיין שיטה פאַרשפּילט; געזיגט האָבן די העברעיסטן, הגם די באַציִונג צו יידיש אין ישראל איז איצט אַ ביסל בעסער ווי אַמאָל. פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען צוגעבן אַז ער איז געווען רעאַליסטישער ווי די שוללי־הגלות פון ציוניסטישן לאַגער וועלכע הערן נישט אויף מיט זייער פֿאַלשער אידעאָלאָגיע אַז זיי וועלן אויסליידיקן די תפוצות פון יידן. באַראַכאָוו איז אין דעם פּרט געווען ווייטזעענדיקער. אויך דער קלאַסן־קאַמף, אויב ער האָט נישט געשאַפֿן די מדינה — איז אַ רעאַליטעט אין ישראל. זיין באַהויפּטונג אַז ס׳איז נישט ווינטשנסווערט און נישט מעגלעך אומצוקערן אַלע יידן פון די תפוצות קיין ארץ ישראל, און אַז זיי דערגאַנצן זיך איינער די אַנדערע, האָט אונדזער תקופה פולשטענדיק באַשטעטיקט. בלויז אַ בלינדער דאָגמאַטיקער וועט באַהויפּטן אַז אָן דער פּאָליטישער און פינאַנציעלער הילף פון אַמעריקאַנער יידנטום וואָלט מדינת ישראל דערגרייכט, במשך עטלעכע צענדליק יאָר, דעם מיליטערישן, עקאָנאָמישן, וויסנשאַפטלעכן און קולטורעלן וווקס, וויטאַליטעט, און אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש צו וועלכן די האָט דערשטיגן.

ס׳איז אַוודאי אויך ניט צו באַשטרייטן אַז די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון יידישער היימלאָזיקייט, און האָט נישט קיין קליינעם חלק אין ברענגען צוריק אַ סך אַסימילירטע יידן צום אייגענעם פאָלק, יידן האָבן איצט אַ פירשפּרעכער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, און ווען די שונאי־ישראל אַטאַקירן יידן איז דאָ ווער עס זאָל זיי ענטפערן — גלייך אויפן אָרט, אויף דער זעלביקער טריבונע פון די "פּאַראייניקטע פעלקער"; צו דעם אַלעם האָט באַראָכאָווס לעבנס־אַרבעט בייגעטראָגן. אין דעם אויפבוי פון דער הסתדרות — די פעסטונג פון ישראלדיקן יידישן אַרבעטס־מענטש — האָבן דעם גרעסטן חלק סאָציאַליסטישע ציוניסטן, וועלכע דאָמינירן איר פירערשאַפט און אידעאָלאָגיע; זיי שטייען אויף דער וואַך פון די יידישע אַרבעטער־אינטערעסן.

משה שקליאַר

# לידער

## 1. ...און ס'וויגט מיך איין די נאַכט

אַ דיקע מויער גאַרטלט זי אַרום
די שטאָט
וואָס האָט געטראָגן שפּאַניעס קרוין,
שמאָלע פענצטער קוקן שטום
פון בערג אַראָפּ
אויף דעם המון
וואָס שניידט טומלדיק אַדורך
די געסלעך - ליקן
און זוכט,
און זוכט
זיך צו דערקוויקן
מיטן דינעם גאָלד־געוועב
אויף קאַטעדראַלע
וואָס שימערירט
אַנטקעגן זון טאָלדאָס;

---

אויך אין דעם אויפבלי פון יידיש־שפּערישקייט אין ישראל, אין פּרץ־פאַרלאַג, אין "וועלט־ראַט פאַר יידיש", אין די יידיש־קלובן, אין די יידיש־זשורנאַלן זיינע לינקע פ.צ. צווישן די אַקטיווסטע טוער.

מע קען, ביז א געוויסער מאָס, אָנווענדן אויף בער באָראָכאָוו, אחד העמס דרוש וועגן רמב"ם. אין זיי עסיי "שלטון השכל" פרעגט אחד־העם, ווי קומט עס, וואָס דער רמב"ם האָט אין זיין אני־מאמין אריינגעשטעלט די צוויי עיקרים אַז אַ ייד דאַרף גלויבן אין משיחס קומען און תחית־המתים, בעת דאָס איז אין סתירה צו זיין פילאָסאָפיע פון יהדות. אויף דעם ענטפערט אחד־העם אַז אָן דער דאָגמע פון ביאת־המשיח און תחית־המתים, האָט דער רמב"ם פאַרשטאַנען, וועלן יידן נישט קענען אויסהאַלטן די אַלע רדיפות און קאַטאַסטראָפעס פון גלות, האָט ער דעריבער "פאַרגעסן" אין זיין פילאָסאָפיע, און האָט געגעבן די אויבערהאַנט זיין נאַציאָנאַלן געפיל, און אַריינגעשטעלט די צוויי עיקרים וואָס האָבן געגעבן דעם ייד כוח איבערצוטראָגן דעם יאָך פון גלות.

דעם דרוש קען מען אויך אָנווענדן אויף באָראָכאָווס קאָנצעפּציע פון מאַרקסיסטישן ציוניזם: ער האָט פאַרשטאַנען, בעת ער האָט געזען ווי דער אוגאַנדע־פּראָיעקט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, דער עיקר, ווייל יידן האָבן נישט געקענט, אפילו בלויז צייטווייליק, אויפגעבן דעם געדאַנק פון שיבת־ציון. ער האָט אָבער אויך, אין זיין צייט געזען אַז אָן דעם מאַרקסיזם וועט ער נישט געווינען די יידישע אָרעמע מאַסן פאַרן ציוניזם. דער נאַציאָנאַלער געפיל פאַר יידישן קיום, נישט די כלומרשטע וויסנשאַפטלעכקייט פון מאַרקסיזם, האָט אים געפירט צו דער גענעזע פון זיין טעאָריע. איז הגם די טעאָריע איז פון די געשעענישן אָפּגעפרעגט געוואָרן, איז פון דעסטוועגן זיין אידעאַל רעאַליזירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק.

מיט טורעמס מורישע
וואָס טראָגן נאָך די שטויבן
פון פאַרצייטן
און שאָטנס זייערע באַגלייטן
דיין יעדן קער און ווענד.

נאָר איך,
וואָס וואַנדער דאָ אַן איינזאַמער
אינצווישן די געטריבענע פון נייגער,
בין פון דעם אַלעם נישט פאַרבלענדט.
אין דמיון מיינעם דרייט זיך אויף צוריק
פון צייט דער זייגער
און דער ווייזער שטעלט זיך אָפּ
ערגעץ ביי דעם סוף
פון עלעפטן יאָרהונדערט.

אויך איך בלייב שטיין
און הער זיך איין פאַרוווּנדערט
אין די ווייכע טריט
וואָס הילכן אָפּ אויף האַרטן שטיין
מיט אַ געזאַנג
פון אים אַליין —
יהודה בן הלוי,
און איך פאַרנעם זיין ליד
און איך גיי מיט
זיין וועג פון דאַנען
אַזש ביז דעם ציון־לאַנד,
און ס'וויגט מיין שיף זיך אויפן ים
און ס'וויגט מיך איין
די נאַכט
וואָס פאַלט שוין צו
אין שפּאַנישן טאָלעדאָ.

## 2. איצט קום איך אַרויס פון טאָל

און ווידער זינגט אין מיר אַ ליד
צום טאַקט פון טריט.
אויף שטיין־ברוק פון גראַנאַדאַ
דער וועג אַלץ העכער, העכער פירט,
און באַלד וועל אין אוודאי
גרייכן צו אַלהאַמבראַ
דעם וווּנדער פון דער וועלט
אין שטיין פאַרקריצט.
פון ווייטן

זעט זיך שוין אַ טורעם־שפּיץ
וואָס העלט
אין זון צעגליטער,
נאָר אין מיין האַרצן ציטערט
דאָס ליד פון דיכטער קירסאַנאָוו סעמיאָן
וואָס כ׳טראָג מיט זיך
פון דעמאָלט אָן
ווען ס׳האָט הערצער אָנגעצונדן
אין אַ וואַרשעווער טעאַטער=זאַל
ווו אַ שטילקייט האָט געהערשט אַזאַ,
וואָס כ׳האָב קיין מאָל מערער נישט געהערט:
גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ,
גראַנאַדאַ מאַיאַ...

געוועז איז דעמאָלט מיר
גראַנאַדאַ נאָנט
ווי דאָס ליד
וואָס איז געקומען גלייך פון פראָנט,
נאָר וואָס האָב איך געוווּסט
פון יענעם ווייטן לאַנד
וואָס האָט אַ מאָל
דעם לעצטן ייד פאַרטריבן...

איצט קום איך אַרויס פון טאָל
און שטייג אַרויף צו דער אַלהאַמבראַ.
פון דער נאָנטקייט
איז קיין שפור געבליבן.
כ׳בין מיד
און ס׳באַהערשט אַ פרעמדקייט מיך אַזאַ—
פאַרגיב מיר
גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ,
גראַנאַדאַ מאַיאַ...

## 3. גוואַדאַלקיוויר

אין פינצטערניש פונעם זיכרון
צעעפנט זיך אַ שמאָלע טיר —
אַ ליכטשיין בלויז וואָס ליד ז׳געוואָרן:
עס רוישט,
עס לויפט,
גוואַדאַלקיוויר.

דער הייסער ריטעם פון די שורות
פושקינס האָט אַ מאָל געבראַכט

צו מיר פון ווייטן בלויע בשורות
אין דער קאַלט־אוראַלער נאַכט.

איצט שטיי איך ביי זיינע ברעגן,
דעם טייך וואָס שניידט אַדורך סעוויל,
פון הימל פאַלט אַ דריבנע רעגן
און אַרום איז שטיל, איז שטיל,
איך הער נאָר בלויז ווי ס'זינגט אין מיר:
עס רוישט,
עס לויפט,
גוואַדאַלקיוויר.

גוואַדאַלקיוויר, גוואַדאַלקיוויר —
איך קוק ווי ס'לויפט דער טייך צום ים
און אין זיין האַסטיקן וויבריר
דערטרונקען ווערט אַ פייער־פלאַם.

איז עס די זון שוין ביי איר ראַנד,
אָדער אויטאָ־דאַ־פע גאָר ברענט
שוין ווידער דאָ אין שפּאַניע־לאַנד
און פונעם פלאַם זיך רייסן הענט,

די זעלבע הענט פון זעלבן פלאַם
וואָס האָט אין ברוינער געטאָ־נאַכט
געפלאַקערט און פאַרצוקט מיין שטאַם
און די זון האָט רויט געלאַכט?...

גוואַדאַלקיוויר, גוואַדאַלקיוויר,
ווי קום איך גאָר אַהער צו דיר?
כ'בין אַש פון יענעם פלאַם, נישט מער,
נאָר פושקינס ליד נאָך אַלץ איך הער:
עס רוישט,
עס לויפט,
גוואַדאַלקיוויר.

## 4. אַ ייד אין מאַדריד

פּאַוואָליע שלעפּ איך מיינע מידע טריט
אויף גאַסן און בולוואַרן פון מאַדריד.
אין פּאַלאַץ שוין געווען און אין מוזייען
און איך מוז נאָך ווייטער, ווייטער גייען,
איינזאַפּן די ליכט־און שאָטן־פאַרבן,
ווי דער טאָג וואָס ווייסט אַז ער וועט שטאַרבן,

לילי בערגער / פּאַריז

# אויף די שפּורן פון אַמאָליקע מאַראַנען

ווען איך האָב זיך געלאָזט אויף אַ קורצן אויפהאַלט אויפן שפּאַנישן אינדזל מאַיאָרק, וואָס אויפן מיטללענדישן ים, האָב איך וועגן יענעם שיינעם, זוניקן ווינקל אויף אונדזער ערד געוווּסט צוויי זאַכן — אַז דאָרט האָט אַ שטיקל צייט געלעבט די גרויסע פראַנצויזישע שרייבערין זשאָרזש סאַנד צוזאַמען מיט פרידעריק שאָפּען, בעת זיין פאַרשטאַרקטער קראַנקייט, און אַז אויף די באַלעאַרן־אינדזלען, דער עיקר אין מאַיאָרק, זענען אַמאָל געווען געצוווּנגענע דורך דער אינקוויזיציע צו שמד יידן, און צווישן זיי אַ סך מאַראַנען.ביידע זאַכן האָבן מיר אינטערעסירט. זשאָרזש סאַנד איז אַ מאָל געווען מיין באַליבטער שרייבער, כ׳האָב צומאָל געהאַט געשריבן וועגן איר. וועגן איר צוזאַמענלעבן מיט שאָפּענען זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. און ווי קאָן מען זיין

---

נאָר וועט אויפהיטן אין זיך די שטראַלן
ביז צום אויפגיין ווידער, אַז פאַרפאַלן
זאָל קיין שטויבעלע נישט ווערן, כאָטש פאַרענדערט
ס׳וועט צוזאַמען מיטן מאָרגן דאָ אַ בלענד טאָן.

געזעגנט זיך מיט מיגועל סערוואַנטעס
וואָס זיצט רואיק אויפן טראָן גראַניטענעם
אין מיטן שפּאַניע־פּלאַץ, און אויף געשפּאַנטן
פערד דערנעבן — דאָן קיכאָט, און מיט אים
סאַנטשאָ פּאַנשאַ קומט צו רייטן —
שלעפּ איך ווייטער זיך און אַ צעגליטע
זון הענגט איבער מיר ווי אין די צייטן
פון סערוואַנטעסן און דאָן קיכאָטן.
כ׳וואָלט שווערן — ס׳איז די זעלבע זון וואָס ריטער
האָבן זיך פאַרשטעקט פון איר אין שאָטן.

זוך איך אויך אַ שאָטן און כ׳פאַרוואַנדער
צווישן גאַסן, געסלעך צו אַ ראַנד דאָרט,
וווּ שטאָט איילבירט־ביימער שטייט אַ מויער
און אַ מגן־דוד לייכט ביים טויער.
ווערט מיר הייסער נאָך ווי פון דער חמימה —
אפשר וועל איך אייגענע געפינען...
נאָר דאָס טויער איז פאַרהאַקט מיט שלעסער,
ס׳האָט אַליין דאָס פאָלק אין דעם פאַרגעסן.
— — — — — — —
גיי איך ווידער אויף די גאַסן פון מאַדריד,
אַן איינזאַמער, אַ זוכנדיקער ייד.

שפּאַניע, 1987

גלייכגילטיק, געפינענדיק זיך אויפן אָרט, נישט צו וועלן דערגיין וואָס ס׳איז אויף אַ פּאַרוואָרפענעם ווינקל געוואָרן מיט די אַמאָליקע מאַראַנען? ובכן, ביידע זאַכן האָבן מיך געלאָקט, כ׳האָב זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז ביידע זענען טיילוויז געבונדן, אַז איך וועל אין די באַשרייבונגען פון זשאָרזש סאַנד פונעם אינדזל זיך דערוויסן אַ סך פּרטים וועגן מאַרטירערטום פון די אַמאָליקע מאַראַנען און סתם וועגן די יידן־קאַטאָליקן.

זשאָרזש סאַנד און פרעדעריק שאָפּען האָבן פאַרבראַכט אין מאַיאָרק אין יאָר 1838. פון דעם העכער האַלב־יאָריקן אויפהאַלט האָט די שרייבערין, די גרויסע הומאַניסטין, מיט איר שטענדיקער נייגונג צו פאָרשן, אָנגעשריבן דאָס בוך „אַ ווינטער אין מאַיאָרק״. ווען איך האָב זיך געלאָזט אויף די שפּורן פון זשאָרזש סאַנד און שאָפּען, האָב איך נישט געוווּסט, אַז אַזאַ בוך איז פאַראַן. און פאַרוואָס אַזאַ בוך איז ווייניק באַקאַנט אין פראַנקרייך, איז אַ רעטעניש.

אַ וואָסערע 50 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט פּאַלמאַ, אויף צפון־מערב, צופוסנס פון די זילבער־בלויע בערג, וואָס הייבן זיך אויף מאַיעסטעטיש איבערן ים, ליגט דאָס קליינטשיקע, כישופדיקע שטעטעלע וואַלדעמאָסאַ, ווו עס געפינט זיך היינט דער שאָפּען־מוזיי און עס איז צונויפגעזאַמלט — אַפילו די אַלטע פּיאַנינע אויף וועלכער שאָפּען האָט קאָמפּאָנירט — און אָפּגעהיט מיט פּיעטעט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין און זשאָרזש סאַנדס אויפהאַלט אין מאַיאָרק. אין דעם־אָ מוזיי, וואָס געפינט זיך אין אַ גרויסער, געוועזענער קלויסטער־קעביידע, ווו זשאָרזש סאַנד און שאָפּען האָבן געוווינט אין דריי צימערן, האָב איך צווישן אַנדערע פאַרשידענע שריפטן און מערקווירדיקייטן געפונען אין פאַרקויף דאָס בוך „אַ ווינטער אין מאַיאָרק״, סיי אין פראַנצויזיש, סיי אין איבערזעצונגען. מיט דער נייער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין פּאַלמאַ אין 1968, האָט זיך פאַרנומען דער מוזיי גופא און אין דער נאָטיץ פון אַרויסגעבער ווערט אָנגעוויזן, אַז דער טעקסט איז קאָנטראָלירט לויטן מאַנוסקריפּט פון זשאָרזש סאַנד, מחמת אין די פריערדיקע אויסגאַבעס זענען אַריינגעפאַלן אומפּינקטלעכקייטן. פון דעם בלויז קאָן שוין דער לייענער דרינגען, אַז זיך צו דערוויסן וועגן אויפהאַלט פון זשאָרזש סאַנד און שאָפּען אין מאַיאָרק איז נישט שווער געווען. אָבער דאָס איז נישט די טעמע פון איצטיקן מאמר. דאַקעגן וואָס שייך דער ווירקלעכער טעמע, ווי ס׳איז אָנגעוויזן אין טיטל — וועגן די אַמאָליקע מאַראַנען, אדער וועגן די היינטיקע יידן־קאַטאָליקן, איז דאָס שוין ווייט נישט געווען פון די לייכטע זאַכן עפּעס זיך צו דערוויסן. לייכטער איז געווען צו געפינען אינפאָרמאַציעס וועגן דער געשיכטע פון יידן אין מאַיאָרק בכלל.

יידן האָבן געלעבט אויפן אינדזל פון די עלטסטע צייטן, אונטער פאַרשידענע הערשאַפטן. מאַיאָרק האָבן אַמאָל געהאַט באַהערשט די קאַרטאַגינער, דערנאָך די רוימער, שפּעטער איז דאָס אינדזל400 יאָר, ביז 1229, ווען שפּאַניע האָט עס דעראָבערט, געווען אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער. פון דער אַראַבישער עפּאָכע זענען פאַרבליבן געמויערטע בעדער, וואָס שטאַמען פון 10=טן יאָרהונדערט. צווישן די־אָ בעדער וואָס כ׳האָב באַזוכט אין פּאַלמאַ, איז געווען אויך אַ יידישע באָד, וואָרשיינלעך אַ מקווה. אַ צווייטער באַלערנדיקער פּרט : אין פּאַלמאַ איז במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געווען אַ זון־זייגער פון אַן אויסטערלישן געבוי. ספּעציאַליסטן האָבן געזוכט צו דערגיין פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען אַזאַ אַנטיק. האָט אַ געלערנטער, אַ קאַטוילישער טעאָלאָג, רעקטאָר פון אוניווערסיטעט אין פּאַלמאַ אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אין איינעם

פון זיינע ביכער וועגן רעליגיעס פעסטגעשטעלט, אַז אין די צייטן פון וועספּאַזיאַן, ווען יידן זענען, נאָכן צעשטערן ירושלים אַנטלאָפן פון דער צעשטערטער שטאָט, זענען זיי געקומען קיין מאַיאָרק און מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אַרויסגעראַטעוועטן זייגער. צי אַזאַ אורשפּרונג פונעם אויסטערלישן זייגער איז אַ ריכטיקער צי נישט, איז מען אָבער פון אַזאַ השערה גענויגט צו גלויבן, אַז יידן האָבן זיך באַזעצט אין דעם שיינעם, זוניקן מאַיאָרק אין די עלטסטע צייטן. אָבער דאָס אַלץ גיט נאָך נישט קיין שליסל זיך צו דערוויסן וואָס מיט זיי איז געוואָרן.

פון מיינער אַ באַקאַנטער, אויך אַ טוריסטין אין פּאַלמאַ, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז ס'איז פאַראַן אין דער שטאָט אַן אַמאָליקע יידישע געגנט, וווּ עס וווינט היינט די אָרעמשאַפט. די געגנט האָב איך געפונען אַן אָפּגעלאָזענע, אַ פאַרבאָרגענע, אַ שטומע, זי דערציילט גאָרנישט. קיין יידן זענען דאָרט נישטאָ. פון דער זעלבער טוריסטן האָב איך זיך אָבער אויך דערוווּסט, אַז זי האָט באַגעגנט אַ דאָרטיקן מאָלער, וועלכער האָט איר, דער יידישער פרוי, דערציילט אין קוים אַ פאַרשטענדלעכן פראַנצויזיש, אַז ער שטאַמט פון יידן און טראַכט זיך אומצוקערן צום יידנטום. וווּ געפינט מען דעם דאָזיקן מענטש? זי ווייסט נישט. וווּ און ווי אַזוי געפינט מען אַנדערע אָפּשטאַמיקע פון יידן? וווּ זוכט מען סתם יידן צו קאָנען זיך עפּעס דערוויסן?

צופאַלן העלפן צייטנווייז אַרויס. מיר זענען זאַלבע דריט, נאָך אַ לאַנגן באַזוך אין דער גרויסער קאַטעדראַלע, וואָס שטאַמט פון 13=טן יאָרהונדערט, געזעסן אין דערנעבנדיקן עקזאָטישן גאָרטן אויף אַ באַנק און צוזאַמען אין פראַנצויזיש זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אָנצוקומען צום אויטאָבוס, וואָס פירט צום שטעטעלע פון אונדזער אויפהאַלט. אַן עלטערער מאַן מיט אַ הדרת פנים און עלעגאַנטער באָרד האָט פון סוף פון דער באַנק זיך אויסגעדרייט צו אונדז און אין אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש אונדז אָנגעוויזן דעם קירצסטן וועג.

— איר זענט אַ היגער? — האָב איך געפרעגט.

— אַ היגער, אָבער איך שטאַם פון מאַראָקע.

— קענט איר גוט די שטאָט?

— זייער גוט.

האָט ער זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און גערן באַריכות דערציילט, אַז פּאַלמאַ איז אַן אמתע קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט. פאַראַן דאָ מענטשן פון אַלע לענדער און אַלע פעלקער. כ'האָב זיך דערוווּסט פון אים פרטים, וועלכע כ'האָב נישט געפונען אין די איבער 200 זייטן פון "גייד".

— און יידן זענען אויך פאַראַן אין פּאַלמאַ?

— פאַראַן, פאַראַן, כ'קען אַ סך פון זיי. אויב ווילט איר זיי טרעפן, איז אינעם געסל, וווּ עס זענען פאַראַן בלויז יידישע יובילער-געשעפטן.

נאָר איין קליינקייט, ער קען נישט דעם נאָמען פונעם געסל, אָבער ס'איז לייכט צו געפינען און ער משלט אונדז אויס מיט אַלע פּיטשעווקעס, וווּ דאָס געסל ליגט. ס'איז מיר נישט איינגעפאַלן צו פרעגן וואָסערע יידן דאָס זענען, יידן זענען יידן, וואָסערע זיי זאָלן נישט זיין, וועל איך מיך שוין ביי זיי וועגן אַלעמען אינפאָרמירן.

אויף צו מאָרגנס האָב איך מיך ווידער געלאָזט קיין פּאַלמאַ, דאָס מאָל אָפּצוזוכן דאָס געסל פון יידישע יובילערן. אָבער גיי געפין אַ געסל, ווען אין דער האַנדלס=געגנט פון דער אַלטשטאָט זענען פאַראַן צענדליקער געסלעך, אַלע זענען זיי ענלעך צו זיך און כמעט אומעטום זענען פאַראַן יובילער-געשעפטן. (יובילעריי, דער עיקר פּערל, איז איינע פון די אינדוסטריעס און קאָמערציעלע באַשעפטיקונגען פונעם אינדזל). האָב איך מיך אָנגענומען מיט כוח, אַריין אויף איינער פון די הויפּט-האַנדלס=גאַסן אין אַ יובילער-געשעפט

פרעגן ווו עס געפינט זיך דאָס געסל פון יידישע יובילערן. דורך דער גלעזערנער טיר האָב איך געזען צוויי מענער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט סאָרטירן סחורות. כ'האָב שוין געוווּסט, אַז אין די געשעפטן זענען זיי צוגעוווינט צו די פילצאָליקע טוריסטן און מען רעדט אין אַלע שפּראַכן. כ'האָב זיך געוואָנדן צו דעם, וועלכער האָט מיר אויסגעזען צו זיין דער אייגנטימער.

— פרעגט ביי אים, ער איז אַ ייד, האָט מיר דער מענטש געזאָגט אין אַ שטאַמלנדיקן פראַנצויזיש, אָנווייזנדיק אויף דעם עלטערן מאַן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין זיין שותף.

— איר זענעט אַ ייד? האָב איך אַ צופרידענע איבערגעפרעגט.

— ניין, ניין, איך בין נישט קיין ייד, כ'בין אַ קאַטאָליק — האָט ער ענערגיש אָפּגעלייקנט.

דער ערשטער שותף האָט זיך שטיל געשטיקט פון געלעכטער, געוווּנקען צו מיר און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— לויט אים זענט איר אַ ייד — האָב איך געפּרוּווט עפּעס דערגיין פון אים.

— מיינע אור־עלטערן זענען געווען יידן, מיינט ער, אַז איך דאַרף אויך זיין אַ ייד. איך בין אָבער אַ קאַטאָליק. ס'איז אַ מעשה, וואָס איז שוין אַלט אַ פינף הונדערט יאָר. געווען אַמאָל יידן, היינט קאַטאָליקן, זינט הונדערטער יאָרן.

וואָס שייך דעם געסל פון יידישע יובילערן, האָב איך זיך גאָרנישט דערוווּסט. האָב איך ווייטער געוואַנדערט און געזוכט. פּלוצלינג האב איך דערזען אַן עכט יידיש פּנים. דורך דער אָפענער טיר פון אַ קלייטל, האָב איך דערזען ביי אַ וואַרשטאַט — טיש אַ זייגער־מאַכער. אַן עלטערער מענטש מיט אַ קאָפּ שוואַרץ־גרויע האָר, מיט א היפּשער נאָז, מיט א טונקל־ברוין סעמיטיש פּנים, אָנגעבויגן איבער אַ פונאַנדערגענומענעם וועקער, האָט ער אויסגעזען ווי א טיפּישער יידישער זייגער־מאַכער פון אַ יידיש־פּויליש שטעטל. כ'בין אַריין אין קלייטל און געפרעגט אויפן געסל פון יידישע יובילערן. דער מענטש האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט און נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. ניין, ער ווייסט נישט. דערביי האָט זיין פּנים באקומען נאָך אַ מער יידישן אויסזען. כ'האָב געוואלט געווינען זיין צוטרוין און געזאָגט:

— כ'בין אַ יידישקע פון פראַנקרייך, כ'זוך יידן, מיר דוכט זיך אַז איר זענט אַ ייד...

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, אָנגעהויבן נערוועז צו פּלאָנטערן מיט דער צונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּווענדן פון זיך אַ בילבול:

— ניין, איך.. איך... כ'בין נישט קיין ייד, כ'בין אַ קאַטאָליק, כ'ווייס נישט פון קיין שום געסל, כ'בין נישט קיין ייד.

וואָס מער ער האָט אַן איבערראַשטער, אַ דערשראָקענער זיך פאַרטיידיקט, אַלץ מער האָט זיין פּנים באַקומען אַ יידישן אויסזען. ביז היינט בין איך זיכער, אַז ער איז איינער פון די סך אָפּשטאַמיקע פון די אַמאָליקע יידן, וועלכע מ'האָט געהאט ביים סוף 15=טן יאָרהונדערט געצוווּנגען צו שמד. ס'איז מיר געוואָרן אַ רחמנות, קוקנדיק, ווי דערשראָקן ער איז געוואָרן און כ'בין אַוועק.

וואַנדערנדיק ווייטער אין אַ דערנעבנדיק געסל, האָב איך אין אַן אָפענער טיר פון אַ יובילער־קלייטל געזען אַ יונגע שוואַרץ־חנוודיקע פרוי. די יובילער־סוחרים דערקענען לייכט די טוריסטן, פאַרבעטן זיי אָפטמאָל אין געשעפט. די יונגע פרוי האָט געשמייכלט צו מיר. מיר זענען אַריין אין געשעפט, געקויפט אַ קלייניקייט און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס.

— צי זענען פאַראַן יידן אין דער געגנט?

— פאַראַן, פאַראַן א סך.

— איר זענט אפשר אויך אַ יידישקע?

זי האט זיך הויך, שטיפעריש צעלאַכט:

— איך זע דען אויס אויף אַ יידישקע?

טוריסטן האָבן מיך שוין דאָס געפרעגט. ניין, איך בין נישט קיין יידישקע, אָבער איך קען אַ סך יידן.

כ׳האָב איר געגלויבט. זי איז נישט געווען דערשראָקן, געענטפערט פריי אויף אַלע פראַגן, יאָ, אין דער געגנט זענען פאַראַן אַ סך יידן, דאָס גרויסע קליידער־געשעפט ביים סוף גאַס געהער צו אַ יידישן שניידער; יאָ פאַראַן אַ געסל פון בלויז יידישע יובילערן, דאָס געסל הייסט פלאַטעריאַ, אָט שרייבט זי אונדז אויף דעם נאָמען, ס׳איז א 5־4 מינוט גאַנג פון דאַנען.

כ׳האָב נאָך אלץ נישט געוווּסט, נישט געפרעגט וואָס פאַראַ יידן עס זענען דאָרט.

כ׳האָב איר באַדאַנקט פאַר די אינפאָרמאַציעס און זיך געלאָזט צום מיסטעריעזן געסל. איצט איז לייכט געווען עס צו געפינען, כאָטש ס׳איז פאַרשטעקט הינטער אַ צווייט געסל.

כ׳האָב ארומגענומען מיטן אויג די יובילער־געשעפטן פון ביידע זייטן טראָטואַר און געטראַכט ווו איך זאָל קערעווען מיינע ערשטע טריט. אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַ טיפּיש יידישן אויסזען האָט ארויסגעקוקט פון אַן אָפענער, באַגלאָזטער טיר און מיט אַ העפלעכן זשעסט פאַרבעטן. ווען מיר זענען אַריין האָט זי אַ צעשמייכלטע אין אַ שלעכטן פראַנצויזיש אָנגעהויבן אויספרעגן וואָס כ׳האָב חשק איינצוקויפן.

כ׳האָב זיך אַנטשולדיקט וואָס איך קום נישט איינקויפן. כ׳האָב אויף דער הייסער מינוט צוגעטראַכט אַ מעשה... כ׳קום דאָ זוכן אַ יידישע משפחה, נאָר כ׳האָב נישט דעם נומער פון דער גאַס, די משפחה הייסט קאָהען... איר קענט זיכער די יידן פון געסל...

די צעשמייכלטע פרוי איז געוואָרן ערנסט, בלאַס, און האָט אָנגעהויגן נערוועז דו רעדן:

— איך קען נישט קיין שום יידישע משפחה, קיין שום יידן, נישט פאַראַן דאָ אין דער גאַס קיין יידן, אַלע זענען דאָ קאַטאָליקן.

— איר זענט אויך אַ קאַטוילישע?

— איך בין אויך אַ קאַטוילישע, אַלע זענען מיר דאָ קאַטאָליקן, נישטאָ דאָ קיין יידן.

דער מאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש אויבנאָן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט זיכער געפילט ווי איך האָב אויפגעכאַפּט זיין איראָנישן שמייכל. ער איז געוואָרן ערנסט. אַ שווייגנדיקער האָט ער איינגעגראָבן די בליקן אין טיש. בעתן שמועס האָט ער מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן, אָבער ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער איז אויפגערודערט. כ׳האָב פאַרלאָזט דאָס געשעפט מיטן באשלוס גלייך צו פּרוּוון דאָס מזל ערגעץ אַנדערש, אונטער אַן אַנדער פּרעטעקסט. מיין באַגלייטער האָט מיך אָפּגערעדט. ס׳איז אַ רחמנות אויף די מענטשן. צי זע איך דען נישט, אַז זיי האָבן שרעקלעך מורא?

נאָך אַ צווייטן דורכפאַל אין אַ יובילער־געשעפט האָבן מיר לאַנגזאַם שפּאַצירט אין שמאָלן געסל און איך האָב געטראַכט צי זאָל איך שוין היינט אָפּלאָזן דאָס ווייטערדיקע נאָכפרעגן, ווי עס עצהט מיר מיין באַגלייטער, צי נישט. אין דעם האָט זיך אַ טיר פון אַ געשעפט געעפנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין אַ הויכער יונגער מענטש מיט א שוואַרצן קאָפּ לאַנגע האָר און אַ געדיכטער רונדיקער באָרד. די מאָדערנע פריזור, דאָס אָפענע, סימפּאַטישע פּנים האָבן מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ פרייער מענטש. כ׳האָב נישט לאַנג געטראַכט, דערנענטערט זיך צו אים און געפרעגט צי איך קאָן בעטן ביי אים אויסקונפטן. ער האָט אונדז העפלעך פאַרבעטן אין געשעפט. דאָס מאָל האָב איך געשפּילט אין אָפענע קאָרטן: כ׳בין אַ יידישער שרייבער פון פראַנקרייך, כ׳דאַרף מאַכן אַ פאָרש־אַרבעט וועגן די אַמאָליקע יידן, מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז אין דעם געסל וווינען בלויז יידן.

ער האָט באַלד שנעל פאַרשטאַנען אין וואָס מיר גייט. יאָ, אין דער גאַס זענען אלע

אייגנטימער פון די געשעפטן, חוץ איינעם, פון יידישער אָפּשטאַמונג. ער גופא אויך. זיי ווייסן דאָס אלע גענוי, פּונקט ווי די אַנדערע אָפּשטאמיקע פון יידן ווייסן דאָס, אָבער אַ סך פון זיי ווילן זיך נישט אויסגעבן. צווישן זיך באַהאַלטן דאָס נישט אויס אַפילו די, וואָס גייען אין קלויסטער. דער באַוווּסטזיין, אז מ׳שטאַמט פון יידן גייט איבער פון דור צו דור, מען ווייסט צומאָל, אַז נישט ווייט פון דאַנען, אויף פּלאַזאַ מאַיאָר, זענען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, בעת די גרויסע רדיפות, פאָרגעקומען משפטים פון דער אינקוויזיציע און אַז אויפן דאָזיקן גרויסן פּלאַץ האָבן אַמאָל געפלאַטעקט די אויטאָ־דאפעס, ווו מ׳האָט געברענט די נייע קאַטאָליקן, וועלכע מ׳האָט חושד געווען אין אפּהיטן אין געהיים יידישקייט.

— ווי זעט עס היינט אויס מיט די דאָזיקע מענטשן? זענען זיי ווירקלעך קאַטאָליקן?

— ס׳איז זייער פאַרשידן, די עלטערע מענטשן גייען אָדער פון געוווינהייט, אָדער אפשר פון אַ באַדערפעניש, אין קלויסטער, די יוגנט נישט, פּונקט ווי איך גיי קיין מאָל נישט אין קלויסטער, ווייל איך בין נישט רעליגיעז, אָבער אָפיציעל זענען מיר אלע קאַטאָליקן, אזוי זינט דעם סוף פון 15=טן יאָרהונדערט. ווי איר ווייסט, זענען דעמאָלט געווען צוויי אויסוועגן — אָדער טויט, אָדער אָנגעמען דעם קאַטאָליציזם.

— ווי קומט עס אָבער וואָס אלע נישט־יידן ווייזן אָף אויף אייך ווי יידן, באַטראכטן אייך אלע אלס יידן?

— די אָפּגעשמדטע יידן האָבן פון שטענדיק אָן געלעבט צווישן זיך, אָפּגעזונדערט פון דער אמתער קאַטוילישער באַפעלקערונג, האָבן חתונה געהאַט בלויז צווישן זיך, זיך נישט אויסגעמישט; דערצו איז דאָס אַ קליין אָרט, אַלע קענען אַלעמען און אזוי איז דאָס פארבליבן. אפשר דערפאַר ווילן אַ סך אויסבאַהאַלטן, אַז זיי שטאַמען פון יידן.

אַנדערע דאקעגן ווילן דווקא יאָ וויסן פון וואַנען זיי שטאַמען. מיך, למשל, אינטערעסירט מיין נאָמען. כ׳הייס מיראָ, לואיז מיראָ, וויל איך גרייכן צו די וואָרצלען, איך זוך זיך צו דערוויסן צי מיראָ איז אַ יידישער נאָמען, אָדער מיינע זיידעס האָבן אַמאָל, ווען זיי זענען געצוווּנגען געווען אָנצונעמען דעם קאַטאָליציזם, אויך אָזגענומען אַן אַנדער נאָמען.

— אויף מיין פראגע צי דער באַרימטער שפּאַנישער מאָלער יאָכאן מיראָ איז אויך פון יידישער אָפּשטאמונג (ווי וואַלעסקעז) האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אגב האָט ער מיר אינפארמירט, אַז דער מאָלער מיראָ וווינט היינט אין פּאַלמאַ. דאַקעגן האָט שפּעטער אַ צווייטער אינפארמאַטאָר מיינער, נישט קיין אָפּשטאמיקער פון יידן, מיר פאַרזיכערט, אַז דער מאָלער מיראָ שטאַמט טאקע פון יידן און אַז אין טעלעפאָן־בוך אין פּאַלמאַ קאָן מען געפינען אָן אַ שיער מאָל דעם נאָמען מיראָ און אלע די מענטשן זענען אָפּשטאַמיקע פון יידן.

נאָך מיין לאַנגן שמועס מיט לואיז מיראָ האָב איך אים געפרעגט צי ס׳וואָלט מעגלעך געווען ער זאָל מיך צונויפפירן מיט עטלעכע יידן־קאַטאָליקן פון דער גאס איך זאָל קאָנען זיי שטעלן אייניקע פראַגן. ניין, האָט ער מיר פאַרזיכערט, ס׳וועט זיך נישט איינגעבן, זיי זענען נישט פריי דערצו, זיי וועלן אַזאַ פאָרשלאַג נישט אָנגעמען.

דער 35־יאָריקער יונגער מענטש האָט מיר ביים געזעגענען געגעבן זיין קאַרטל און מסכים געווען איך זאָל צו אים אַריינפאַלן, ווען איך וועל אים דאַרפן. דאָך, ווען איך בין איינמאָל געקומען און געטראָפן ביי אים אַ האַלבן טוץ מענטשן, זיכער יידן־קאַטאָליקן, האָט ער מיך אָפּגערופן אין אַ זייט, אַנטשולדיקט זיך און געגעבן צו וויסן, אַז אין זייער אָנוועזנהייט איז נישט מעגלעך וועגן די

ענינים צו שמועסן, כ׳זאָל קומען אַ צווייטן מאָל.

איך האָב אָבער באַלד דערנאָך געפונען נאָך אַ מער פרייערן אינפאָרמאַטאָר, ווייל נישט פון יידישער אָפּשטאַמונג, אַ דאָרטיקער אַנטיפאַשיסט, אַ סאָציאַליסט, וועלכער איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון יידן אין מאַיאָרק. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין דער האַנדלס־גאַס סינדיקאַטאָ, נישט ווייט פונעם דערמאָנטן פּלאַזאַ מאַיאָר. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער גאַס און מיר איבערגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פון אַלטע אַנאַלן: "אָט דאָ, אין דער לענג פון דער גאַנצער גאַס, האָט זיך אין אַ מאַי טאָג 1495 געגאָסן בלוט. אַן אויפגערייצטער המון האָט אַרויסגעשלעפּט יידן פון די הייזער, פון די קראָמען און דערמאָרדעט זיי ווי אַזוי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. דערנאָך האָט מען די לעבנגעבליבענע געצוווּנגען איבערצוגיין צום קאַטאָליציזם".

אויך ער האָט גערעדט וועגן די קאַטאָליקן־יידן, אָדער אָפּשטאַמיקע פון יידן ווי וועגן אמתע יידן. פון אים האָב איך מיך אויך דערוווּסט, אַז פיל אַזעלכע, וועלכע ער באַטראַכט אַלס יידן, פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע און אויף אַנדערע געביטן. דער בירגערמייסטער פון פּאַלמאַ, אַ באַקאַנטער סאָציאַליסט מיטן נאָמען אגיאָ אַלקאַלדע איז אויך אַזאַ ייד, אַלע ווייסן דערפון, האָט ער מיר פאַרזיכערט.

אגב האָב איך אין שטאָטראַט אין פּאַלמאַ באַקומען נישט ווייניק אויסקונפטן. אויך וועגן אָרטיקן בית־מדרשל פון יידישע יידן האָב איך זיך דערוווּסט ביי אַ סימפּאַטישן באַאַמטן אין שטאָטראַט, און ווער ווייסט צי ס׳קלאַפּט נישט אין אים אַ יידישער אָדער. און אַז ס׳זענען שוין דערמאָנט יידישע יידן, איז זאָל וועגן זיי עפּעס דערציילט ווערן. כ׳האָב זיי לאַנג געזוכט און געפונען אַן אַדרעס טאַקע אַדאַנק דעם באַאַמטן. 14 קילאָמעטער פון מיין אויפהאַלט אָרט, 8 קילאָמעטער פון פּאַלמאַ, געפינט זיך דאָס שיינע שטעטעלע קאַלאַ מאַיאָר. אין אַן אָפּגעדונגענעם, לאַנגן צימער פון אַ גרויסן האָטעל, ווו עס שטייען איין אגב אָן אַ שיער דייטשע טוריסטן (זיי זענען אומעטום דאָרט פול), איז איינגעאָרדנט לויטן אשכנזישן נוסח אַ בית מדרש, ווו יידן קומען זיך צונויף פרייטיק אָוונט, שבת אין דער פרי און בעת די יום־טובים.

ווער זענען די יידן? דאָס זענען עלטערע מענטשן, מענער און פרויען, וועלכע קומען פון ענגלאַנד, האָלאַנד, דענעמאַרק און אַנדערע צפון־אייראָפּעאישע לענדער פאַרברענגען די ווינטער־חדשים, אָדער באַזעצן זיך אין דעם מילדן, וואַרעמען קלימאַט. 60 אַזעלכע פּערזאָנען זענען מיטגלידער פון דעם בית־מדרשל, אָבער דורכשניטלעך קומען בלויז אַ דרייסיק. יעדע עטלעכע חדשים קומט צו זיי אַ רב פון באַרצעלאָנע, וואָס געפינט זיך בלויז עטלעכע צענדליך קילאָמעטער פון מאַיאָרק. איך בין בייגעווען אַ פרייטיק אין אָוונט ביי אַזאַ צוזאַמענקונפט, יידן האָבן מיט התמדה געדאַוונט, דער בעל־תפילה האָט זיך צעלאָזט אויפן גאַנצן קול. כ׳האָב געשמועסט מיט אַ סך פון זיי; בלויז איינער, אַ מאַן פון אַ יאָר 50, איז מיט צען יאָר צוריק געקומען פון האָלאַנד זיך באַזעצן אין פּאַלמאַ געשעפטלעך. אַ סברה, אַז ער איז נישט דער איינציקער.

אגב האָב איך מיך דורכגעשמועסט מיט אַ יידישער משפחה פון מאַראָקע, וואָס ווייסט צומאָל נישט וועגן דעם בית־מדרשל און וואָס קלייבט זיך ווידער אויסצוואַנדערן, קיין מאַלאַגאַ, ווו ס׳זאָל זיין אַן אַקטיווע יידישע קהילה. אל כן, יידן וואַנדערן... ס׳איז מיר געלעגן אויף די ליפּן אַ פראַגע: פאַרוואָס פאָרן נישט די אַלע קיין ישראל, בפרט די עלטערע מענטשן, וואָס האָבן מיטלען צו לעבן און זוכן בלויז אַ וואַרעמען קלימאַט? כ׳האָב נישט געפרעגט, דווקא, ווייל כ׳האָב געזען

זייער וואַרעמע באַציאונג צו ישראל.

כ'האָב דאַקעגן אויסגעפרעגט צי זיי האָבן וועלכע ס'זאָל נישט זיין קאָנטאַקטן מיט די אָפּשטאַמיקע פון יידן. ניין, כאָטש זיי ווייסן, אז זיי זענען אין א גרויסער צאָל. דאָך איז אַ געוויסע צייט געקומען אין בית המדרשל איינער אַזאַ אָפּיציעלער קאַטאָליק און זיך פאָרטרויט, אַז ער באַגערט זיך אומצוקערן צום יידנטום, גענומען אויסקונפטן וועגן דער פּראָצעדור, געזאָלט פאָרן קיין ישראל אין צוזאמענהאַנג דערמיט. וואס מיט אים איז געוואָרן ווייסן זיי נישט, ער איז נעלם געוואָרן. ובכן, צו מיר זענען דערגאַנגען בלויז צוויי ידיעות וועגן צוויי אַזעלכע, וואָס באַגערן זיך אומצוקערן צום יידנטום און ס'איז נישט זיכער צי זיי האָבן דאָס דורכגעפירט; כ'מיין, אז נישט בלויז צוליב דער שווערער פּראָצעדור, נאָר אפשר מערער צוליב דער טראַגישער פאַרגאַנגנהייט, וואָס דריקט נאָך אויף זיי מיט אַ שווערער משא, ווי איך האָב דאָס געזען.

אָפּיציעל האָבן די טריבונאַלן פון דער אינקוויזיציע אויפגעהערט צו ארבעטן אין אָנהייב פון 19=טן יאָרהונדערט. אָפּיציעל. און בלויז די טריבונאַלן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אין פּאַלמאַ איז געווען אַ קלויסטער פון די דאָמיניקאַנער, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דורות מיט גרויזאַמקייטן, וואָס זענען דאָרט אָפּגעטאָן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ ריזיקע געביידע פון אַ זעלטענער גאָטישער ארכיטעקטור, פון קונסט — אויסשטאַטונג, אַ באַצירטע מיט רייכע, קאָלירטע מאָזאיקעס און סקולפּטורן. אָבער אין דער קונסט-געביידע האָט געפירט איר טייוולאָנישע אַרבעט די אינקוויזיציע. אין דער טיף פונעם קלויסטער, אין די שטיינערנע קעלערן, וועמענס ווענט האָבן געהאַלטן 14 פיס די גרעב, איז געווען די תפיסה, ווו מענטשן האָבן זיך געפיינִיקט אין פינצטערע, אייז-קאַלטע איינצל-צעלן אָן אַ שטראַל ליכט און אָן לופט, און וואָס שטאַרקער דער אָרגאַניזם פון "פאַרזינדיקטן" איז געווען, אַלץ מער יאָרן האָט געדויערט זיין פּיין, אויב ער איז נישט פארפּייניקט געוואָרן מיט איין מאָל דורכן פייער פון אויטאָ-דאַ-פע. (כ'האָב אגב געזען ענלעכע תפיסה-צעלן אין גרויסאַרטיקן קונסט-פּאַלאַץ פון די דאָזשן אין ווענעציע און אויך אין פראנקרייך אין בארימטן סען מישעל, אין דער געביידע פון זעלטענער ארכיטעקטור).

ערשט אין 1837,נאָכן אָפּשאַפן די אינקוויזיציע, איז לויט אַ דעקרעט פון שפּאַנישן ערשטן מיניסטער מענדיזאַבעל צעשטערט געוואָרן דער שרעקלעכער סימבאָל פון דער אינקוויזיציע. די דירעקטאָרן פון דער היפּשער ביבליאָטעק אין פּאַלמאָער שטאָטראַט האָט מיר אין אַן ענציקלאָפּעדיע אויפגעזוכט געוויסע פּרטים וועגן שרעק-קלויסטער און איבערגעגעבן, אַז ער האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט, נישט ווייט פון שטאָטראַט און אז אויף יענעם אָרט געפינט זיך היינט אַ קאַזינאָ. מענטשן, וועלכע וויילן זיך היינט אין דעם — אָ קאַזינאָ ווייסן נישט, אַז פון די שטיינערנע טיפענישן האָבן זיך אַמאָל במשך פון דורות געטראָגן פאַרשטיקטע פּיין-געשרייען. און דאָ קערן מיר זיך אום צו זשארזש סאנד. אין 1838 האָט זי נאָך באַגעגנט, ווי זי שרייבט אין איר בוך "אַ ווינטער אין מאַיאָרק", אַ גלח פון פּאַלמאַ, וועלכער האָט אין זיין יוגנט, פאַר אַ פאַרדאַכט אין הערעטיזם, געשמאַכט 7 יאָר אין דער אונטערערדישער, שטיינערנער תפיסה און נאָר אַ דאַנק אַ זייער איינפלוס רייכער דאַמע, וועלכע האָט אים גענומען אונטער איר שוץ, איז ער לעבן געבליבן און אַרויס פון דער אינקוויזיציע-תפיסה.

פון די פילצאָליקע יידישע קרבנות, די פאַרדעכטיקטע אין אָפּהיטן אין געהיים יידישקייט, אָדער ווי מ'האָט זיי גערופן — מאַראַנען, איז אַ ספק צי עמעצער איז אַרויס אַ לעבעדיקער.

די אינקוויזיציע אין פּאַלמאַ־מאַיאָרק האָט געהאַט אירע אייגענע, ספּעציפישע פּראָצעדורן. זשאַרזש סאַנד, נאָך דעם ווי זי פירט דורך אַ לאַנגן דיאַלאָג צווישן אַ יונגן קינסטלער, וואָס באַדויערט דאָס צעשטערן דעם גרויסן קונסט־טעמפּל, און אַ גייסטלעכן, אַ געוועזענעם אַרעסטאַנט פון דער שוידערלעכער תפיסה ציטירט, חוץ אַנדערע געבראַכטע פּרטים וועגן דאָמיניקאנער־קלויסטער, אַ פראַנצויזישן מחבר מיטן נאָמען גראַסע דע סען סאַוועַר, וועלכער האָט אין אָנהייב פון 19=טן יאָרהונדערט געמאכט אַ רייזע איבער די באַלעאַרן־אינדזלען און באַזוכט דעם־אָ קלויסטער אין פּאַלמאַ. און דעם מחבר, שטרייכט אונטער די שרייבערין, קאָן מען נישט חושד זיין אין איינזייטיקייט אָדער שטרענגקייט לגבי דער אינקוויזיציע, ווייל ער איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט די אינקוויזיטאָרן. האָט דער באַזוכער, אָן אויפגעטרייסלטער פון דעם וואָס ער האָט געזען, אַזוי געשריבן: "אין קלויסטער פון די דאָמיניקאנער זעט מען נאָך די אויסגעמאָלענע אימאַזשן, וואָס דערמאָנען די באַרבאַריי מיט וועלכער מ'איז זיך דאָ באַגאַנגען מיט די יידן. יעדער פון די אומגליקלעכע, וואָס איז פארברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, איז פאָרגעשטעלט אין אַ בילד אונטער וועלכן ס'איז אונטערגעשריבן זיין נאָמען, זיין פאַרנאָמען, זיין עלטער און די דאַטע, ווען ער איז באַשטראָפט געוואָרן (ד.ה. פארברענט געוואָרן.ל.ב.) מ'האָט מיר דערציילט, אז נישט לאַנג צוריק האָבן די אָפּשטאַמיקע פון יענע אומגליקלעכע, וואָס בילדן היינט אַ באַזונדערן קלאַס צווישן די איינוווינער פון פּאַלמאַ און וועלכע מען רופט מיטן אָפּלאכערישן און דערנידעריקטן נאָמען רויב־נאַכט־פייגל, אז זיי, די אָפּשטאַמיקע פון די קרבנות האָבן אָנגעבאָטן גרויסע סומעס געלט מ'זאָל אָפּמעקן די גרויליקע אָנדענק־מאָנומענטן". גראַסע גיט צו: "ס'איז מיר געווען שווער צו גלויבן אין דעם". הכלל, אָן עדות נישט בלויז פון די שוידערלעכקייטן נאָר אויך פון דעם, אַז די געצוווּנגענע אָנצונעמען דעם קאַטאָליציזם זענען געווען איזאָלירט פון דער קאַטוילישער באַפעלקערונג, אויסגעלאַכט, פאַרהאַסט און האָבן געבילדעט אַ באַזונדערן "קלאַס".

אָט ציטירט ווייטער זשאַרזש סאַנד גראַסע: "כ'וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי אַ געוויסן טאָג, ווען אַרומגייענדיק אין קלויסטער, באַטראַכטנדיק מיט ווייטיק די־אָ טרויעריקע אימאַזשן, איז אַ מאָנאַך צוגעקומען צו מיר און מיר אָנגעוויזן אויף בילדער מיט צלמים פון קנאָכן־ביינער. דאָס זענען, האָט ער מיר געזאָגט, פאָרטרעטן פון די, וועמענס אַש מ'האָט אויסגעגראָבן און צעשאָטן אויפן ווינט... דאָס בלוט איז אין מיר פאַרגליווערט געוואָרן, קוקנדיק דערויף. כ'בין אַרויס פון יענעם אָרט דערדריקט און דערשלאָגן".

און אָט זענען ציטאַטן פון גראַסע אין זשאַרזש סאַנדס בוך וועגן משפטים פון דער אינקוויזיציע: "אַ צופאַל האָט געמאַכט, אַז ס'איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ דאָקומענט פון דורכגעפירטע דורך דער אינקוויזיציע משפטים, אַ דאָקומענט, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין 1755 און וואָס האָט פאַררעגיסטרירט בלויז אַ טייל אורטיילן אין מאַיאָרק אין די יאָרן צווישן 1645 ביז 1691. כ'האָב דאָס געלייענט מיט שוידער. צווישן אַנדערע זענען געווען פיר מאַיאָרקער, צווישן זיי איין פרוי, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט בלויז פאַר אַ פאַרדאַכט, אַז זיי האָבן ווייטער אָפּגעהיט יידישקייט. צוויי און דרייסיק אַנדערע קרבנות זענען אונטער דער זעלבער באַשולדיקונג אומגעבראַכט געוואָרן אין די לעכער פון דער אינקוויזיציע. פון דריי האָט מען דערנאָך אויסגעגראָבן דאס אש און צעשאָטן אויפן ווינט... פון זעקס פאָרטוגעזישע פאַרפאָלגטע, צווישן זיי

איין פרוי (זיכער אנטלאָפענע פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל־ל.ב.) און 7 מאַיאָרקער איינוווינער אויף וועלכע ס׳איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט, אַז זיי זענען אין געהיים געבליבן יידן, האָט מען געמאַכט בילדער און זיי עפנטלעך פאַרברענט, ווייל די פאַרדעכטיקטע איז געלונגען צו דער צייט צו אַנטלויפן און זיך ראַטעווען. כ׳האָב אָנגעציילט 216 אַנדערע קרבנות, מאַיאָרקער און אויסלענדער (די אויסלענדער זענען אַ סברה געווען אַנטלאָפענע מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל־ל.ב.) באַשולדיקטע אין האַלטן זיך ביי דער ידישער רעליגיע און אייניקע אין הערעזיע און אין איסלאַמיזם. מ׳האָט זיי אַרויסגענומען פון די תפיסה—לעכער און נאָך דעם ווי זיי האָבן עפנטלעך פאַרלייקנט זייער גלויבן און איבערגעגאַנגען אין שויס פון דער קאַטוילישער קירכע, האָט מען זיי געמשפט און פאַרמשפט".

און זי מאַכט לסוף אַזאַ אויספיר אין איר בוך: "ווען מען לייענט היינט אַזעלכע דאָקומענטן פון אַ נישט ווייטער עפּאָכע און ווען מען קוקט זיך צו צו דער נישט פאַרגאַנגענער שנאה נאָך 15־12 דורות, ווי די מאַיאָרקער יידן זענען איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום, אַ שנאה, וואָס באַגלייט נאָך היינט דער אומגליקלעכע ראַסע אין מאַיאָרק, איז מען נישט גענויגט צו גלויבן, אַז דער גייסט פון דער אינקוויזיציע איז גענצלעך אויסגעלאָשן געוואָרן מיטן דעקרעט פון מענדיזאַבעל, ווי מ׳האָט געמיינט".

דאס איז געשריבן געוואָרן אין אומגעפער 39־1838, מיט א הונדערט פופציק יאָר צוריק. דאָס מאַכט אונדז אָבער אויך היינט קלאָר און פארשטענדלעך פאַרוואָס די אַמאָליקע געצוווּנגענע צו שמד יידן האָבן געלעבט במשך פון יאָרהונדערטער אָפּגעזונדערט פון דער באַפעלקערונג, זיך נישט אויסגעמישט און דערצו געלעבט אין שטענדיקער שרעק. און איך האָב, נאָך מיינע זוכענישן און פאָרשונגען, אַרויסגעטראָגן דעם טיפן איינדרוק, אַז טראָץ די פולשטענדיק געענדערטע באַדינגונגען לעבט אין זיי טיף פאַרשטעקט יענע שרעק אויך היינט. דאָס איז עפּעס אזא מין אַטאַוויזם. און ביז היינטיקן טאָג, ווי איך האָב דאָס געזען, באַטראַכטן זיי די נישט־יידן פאַר יידן, אַפילו די, וואָס גייען אין קלויסטער. דאַקעגן זיי גופא, די יידן־קאַטאָליקן, יעדנפאלס דער גרעסטער טייל פון זיי, באַהאַלטן אויס, אז זיי שטאַמען צומאָל פון יידן. דאָס זענען אין תוך נאָך היינט טראַגישע מענטשן, צעריסענע מיט זיך אַליין.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

מאיר הרץ / ירושלים

# לידער

## אויפשטיין פאַר טאָג

אויפשטיין פאַר טאָג פון נישט שלאָפן
און שטיין מיט קראַנקע קני
און קוקן אין פענצטער אויף צפון
און זען די וואָלקנס מיט פי
זיך פאַשען אויף בערג פון נישט=הי
דעם גאַנצן אינדערפרי.

אויפשטיין פאַר טאָג און נישט קענען
שטיין אויף די קראַנקע פיס
און זען ווי די וואָלקנס ברענען
אַזוי ווי פאַר נאַכט, ווען סע איז
די זון שוין פאַרגאַנגען ביז
אַראָפּ אין גיהנום געוויס.

אויפשטיין פאַר טאָג און נישט וויסן,
ווי לאַנג דו וועסט קענען שטיין
און פילן דיך פלאָגט דאָס געוויסן
פון זינד קעגן זיך אַליין
און פילן סע ברענט דיין געביין,
און פילן דו קענסט נישט שטיין.

ירושלים, 28 סטער פעברואַר, 1988

## ממש נאָר צום שטוינען

צי פילט מיט איין מוטער דער צווייטער?
צי פאַרשטייט איין פאָטער דעם צווייטן?
ווען ס׳פאַלט איינער אַראָפּ פון דער לייטער,
גייט דער צווייטער אין פעלד אים באַגלייטן.

און ער קערט זיך אַהיים פון דאָרטן,
גלייך ווי זיך וואָלט ער דאָרט געלאָזן,
ווי אַ שומר צו היטן דעם גאָרטן
פון מצבות צווישן די גראָזן.

און ער שלאָפֿט נישט איין אין זיין חדר
פון גרויס זאָרג פאַרן גורל פון יענע,
וואָס דער שלאָף האָט געפּאַקט זיי נאָך איידער
די זון טוט אין מערב דערברענען.

און ער ווייסט, אַז די קינדער פוןביידן,
סיי זיינע און סיי די יתומים
פון צווייטן זיי לעבן אין פריידן
מיט איינע און די זעלבע טרוימען,
ממש נאָר צום שטוינען.

ירושלים, 1988

## פּאַרוואָס

פּאַרוואָס איז געקומען זיי שטראָף בכלל?
זיי זענען געווען דאָך געטרייע בירגער,
זיי האָבן געבענטשט סיי מטר, סיי טל
פון זעלבן סאָוועטישן סידור.

זיי האָבן געדינט דאָך געטריי דער אידיי
פון פרייהייט, פון גלייכהייט און אַנדערע גליקן,
איז וואָס זשע זענען שולדיק זיי,
וואָס ערנסט גענומען דעם גאַנצן ציקל.

דעם גאַנצן ציקל לײדיקע רייד
זיי האָבן געגלייבט מיט פאַרמאַכטע אויגן
און האָבן דעם בעכער לײדיקערהייט
געהויבן הויך אין טיפן גלויבן.

נאָר ס'האָט זיך אין גאַנצן נישט אָפּגעשטעלט
דאָס דענקען ביי זיי — נישט געלעבט פונעם גרייטן,
ביז חרוב געוואָרן דאָרט זייער וועלט,
פאַרלירנדיק איינער דעם צווייטן.

ירושלים, 14 טער פעברואַר 1988

## דער געבאָט פון די געבאָטן

אויסגעמעקט דעם אַלטן חשבון,
עפנט מען אַ נייעם בלאַט,

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# אורי צבי גרינבערג

## (דער אַלבאַטראָס פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע)

### אַ

די ערשטע וועלט־מלחמה מיט די אומגעקומענע מיליאָנען זעלנער אויף די שלאַכטפעלדער פון אייראָפּע האָט צעטרייסלט די יסודות פון דער ציוויליזאַציע מיט אירע אויסגעדראָשענע באַגריפן פון קולטור, מאָראַל און עסטעטיק. שרייבער און קינסטלער, דענקער און וויסנשאַפטלער האָבן פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו די אַלטע ירושהדיקע ווערטן און אילוזיעס פון הומאַניזם. די ליטעראַטור וואָס איז יאָרהונדערטער געווען דאָס אָנגעוויטיקטע קול פונעם וועלט־געוויסן, האָט איצט געזוכט זיך צו באַפרייען פון דער שליחות־ראָל אין דינסט פון פאָטערלאַנד, פּאָליטישע אידעאַלן און אמונות. דער קאָנטראַסט צווישן וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און מאָראַלישער ירידה נאָך דעם קריג און באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פּראָקלאַמאַציעס און מאַניפעסטן פון די נייע ליטעראַרישע ריכטונגען אין די לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע. דער עקספּרעסיאָניזם, פוטוריזם, דאַדאַאיזם האָבן בולט אילוסטרירט די בלאָנדזשענישן איבער פאַרנעפּלטע תהומען אויף אומזיכערע, אומבאַקאַנטע וועגן — "פּער אַספּעראַ אַד אַסטרא".

די קינסטלער־רעבעלן מיט זייער ציניזם און לעסטערונג זענען טראָץ זייער עקסטרעמען אינדיווידואַליזם נישט געווען פריי פון איינפלוסן מצד פילאָסאָפן, וויסנשאַפטלער און דענקער, וואָס האָבן אַקצענטירט די ראָל פון אינסטינקט און די אונטערבאַוווסטע כוחות וואָס ריזלען אין מענטש.

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, די ווידער־אויפלעבונג פון פּוילן באַגלייט מיט ווילדע בלוטיקע פּאָגראָמען האָבן פאַרוויסט דאָס יידישע לעבן וואָס האָט קוים געקאָנט קומען צו זיך. די יוגנט האָט זיך באַהעפט מיט נייע אידעאָלאָגיעס און געוואָרן פאַרשיכורט און פאַרגלויביקט אין דער נייער יידישער קולטור און ליטעראַטור.

אין יענעם פרילינג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן פון איצטיקן י.ה., האָבן יידישע דיכטער אַדאָפּטירט דעם עקספּרעסיאָניזם, וואָס האָט פריי, צומאָל הפקרדיק־לעסטערנדיק געפונען נייע שעפערישע אויסדרוק פאָרמען אין מלכות פון יידישן וואָרט. אין בראשית פון דער באַוועגונג זענען די דיכטער געווען פריי פון טענדענצן, זיי האָבן אַלץ נאָך געלעבט מיט קאָשמאַרן פון די "קופּעס" און אונטער דער שליטה פון "מעפּיסטאָ". אָבער נאָכן פאַרברענען די געטער, נאָכן איבעררייס מיט דער פאַרגליווערטער פאַרגאַנגענהייט האָבן די כאַליאַסטרע־

---

ציילט מען ווידער תשרי, חשון,
כסלו, טבת, האַלבער שבט.

און מע קוויקט זיך מיט די פּרות
פון דעם נייעם ביימער=יאָר
און מע בענטשט דעם בוימס עבירות,
ווייל געשיצט ער יעדע פּאָר.

וואָס געקושט זיך אין זיין שאָטן
און געפּאָלגט דאָרט נאָך אַנאַנד
דעם געבאָט פון די געבאָטן:
פּרו ורבו, פולט אָן דאָס לאַנד!

ירושלים, 3טער פעברואַר, 1988

קינסטלער זיך געלאָזט פּענטען פון נייע אידעאָלאָגישע באַוועגונגען.

פּאַראַלעל מיטן יידישן עקספּרעסיאָניזם זענען אויפגעקומען פּוילישע גרופּן און זייערע ליטעראַרישע זשורנאַלן, "סקאַמאַנדער" און "זדרוי" מיט די דיכטער פּוטוריסטן און דאַדאַיסטן, ווי אַלעקסאַנדער וואַט, יאַן לעכאָן, טובים, אַנאַטאָל שטערן און אנדערע. אויך זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט און ס'האָבן זיך אָפּגעטיילט פון זיי די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן בראָניעווסקי. ברונאָ יאַשענסקי, וואַנדורסקי, סטאַנדע און אַנדערע. פּאַרגלייכנדיק די פּוילישע דיכטער־עקספּרעסיאָניסטן מיט די יידישע, האַלט מאַקס עריק, אז דער פּוילישער עקספּרעסיאָניזם ווערט ערשט געבוירן, אבער דער יידישער, מיט קולבאַק, ראַוויטש, מארקיש און אורי צבי גרינבערג, מיט זייער פּאַראַכט צום קיילעכדיקן מוזיקאַלישן וואָרט און סימפּאַטיע צום וואָגיקן וואָרט, איז שוין געשיכטע. די שפּראַך פון "מעפּיסטאָ" איז די שפּראַך פון יידישן "עקספּרעסיאָניזם".

דער אומרואיקער אורי צבי גרינבערג וואָס האָט דורכגעמאַכט די מלחמה, איבערגעלעבט די שחיטה "ביי די טייכן פון סאַוואַ" און די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און לעמבערג, קומט צו דער נייער דיכטונג מיט זיינע גרויליקע, כאַאָטישע און בלוטנדיקע לידער אין אַ צייט פון שקיעה "ווען שוואַרץ שבת־ברויט איז דער לחם הפּנים פון זיין דור". ער גלייבט אין אינטראָספּעקטיווער פּאַרטיפונג און אין פרייען, נאַקעטן מענטשלעכן אויסדרוק.

סוף זיבעציקער אָנהייב אַכציקער יאָרן זענען אין ירושלים ארויסגעגעבן געוואָרן דעם דיכטערס געזאַמלטע ווערק אין יידיש, ווי אויך די פיר נומערן "אַלבאַטראָס". אין אַריינפיר צו די "אַלבאַטראָס"־זשורנאלן באַמערקט ח. שמערוק. אַז טראָץ אַלע בלאָנדזשענישן האָבן די יידישע דיכטער געזוכט אַ לעזונג פּאַר די אָנגעוויטיקטסטע פּראָבלעמען און דילעמעס: 1. דאַיקייט, 2. סאָוועט־רוסלאַנד, 3. ארץ־ישראל, און אורי צבי גרינבערג האָט טאַקע פּאַרבונדן זיין גורל און די צוקונפט פון יידישן פאָלק מיט ארץ ישראל.

אין ערשטן נומער "אַלבאַטראָס, ווען דער יונגער דיכטער האָט פּראָקלאַמירט די נייע ערע פון עקספּרעסיאָניזם וואָס האָט אין זיין דיכטונג זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַ געפיל פון אומזיכערקייט, אינסטינקטיוון אויסגעשריי, אויסלאדונג פון עלעקטריזירטע נערוון, האָט ער דערקלערט דעם וועג פון גייער־דור גרויליק און כאַאָטיש אין אַ וועלט פון שקיעה..."געזאַנגען מוזן אויך געזונגען ווערן גרויזאַם, אפשר וועט אַנדערש ווערן דאָס ליד נאָכן געבוירן ווערן פון נייעם מולד, ס'וועלן רוען גלאָריעס איבער אַלבאַטראָסישע קעפּ פון דיכטער־בריונים. דערווייל זענען מיר נאַקעטע, צעשויבערטע פּאָעטן, אַן אומרואיקער דור וואָס שטייט ביים צלם־וועג צווישן עלדאָראַדאָ און נירוואַנאַ".

אין צווייטן נומער "אַלבאַטראָס" באַצייכנט מאַקס עריק דעם יידישן עקספּרעסיאָניזם ווי דעם געבורט פון אַ וווּנדער־ווענוס. די פּרעכטיקע האַלב־כאַאָטישע, האַלב ראָמאַנטישע פּיל־קאָליריקע שפּראַך פון אורי צבי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש און משה קולבאַק האָט זיך זינגענדיק צעבליט אין נייעם פּרילינג פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. מ. עריק זעט די בשותפותדיקע שטריכן אין וואָגיק קנאָכיקן וואָרט, נאַטירלעכע העברעיזמען און ריטעם וואָס איז אידענטיש צום כוח פון אויסדרוק.

אורי צבי גרינבערג איז פון די געציילטע יידיש־העברעישע דיכטער וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונדזער דור פון מלחמות, אומקום פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און ווידערגעבורט פון דער ישראל־מדינה. דער גרויסער פּאָעט אין

ביידע שפּראַכן, דער דיכטער — חוזה איז געבליבן מייסטער — עקספּרעסיאָניסט ביזן סוף פון זיין לעבן.

ב

אורי צבי גרינבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין ביאַליקאַמיען (בילקאַמען-גאַליציע). פון פאָטער אַן אפּשטאַמיקער פון רב מאיר'ל פּרעמיליאַנער און פון דער מוטערס צד ציט זיך זיין יחוס פון אורי סטרעליסק, דער שרף. די משפחה ציט זיך אַריבער קיין לעמבערג, דאָרט קריגט ער אַ חסידישע דערציִונג און צו 18 יאָר דרוקט ער שוין זיינע העברעישע און יידישע לידער אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן. מלך ראַוויטש דערציילט אין זיין לעקסיקאָן, ווי ער, דער באַנק-אָנגעשטעלטער, „אַ פראַנט מיט באַקנבערד האָט זיך באַפריינדעט מיט אורי צבי גרינבערגן, אַ רבינס אַ זונדל מיט רויטע פאות אין אַ בעקעשע און ווייסע זאָקן; ביידע אָנהייבער-פּאָעטן". אין 1915 דינט א.צ.ג. אין דער עסטרייכישער אַרמיי, אויפן פראָנט אין סערביע, און נאָך צוויי יאָר דעזערטירט ער און קומט אַ היים. דער פּאָגראָם אין לעמבערג האָט צערודערט דעם יונגן פּאָעט. ער דריקט אויס זיין צער און צאָרן אין „מעפיסטאָ". ביז 1922 זענען אויך דערשינען זיינע זאַמלונגען: „קריג אויף דער ערד", „פאַרנאַכטגאָלד" און „ערגעץ אויף פעלדער". אין די יאָרן 1922 — 1923 נעמט ער אָנטייל אין דער „כאַליאַסטרע" אין וואַרשע און גיט אַרויס באַזונדער דעם „אַלבאַטראָס", ווו ס'דרוקן זיך די אַוואַנגאַרד-פּאָעטן. אין זיין מאַניפעסט וואַרפט דער פּאָעט אַראָפּ פון זיך די וועלט-אחריות: „מיר ווילן נישט טראָגן מער דעם פינצטערן גלאָבוס נאָך זעקס טויזנט יאָר". סיי אין דער „כאַליאַסטרע" סיי אין „אַלבאַטראָס האָט אויפגעבליצט אַ וווּנדערלעך ליכט אין דער יידישער דיכטונג און, ס'איז כדאַי זיך צו באַקענען מיט דעם שעפערישן געמיט פון יענע יונגע עקספּרעסיאָניסטן.

אין ערשטן נומער „אַלבאַטראָס" ברענגט מלך ראַוויטש אַרויס דעם געדאַנק, אַז דיכטונג דרינגט אַריין אין אַלע נערוון, פון אינסטינקט צו אינסטינקט, פון האַרץ צו האַרץ, פון טרויער צו טרויער. ווען ס'ווערט געבוירן אַ נייער דור זענען די דיכטער משוגע און פאַרמלאַזו. ווייזט אויס, אַז אין דער קרעאַטור לעבט דער ווילדער ווילן פון אויסשרייען זיך. שטאַרק באַווירקט פון וואָלט וויטמאַן, האַלט ער, אַז אין דער פּאָעזיע דאָמינירט דער אינסטינקטיווער אויסדרוק פון קינסטלער.

פרץ מאַרקיש, דער מחבר פון „די קופּע" און „וויילאַנד" דריקט אויס זיין פאַראַכט און קללה פאַרן מענטשן-מין. נאָך מער שפּיגלט זיך אָפּ די לעסטערונג און עקל צום מענטש אין „מלכות פון צלם" ביי אורי צבי גרינבערג. ס'נעמען אויך אָנטייל אין „אַלבאַטראָס" אסתר שומיאַטשער און פרץ הירשביין, די וועלט-וואַנדערער און באַזינגער פון ווייטע האָריזאָנטן. דאָס ליד „אַלבאַטראָס" פון אסתר שומיאַטשער אילוסטרירט צום בולטסטן דעם אומרו פון יענעם דור פּאָעטן: „אַלבאַטראָס, אַלבאַטראָס,/דיין גוף — פּערלמוטער/ברא נז — דיינע פליגל/ אין הימל — דיין אויג / צעפּלאַסענע כוואַליעס — דיין שפּיגל, / צעשלאָגענע שומען — דיין טאָג /נע ונד איז דיין גורל/ קרייצנדיקע ווינטשיפן פון שטאָל צירקלענדיק נישטערן דיין הונגער ערדישע אָפּפאַלן;/ און ווען ליכט ווערט אין טונקל דערטרינקען/ זענען כוואַליעס דיין נעסט, זענען כוואַליעס דיין היים/ אַלבאַטראָס, אַלבאַטראָס."

„ביי די טייכן פון סאַוואַ" איז אומגעקומען גרינבערגס ראָטע זעלנער און ער, דער אַליין לעבן-געבליבענער עדות האָט געזען ווי זיינע פראָנט-ברידער ליגן אויף שטעכל-דראָטן מיט די באַנעגלטע שטיול אַרויף, ווי זיי וואָלטן געבריקעט דעם הימל,און ער האָט געוויינט מיט אַן אייביק געווין. אין זיין אַפּאָקאַליפּטישער פּאָעמע „וועלט באַרג-אַראָפּ" זאָגט דער

דיכטער, אַז די שפּראַך איז היינט הפקר, בלינד און טויב; ווי סטרונעס אָנגעצויגענע זענען די פּערזן פון לידער און ווי טעלעגראַף־דראָטן אין פּראָסטיקע מאָרגנס וואָס אויף זיי הענגען טויטע פאַרגליווערטע פייגל... אין דעם זעלבן ליד פאַרדאַמט ער און באַזידלט אייראָפּע, דאָס קאַטוילישע פּוילן, אוקראַינע, דעם יידן־האַס און די אכזריותדיקע שחיטות. "אין אייערע הייליקע שטעט פון באַקלויסטערטע לענדער איז היינט אויגוסט, יום־טוב פון סוף זומער, ביי אייך זידן בלוטן. מיט אויגן צעוואָסערטע ציען יעזוס־בחורים, נאָך זיי ציען פייגל; ס׳קוקן די קלויסטערס מיט צעהוידעטע גלאָקן. ביי אונדז אָבער איז חושך,...ס׳וועט שוין קיין יום־טוב נישט זיין אויף יידישע גאַסן. ס׳וועלן שוין אונדזערע טייכן אויף זייערע פלאַכן נישט טראָגן דעם חן און דאָס בלאָ — — — — אין זייער אָפּגרונט ליגט דער אָפּפאַל פון תשליך".

דער דיכטער פּאַלעמיזירט מיטן קריסנטום, וואָס האָט אַ געשיכטע פון אינקוויזיציעס: "ס׳האָט קיינער אייך נישט אויפגעשניטן די אָדערן געבראַכט צו דער גאַלגאָטע; ניין, ס׳איז נישט אייער קלאָג נאָר אונדזער ווי און פּיין — דער יודאַ — קריסטוס ווי,ס׳איז אונדזער ווונד און אייער — אַ היפּנאָז." ער אידענטיפיצירט יידישע ליידן מיטן געקרייציקטן, ווי שאַגאַלס געקרייציקטע יידן. אין זיין גרויסער פּאָעמע "אורי צבי גרינבערג פאַרן צלם" שילדערט דער פּאָעט אַ פּאָגראָם צופוסנס דעם צלם — אָפּגעשניטענע יידן־קעפּ און צעריסענע טליתים; ער באַטראַכט דעם עקל און די רציחה און ס׳רייסט זיך אַרויס: פּילאַטוס לעבט און אין רוים תהילימט מען אין די קלויסטערס. דעם דיכטער ציט צו זיינע ברידער בריונים וואָס פלאַנצן פּרדסים אין חדרה און טריקענען זומפּן. דאָרט וואַקסן ריזיקע עוקאַליפּטן, בערג האָבן זיי, אַ ים, דעם כנרת... ער וויל באַצייטנס אַוועק פון דער פּוילישער ווייסל, פון גאַנץ אייראָפּע.

פּאַר אזעלכע אַנטי־קריסטלעכע פּאָעמעס ווי "אין מלכות פון צלם", "רויטע עפּל פון ווי־ביימער" מיט זיין פּסעוודאָנים מוסטאַפאַ זאַהיב, מוז ער פאַרלאָזן פּוילן. דער דריטער און פערטער העפט "אַלבאַטראָס" גייען ארויס אין בערלין. די סאַווע, דער קלאָג־פויגל פונעם ווי־לאַנד אין אייראפּע, ווי ער אַליין רופט זיך, מאַכט דעם לעצטן חשבון מיטן פּוילישן עבר. אין דער פּראָזאַישער פּאָעמע "ווייטיקן היים אויף סלאַווישער ערד" וואָרנט ער אז סע שלאָגט די לעצטע שעה. יידן זענען פרעמדע אין אייראָפּע. פאַראַן צוויי עקסטרעמען — ציוניזם און קאָמוניזים. קאָמוניסטישע לעזונג מיינט יידישער אונטערגאַנג. "איך וויל מיין קינד זאָל זאָגן מאַמע, נישט מאַטושקאַ, ער זאָל קענען לייענען דאָס בוך פון אַלע ביכער. איך גלייב נישט אין אונדזער ווייטערדיקן קיום אויף סלאַווישער ערד. איך גיב אָפּ אייראָפּע מיין שניפּס, די לאַק־שיך און די בית־עולמס". דער דיכטער האָט בכלל ווייניק צוטרוי צום מענטשן־מין, וואָס איז פאַר אים אַ מיסטעריע. אָבער די וואָס גלייבן אין מענטש און אין "דאָיקייט" וואָרנט ער, אַז זיי זאָלן שטעלן שומרים ביי זייערע טויערן. אין 1924 קומט ער פון בערלין קיין ארץ ישראל.

ג

פּאַר אורי צבי גרינבערגן הייבט זיך איצט אָן אַ נייער פּעריאָד אינעם וויסטן אַלט־ניילאַנד, וואָס איז אים געווען נאָענט פון חדר און תפילות פון דורותדיקע זיידעס. איצט צעבליען זיך זיינע דיכטערישע פּאָטענצן אין העברעיש.. ווי אַ מיטגליד פון הפועל הצעיר באַזינגט ער דעם חלוציזם, די שיינקייט פון לאַנד, די געטלעכע מאַיעסטעטישקייט פון ירושלים. "למרגלותיך ירושלים" מלכים לייגן אַנידער זייערע קרוינען ביי דיינע פיס, ירושלים, און פאַלן אויף זייערע פּנימער; אויך רוים שיקט מאַרמאָר, קרישטאָל און גאָלד אויפצושטעלן פאַר

דיר אַ טעמפּל... און מיר, דיינע באַרוועסע זין און טעכטער, וואָס זענען געקומען צו דיר פון אַלע עקן וועלט צו טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס מיט אָפענע ווונדן דעם העברעיִשן גלאָבוס, מיר האָבן אוועקגעגעבן אַלע אונדזערע אַמביציעס צו ווערן אָרעמע האָרעפּאַשניקעס אין וויסטן לאַנד. קענט איר אין דער גאַנצער וועלט געפינען אונדזער גלייכן — שאלי שרופה מטיטוס! פרעג דו, פון טיטוס פאַרברענט ירושלים". און אַזוי באַזינגט ער דעם פּיאָנערישן בראשית: "מיר זענען גרייט מיט אונדזערע גופים אויפשטעלן אַ מעכטיקע זייל"... מיט געשריי און געזאַנג אל יבנה השמה — גאָט וועט צוריק בויען די וויסטעניש אין דער ליכטיקייט פון די גרויסע שטערן...

ער האָט נאָך אין "אַלבאַטראָס" אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט און באַדויער פאַרן פאַרלאָרענעם אַבסטראַקטן גאָט, דעם ציטער פון קדושה און רעליגיעזקייט. "און ס'איז אַ שאָד, ווייל ס'זינגט אַן אַלט העברייער־ליד: שיין און פּראַקטיק איז די וועלט". די ווירקלעכקייט, אויך אין ישראל, שטערט זיין רעליגיעזער מענטאַליטעט. ער שרייבט קאָלומס אין "דבר": ממגילת הימים ההם" און "שומר מה מליל". ער טרעט אַרויס קעגן די גלות־ציוניסטן, פאָדערט אייגענע רעאַליזירונג פון ציוניזם און חלוציזם. אין ישראל קעמפט ער פאַר אַן אייגן פנים אין דער קונסט. ישראל=קינסטלער דאַרפן נישט אימיטירן די וועלט נאָר שאַפן אַן אייגענעם סטיל. אין דער צייט פון אַראַבישן טעראָר איז דער דיכטער קעגן צוריקגעהאַלטנקייט (הבלגה) וואָס איז דער צוגאַנג פון די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און דעמאָלט ווערט ער אַ רעוויזיאָניסט. אין די יאָרן 1931 — 1934 ווערט א. צ. גרינבערג געשיקט קיין וואַרשע צו רעדאַקטירן די פּאַרטייאישע יידישע שריפט "די יידישע וועלט". ווידער קומט ער צוריק קיין ארץ ישראל. אין זיינע פּלאַמיקע וויזיעס וואָרנט דער דיכטער, ווי אין 1922, וועגן דער געפאַר פון אַן אָנקומענדיקער שואה. ער אַליאַרמירט די יידן זיי זאָלן פאַרלאָזן אייראָפּע.

אין די לעצטע חדשים ערב דער היטלער־אינוואַזיע איז דער דיכטער געווען אין פּוילן. אין דעצעמבער 1939 באַווייזט ער צו אַנטלויפן פון אָקופּירטן וואַרשע און קומט אַ געראַטעוועטער קיין ארץ ישראל. ער שרייבט זיינע צערפּולע לידער מיט פּחד פאַרן גורל פון פּוילישן יידנטום און זיין משפחה: "אלהים הצלתני מאור אשקנז בברחי מסף אביוהגעתי שלם בגופי". "גאָט האָט מיך געראַטעוועט פון די דייטשישע האָרדס ווען כ'בין אַנטלאָפן פון טאַטע־מאַמעס שוועל און בין געקומען אַ גאַנצער מיט מיין גוף/אָבער מיין נשמה איז צעריסן,/אין ים כנרת ליגט מיין געוויין/ איצט לעב איך מיט מיין טרויער אין גסיסה פון מיין וואָרט./איך ווייס אַז דער געבאָט איז־לעבן כדי צו טראָגן יענע ירושה פון די קדושים פון מין טאַטן/ מיין שיינעם חלק אין ישראלס ירושה פאַר ווייטערדיקע דורות". אין דעם פראַגמענט פונעם ליד, פריי איבערזעצט, שפיגלט זיך אָפּ די נשמה־צעריסנקייט פון דיכטער. אָבער אין קאָנטראַסט צום פעסימיזם און יאוש אין זיינע יידישע פּאָעמעס "מעפיסטאָ" און "אין מלכות פון צלם" זענען זיינע חורבן־לידער בונטאַרישע, מיט דערהויבענעם גלויבן אין נצח ישראל.

אויך אין עברית איז אורי צבי גרינבערג דער מייסטער עקספּרעסיאָניסט. ער ברענגט אַרויס אין זיינע פּילצאָליקע פּאָעטישע ווערק אַלע אַספּעקטן פון אונדזער טראַגעדיע און געראַנגל פון די רעשטלעך ניצול געוואָרענע פאַר זייער קיום. ער איז דער דיכטער פונעם דור וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די פייערן פון סכנה און געבליבן לעבן. ער ווערט אָפּט באַהערשט פון מיסטישע געפילן און חזיונות. דער ציוניזם איז פאַר אים די געטלעכע דערפילונג פון יידישן גורל. דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט קעגן דער לאָגיק, מחוץ

דערווירקלעכקייט — אין אלע אייביקייטן.

אין זיינע פּאָעמעס "במגדל הגוויות" און רחובות הנהר" ווערט ער באַהערשט מיט וויזיע פון גרויל. ער וויינט אויס זיינע טענות צו גאָט. "דו האָסט אונדז צוגעזאָגט איינצוזאַמלען די שארית ישראל, ברענגען אונדז קממיות לארצינו; נאָר ווי עפּעס אַ געטלעטער חוזק האָט דער שונא אונדז איינגעזאַמלט פון די תפוצות צו די קרעמאַטאָריעס. יעצט'דאַרפן מיר מער נישט קיין גאולה, טא זיץ דיר דאָרט אין הימל, שומר פון יידישע בית עולמס".

אין זיין פאַרביטערטער פּאָעמע "לא נדמינו לכלבים בגויים" שרייבט ער: מען קאָן אונדז נישט פאַרגלייכן צו די הינט ביי די גויים. אַ הונט ווערט געצערטלט און אַז ער פגרט באַדויערט אים דער גוי. נישט ווי שאָף צו דער שחיטה קאָן מען אונדז פאַרגלייכן, קיינער רייסט ביי זיי נישט אַרויס די ציין פאַר דער שחיטה, מען פאַרברענט זיי נישט אויף אַש. ניין, נישטאָ אין דער וועלט קיין פאַרגלייך. די גאַנצע גויישע קולטור איז אָנגעזאַפּט מיט אונדזער בלוט; זייער געוויסן — מיט אונדזער געוויין.

אין דער צייט פון חורבן איז א. צ. גרינבערג געווען אין ארץ ישראל. אין זיין דמיון האָט ער געזען די בלוטיקע מיטאַרבעט פון די אוקראַינער און פּאָליאַקן מיט די דייטשן. אין די חורבן־לידער פון צער, צאָרן און נקמה אינעם בוך "רחובות הנהר" זעט דער דיכטער דעם אוקראַינישן מערדער פון טאַטן. אין דער פּאָעמע "הקבר ביער" נעמט דער פּאַרטיזאַנער נקמה אין אוקראַינישן פּויער סטעפּאַן גאַספּאַדאַר. "די קלויסטער־גלאָקן האָבן געקלונגען: גלין גלאָן, בים באַם, גרויס איז אונדזער יום־טוב ווייל נישטאָ מער קיין יידן. דער פּאַרטיזאַנער ברענגט דעם פּויער צום קבר פון טאַטן אין וואַלד. דער פּויער ציטערט און איז זיך מודה. ער קניט און וויינט. אוי, לאָז מיך לעבן גוטער מענטש, דו ביסט דאָך אַ ירא אלהים. דער זון ברענגט אַרויס דעם שאָטן פון דערמאָרדעטן, דער טאַטע בענטשט דעם גואל הדם: ברוך אפך כי עז, און דער זון מאַכט א ברכה: דם תחת דם, נפש תחת נפש... ער זאָגט קדיש און ענדיקט: "איך גיי קיין ירושלים און נעם מיט מיט זיך מיין צאָרן און כח. נישט מער קידוש השם נאָר מלחמות השם. קידוש ישראל בירושלים מיט גבורה — אמן".

אזוי דערשיינען די אומגעקומענע אויך אין ארץ ישראל, די גרוילוויזיעס פון מאַמעס וואָס וואָרענען: אַז דער גואל וועט קומען און בייטן די שווערדן אויף אַקעראייזנס זאָלסטו נישט גלייבן די גויים. ווען דו וועסט זיין אַנטוואָפנט וועלן אַלע אויפשטיין קעגן אונדז. און דער זון ענטפערט: הייליק זענען דיינע ווערטער, מאַמע. דאָך גלייבט דער דיכטער אין אַ יידישער צוקונפט. פון אַש וועט קומען די גואלה, פון חורבן — טרייסט, פון יואש — אמונה. ער נעמט אָנטייל מיטן אירגון אין דער מלחמה פאַר עצמאות און אין 1951 ווערט ער אויסגעוויילט אין כנסת. טראָץ זיין עקשנותדיקן עקסטרעמיזם ווערט ער, דער איינציקער דיכטער, באַערט דווקא פונעם ארבעטער — מפאי־כנסת, און אין 1957 באַקומט ער דעם פרס ישראל.

ד

מאָדערנע פּאָזיע איז אָפט דאָמינירט פון פּערזענלעכער עסטעטיק. אינטראָספּעקציע ווערט צומאָל אַן אָבסעסיע און אינסטינקטיווע, אונטערבאַוווּסטע וויזיע ווערט פאַרוואַנדלט אין אינערלעכן רעאַליזם, אַ מין אמת אינספּירירט מזיוו השכינה. אורי צבי גרינבערג דער נאָוואַטאָר, אַנטי־שאַבלאָניסט קאָן זיך נישט דערווייטערן פון די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען און אַ פאַרביטערטער וויל ער פון זיך אַרויסרייסן יעדע סימפּאַטיע פאַר דער אייראָפּעישער עסטעטישער טראַדיציע און הומאַניזם, וואָס טאָלערירט פּאָגראָמען און יידן־האַס.

אין די פריע דרייסיקער יאָרן איז מיר געווען דערווידער דעם דיכטערס היפּערנאַציאָנאַליזם, דאָך בין איך געווען פאַרליבט און באַצויבערט פון זיינע יידישע און העברעישע לידער. יעקב פאַט, אין אַ רעקאָרדירטן דיאַלאָג, האָט פאַרגעוואָרפן אורי צבי גרינבערגן פאַרוואָס ער כאָוועט אין זיך אַ שינאה צו דער נישט־יידישער וועלט, וואָס איז אין קאָנטראַסט צו אונדזער ליטעראַרישער און עטישער טראַדיציע. דער איינדרוק פון זיין ענטפער איז געווען, אַז מיר קאָנען וויניקסטנס אויסדריקן אונדזער פּראָטעסט פון צער און צאָרן דורך וואָרט. אַ נקמה, רחמנא לצלן, פון אַ "יידישן גזלן". זיין אַנטי־אייראָפּעישקייט, זיין אולטרא־נאַציאָנאַליזם און רעוויזיאָניזם, איז געווען אַ רעאַקציע קעגן די פּאָגראָמען, קעגן דער קריסטלעכער וועלט וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר אונדז פאַרשאַפט פּיין און פאַרגאָסן בלוט אין אַלע גזרות, חרבנות ביז דער שואה אין אונדזער דור. אויך גלאַטשטיין האָט געוואָרפן אַ גט דער אייראָפּעישער קולטור און געזאָגט אַ גוטע נאַכט דער "שיינער וועלט" און דערקלערט — איך גיי צוריק אין געטאָ... שוין אין די דרייסיקער יאָרן האָט אורי צבי גרינבערג געשריבן אין זיינע לידער און וואָרענונגען ווי אויף אַ ברענענדיקער שיף.

מלך ראַוויטש דערמאָנט די פריינדשאַפט צווישן אים, פּרץ מאַרקישן און דעם רויטהאָריקן גרינבערג. מאַרקיש האָט געטראַכט אין 1923 זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל און אורי צבי גרינבערג האָט געוואָלט באַזוכן מאָסקווע. דער גורל האָט געפירט פאַרקערט. מלך ראַוויטש האָט געפּרוווט פאַרשטיין זיינע צוויי חברים פּאָעטן, אָבער אַליין האָט ער געגלייבט אַז "עם ישראל איז דער שטאַם, מדינת ישראל איז די קרוין פון בוים און די וואָרצלען זענען ערגעץ ווייט און ברייט אין שטח און אין צייט". אין אַ ליד "פּאַרטאָג אויפן ים" בעט ראַוויטש פאַר זיין חבר: "און פאַר אורי צבי גרינבערגן בעט איך דיך, גאָט / אין זיינע אָדערן שטראָמט דאָך נישט זיין אייגן בלוט, נייערט טרערן מיט בלוט געמישט פון געשאָכטענע אין פּאָגראָמען... גאָט, איך בעט דיך/דערהער אים און דערזע —/ אַ דיכטער פון אַ צער צעשניטן פאָלק רעדט צו דיר פון סנה".

אורי צבי גרינבערג וואָס איז אין מדינת ישראל געווען פאַררעכנט אפשר צו די אָנערקענטסטע העברעישע דיכטער פון זיין צייט, האָט אָפּט געבענקט צו יענער עפּאָכע פון די אַלבאַטראָסן, צו זיין באַליבט מאַמע־לשון און געשריבן יידישע לידער אין דער צייטונג "לעצטע נייעס".

פון יענע אַלבאַטראָסן און כאַליאַסטרע — צייטן ביז היינט האָט די יידישע מאָדערנע פּאָעזיע זיך פיל געענדערט. זי איז נישט מער כאַאָטיש, שרייעוודיק, פּראָטעסטירנדיק, לעסטערנדיק, ברויזנדיק.. אָבער די מיסטעריע פון יענע אומרואיקע, אַלבאַטראָסן ריזלט נאָך ביז היינט אין זכרון פון אונדזער ליטעראַטור. אורי צבי גרינבערג האָט געגאַרט אויסצומעקן דעם גלות־קאָמפּלעקס, אָבער נישט די גלותדיקע יידישע קולטור־ירושה. ער איז דער דיכטער־בונטאַר, דאָס קול פון אונדזערע ליידן, דאָס געוויין פון דור החורבן און דאָס געזאַנג פון קוממיות ישראל.

**שלום שטערן** / מאָנטרעאַל

# לידער

## גיי אַרויס

אין דער שטיל פון דער נאַכט,
די שיין פון די שטערן,
אין פאָרהאַנג פון שוואַרצן שאָטן פאַרמאַכט.
די פינצטער קילט די שויב
און מיין ברודער באַצערט און פרום
תהילימט אַריין זיין לויב,
אין תהום פון דער פינצטערדיקר שטום.

אין איין־אַליין, אין עלנט פון דער נאַכטיקער שפּעט,
טרערט זיין שטיל געבעט:
גאָט, דערבאַרעם זיך אויף מיין געוויין,
צי אַרויס דעם ווייטיק פון מיין צעבראָכן געביין.

איך הער זיך איין,
און פאַרנעם דאָס געקלאָג
פון פּיין.
און מיר דאַכט:
אַ בעטנדיק קול שעפּטשעט
צו מיר, אין דער פינצטערדיקער שפּעט
פון דער נאַכט:
אָנגענומען איז פון דערבאַרעמונג
דאָס געבעט:
פּאָעט, גיי אַרויס,
און פאַרלאָז דיין הויז.
זוך דאָס בוך פון ליכט,
וועסטו געפינען צו דער פאַרהוילעניש
דעם וועג,
און אויפגיין וועט פאַר דיר,
דאָס העלע געזיכט
פון די ווייטע, גנאָדיקט טעג.

אין דעם ספר פון ליכט,
איז פון קדמונים אָן פאַרשריבן;
אז די פינטערניש תהומיק־געדיכט
וועט ווערן פאַרטריבן.
אותיות און ווערטער וועלן שיינען,

קיינעמס האַרץ וועט פון טרויער
מערנישט וויינען.
גנאַדיקע רייד וועלן פאַרזייען
זאָמען פון האַרציקער טרייסט,
און די פרייד פון לעבן,
וועט דאָס גליק
פון שלוה און פריד וועבן.

## טרער פון פרייר

ווינטער. דער הימל ראָז
אין פראָסט פאַרשמידט.
די זון שלייכט און בלענדט
אויפן גלאָז פון אייז פון
פאַרפרוירענעם טייך.
איך שפרייז צו דיר:
ליכטיק מיידל מיין,
מיטן גלי פון גלוסט
פון אונדזער ליבשאַפט,
מיר קענען גרייכן
די העלע, פאַרהוילענע
הייכן.

אין אויג — די טרער פון פרייד,
גייט אויף,
און צו אונדזער שטיבל,
אויפן שטראַלן־שפיגל
פון שניי, מיר שפרייזן
אַרויף צו דער זון, וואָס
בלענדט אויפן
צעזילבערטן היגל.

## פאַרשפאַרט

אין הייליקן אָנדענק פון מיין
פרוי סאָניע שטערן

איך בין פאַרשפאַרט
אין די גליענדיקע רייפן
פון צער.

דו פאַרקלעמסט מיין האַנט,
ווילסט מיר עפּעס זאָגן.
נער שטום איז מיין מויל,
און איך זע: אין דיינע אויגן
פון ווייטיק און שרעק
די גרויל.

מיינע טרערן גליטשן זיך
אויף דיין פיבערדיק־ציטערדיק געזיכט
און עס צאַנקט אין דיין געביין
פון לעבן דאָס ליכט.

## א ל ו ל

### (פראַגמענטן)

אין קלעם פון שטוביקער פרעמד
פויזען טעג אין פיין,
אָן אַ שטראַל פון שיין.

אין חודש אלול איז אים
פיינלעכער דאָס זיין אליין,
מורמלט ער אין טרויער געוויין
ביי טאַטע־מאַמעס מצבה שטיין:
אָ, גאָט, נישט אין כוס פון וויין,
אין בלוט שווימט
דאָס פאַרשטויסענע יידישע אות.
דאָס טיפסטע וואָרט איז נישט
טיף גענוג, צו דערגרייכן
די טיף פון מיין פיין.

אָ גאָט, פאַרלעש דאָס פייער
פון מיינע ווונדן, וואָס
דו, אין דיין צאָרן,
האָסט אין מיר אָנגעצונדן.

אָפן דער בית־הקברות טויער,
איבער די מצבות הויערט
פון טויט דער טרויער.
שטומע יידישע ווערטער
שטאַרן אין דער האַרבסטיקער זון
דער צעהעלטער.

צווישן ביימער און דראָטן
רייט די שטילקייט
אויף אַ גרינעם שאָטן.

די בענקשאַפט גליט
אין געביין.
מיט שטיל־טרויעריקע טריט
פירט מיך דער עלנט
צוריק אַ היים...

## אין געבעט

לבנהדיקער טרויער
זילבערט אויפן בלוי
פון טייכיקן שליאַך.
די באַן שניידט
די דערשראָקענע שאָטנס
אין דער וואַלדיקער נאַכט.
אָ, גאָט, איך ווענד מיין געבעט
צו דיינע אויסגעשטערנטע הימל־ווענט:
פאַר מיינע בעטנדיקע סטראָפן
דעם טויער פון רחמים
האַלט שטענדיק אָפן.

אָ, פאַרנעם מיין געוויין
און לאָז מיך נישט
אין עלנט אַליין.

די באַן לויפט אין טעלער
פון די גרינע טאָלן
לבנה קלעטערט אויף דער בריק,
פאַרצויגן מיט בליצנדיקע דראָטן.

### ביילע שעכטער — גאָטעסמאַן

## אויף דער פינצטערער גאס

אויף דער פינצטערער גאָס
לעבן אַ פאַרשלאָפענעם לאַמטערן
שטייט אַ פרוי
די האָר אַראָפגעלאָזן.
ביי דער זייט שטייט אַ מאַן
און קוקט זי אָן.
וואַרטן זיי אויף אַן אויטאָבוס?
גייט דען דאָרט אַן אויטאָבוס
אין דעם פאַרוואָרפענעם העק?

סע פאַרפליט דאָס בילד
מיר פאָרן אַריין
אין צעליכטיקטער שטאָטישקייט
סע בליצט און סע פינקלט
מיט רירעוודיקייט.

מיר גייט אָבער נאָך
די פינצטערע גאָס
און די פרוי מיט אַראָפגעלאָזטע האָר
און דער מאַן ביי דער זייט
וואָס ער קוקט אויף איר
און איך טראַכט
גייט דען דאָרט אַן אויטאָבוס?

## איך געדענק דעם שפאַציר

אַזאַ נאָמען
מיט שרייאיקע אותיות
און אַ פליאיקן אַדרעס
עטרעישע שלייערן
פאַרשטעלן דאָס פנים
כ'וואָלט וועלן זען צי
און טאַקע ווי
ער האָט זיך געעלטערט
און איך
בין איך אים נאָך קענטלעך?

**שיע טענענבוים / ניו־יאָרק**

# צעבראָכענע אויגן

## (דערציילונג)

אַנומלט האָב איך באַגעגנט ביים ברעג פון ים איינעם אַ מענטש, וואָס איז שולדיק אין מיין איצטיקער דערציילונג. זיין אויסזען איז געווען רוי, פרימיטיוו, און זיין פנים גרוי און קאַלט ווי אַ שטיק קיזלשטיין אויף די ברעג. געוויינלעך מייד איך אינסטינקטיוו אויס צו רעדן מיט אַזאַ טיפּ. איך דערוואַרט אין פּאַרויס, אַז זיינע רייד וועלן זיין גאַליק און שטעכיק ווי פּאַקשיוועס. זיין אומפריינטלעך פּנים דערציילט טאַקע, אַז אַ סך רעגנס און ווינטן האָבן אים געשלאָגן ווי מיט בייטשן. אַן אנדערן, אַ גרינגערן פּאַרשויך, וואָלט עס אומגעוואָרפן און אומגעבראַכט. אָבער אונדזער העלד האָט עס פאַרביטערט און אויסגעקאָוועט פון אים אַ געשטאַלט ווי אַ סטאַטוע פון אייזן אָדער בראָנז. ער איז געבליבן שטיין אין דער וועלט, אין דער נאַכט פון זיין לעבן, ווי אַ פעלז ביים שוימיקן ברעג פון ים — איינזאַם, אָבער מעכטיק. עס איז אים טרויעריק צו לעבן, אָבער ער איז אויך נישט אין שטאַנד צו שטאַרבן. נישט אַלע מענטשן קענען שטאַרבן. דער מלאך המות ציטערט ממש זיך צו דערנענטערן צו זיי מיט זיין קאָסע אָדער שווערד...

ווייזט אויס, אַז עס איז אויך אמת דער זאָג אַז יעדער איינציקער מענטש טראָגט אַרום אַ בוך אין זיין האַרצן. גיב אים אָבער די מעגלעכקייט, און ער וועט אַרויסברעכן פון זיך ווי פון אַ שרפה, אַ גרויס ווערק אָדער אַפילו אין באַשטימטע פאַלן — אַ מייסטער=ווערק. אָבער עס איז שוין צייט צו שענקען אויפמערקזאַמקייט די נאַקעטע און ברוטאַלע פּרטים פון זיין לעבן וואָס עס איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען די אַרויסצוברענגען פון זיין ממש שטיינערנער צונג.

הערשל האָט געשטאַמט פון אַ געגנט אַרום קיעוו, אויפן ברעג פונעם טייך דניעפּר. זיין געבוירן שטעטל האָט געהייסן ביעלאָצערקאָוו. קליינערהייט האָט ער זיך געשפּילט אויפן ברעג פונעם דניעפּר, ער איז געשווומען אין זיינע טונקעלע און רויע וואַסערן, פּונקט ווי די האַרטע מענטשן וואָס באַוווינען די געגנט. זיין גוטער זיידע האָט אים געלערנט שווימען קעגן שטראָם און טייל מאָל זיך צו לאָזן צוזאַמען מיטן שוווּנג און אימפּעט פון די כוואַליעס איבער גאַנץ ווייטע שטרעקעס. טאַקע צוליב זיין בענקשאַפט צום אַלטן דניעפּר פון זיין פריער קינדהייט קומט ער דאָ זומערצייט צום ים, אין קוני איילאַנד. ער קומט שוין דאָ אַריבער פערציק יאָר. יעדן אָנהייב פרילינג, יעדן זומער און יעדן האַרבסט ווען עס הייבן זיך שוין אָן די שטאַרקע ווינטן און רעגנס, שפּאַצירט ער דאָ אַרום אַן איינזאַמער; זאַפּט זיך אָן מיט דער געזאַלצענער לופט פון ים, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ וועלן אָטעמען מיט דער היימישער אַטמאָספער פון דעם שטרענגן דניעפּר טייך. ער פילט זיך ווי דאָס ווייב פון לוט, וואָס האָט זיך אומגעקוקט אויף איר צעשטערטן לאַנד, היים און הויז און האָט פון ווייטיק און בענקשאַפט צו איר

---

יאָרן אַריבער
אַ קורצע רגע
איך געדענק דעם שפּאַציר
דורך היסטאָרישע קברים
ווי דען וואָלט איך עס
ווען געזען?
אַ שמייכל טוט מיך
אַ פאַרפיר צום שפּיגל
ווי יונג מע זעט זיך
נאָך האַלבער נאַכט.

סביבה זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ זייל, אין אַ פֿעלז פֿון זאַלץ.

זיין זיידע איז געשטאָרבן בשעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 110 יאָר. כאָטש עס איז נישט געווען קיין טיפּיש יידישע מלאכה, האָט דער זיידע שווער געהאָרעוועט ביים בויען שיפֿן אין אָדעס, וווּ זיינע עלטערן האָבן מיט יאָרן צוריק געוווינט. דערנאָך האָט ער זיך געצויגן קיין ביעלאָצערקאָוו, וווּ ער האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט באַרזשעס, פּישער־שיפֿן, לודקעס און זיי פֿאַרקויפֿט צו די קאָזאַקן אין דער געגנט, צו אַלערליי שמוגלערס און רויבערס, און צו דער אוקראַינישער באַפֿעלקערונג. אַ ליבשאַפֿט צו שיפֿן, צו דעם וואַלדישן ריח פֿון פֿרישן האָלץ, איז געבליבן שטיין אין דעם אייניקלס האַרץ און געמיט ביז אויפֿן היינטיקן טאָג. אָט ציט זיך טאַקע איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, בשעת מיר ריידן וועגן די אַמאָליקע צייטן, אַ ברודיקע שלעפּ־שיף, וואָס באַוועגט זיך קוים, ווי אַ ריזיקע טשערעפּאַכע. זי וועקט אויף אַזאַ טיפֿן געפֿיל פֿון נאָסטאַלגיע צום ווייטן אַמאָל, צום זיידנס שיפֿן אויפֿן אומרואיקן און אימפּעטיקן ברעג פֿונעם טונקעלן דניעפּר.

אין יאָר 1902 איז הערשלס פֿאָטער אַוועק אויף סלוזשבע אין דעם צאַרס ארמיי, כּדי צו דינען אין דער מלחמה קעגן יאַפּאָניע. ער איז געוואָרן אַ סאָרט פֿאָדריאַטשיק, האָט איינגעקויפֿט פֿערד, קי, אָקסן, שעפּסן און קאַזעס, און געליפֿערט פֿלייש צום צאַרס אויסגעהונגערטע סאָלדאַטן. ווען ער איז צוריק אַ היים געקומען קיין ביעלאָצערקאָוו, איז ער געווען, וועדליק די דעמאָלטיקע באַגריפֿן, אַ רייכער מאַן. ער האָט געקויפֿט אַ לייטיש הויז מיט אַ ברייטער וועראַנדע און מיט גרויסע פֿענצטער פֿאַר צוויי טויזנט רובל, ווי אויך גערטנער, פֿעלדער, סעדער און גרין פּאַשע־לאַנד אַרום דעם הויז. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ געראָטן מיידל פֿון אַ חשובער יידישער משפּחה אין א שכונותדיק שטעטל און פֿאַרלייגט אַן אייגענע פֿאַמיליע. הערשל איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער, געווען דער בכור. דערנאָך זיינען געקומען נאָך ניין קינדער, זיינע שוועסטער און ברידער, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען בשעתן חורבן פֿון די יידן אונטער היטלערס אָקופּאַציע.

ווען הערשל איז געוואָרן פּוליעריק, האָט ער געדאַרפֿט גיין דינען דעם צאַר אויף פֿיר יאָר. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק צו דינען אין דער רוסישער אַרמיי, צו גיין זיך שלאָגן מיטן טערק, צי מיט יאַפּאָניע, אָדער מיט די טאָטערן אויפֿן ווייטן קאַווקאַז. איז ער דעריבער אין איינער אַ נאַכט אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אים נישט אָנגעקומען אזוי גרינג ווי מען באַשרייבט עס אין אַ שורה אָדער צוויי. ער קומט אָן קיין דעטראָיט און אַרבעט אַלס מעכאַניקער אין פֿאָרדס אויטאָמאָביל פֿאַבריקן. מיט דער צייט ווערט ער אַפֿילו אַן אויסגעצייכנטער מעכאַניקער. ער איז יונג און קרעפֿטיק געבויט. עס איז שוין אוודאי צייט צו נעמען טראַכטן, אַזוי ווי אַ מאָל זיין פֿאָטער און זיידע, וועגן נעמען זיך אַ לייטיש ווייב און אַוועקשטעלן אַן אייגענע פֿאַמיליע.

קיין סך יידישע בילדונג האָט הערשל נישט פֿאַרמאָגט. קיינער האָט אים אויך נישט געפּרוּווט אַריינצופֿירן אין דער יידישער געזעלשאַפֿט, אין די אַרבעטער פֿאַראיינען. ווייניק יידן האָבן געאַרבעט אין פֿאָרדס פֿאַבריקן. פֿלעגט ער, פּונקט ווי זיינע חברים, די גויים, אויסליגן דורך די נעכט אין פֿאַרשידענע בירשענק, וויינשענק און קאָרטן קנייפּעס. עפּעס האָבן יידן פֿון קליינוויז אָן צו אים נישט געקלעפּט. ער איז אייגנטלעך, אין זיין פֿאַרגאַנגענהייט, געווען מער רוס אָדער אוקראַינער, ווי ייד. ווען עס איז געקומען צו יידישקייט, איז ער געווען אַ פֿרעמדער

מענטש, קיין שייטל עברי נישט געקענט.

און עס איז געשען, אז איין מאָל האָט ער צופעליק אין אַ פּאַררויכערטן ווײַנשענק אײַנגעלאַדן אַ פרוי צו טאַנצן מיט אים. זי האָט געהייסן לודמילאַ און האָט אויך געשטאַמט פון אָפּגעפרעמדטע יידן. הערשל איז קיין מאָל נישט געווען קיין וואַזשנער קענער פון דער פרויען נשמה, ער האָט אין אַלגעמיין, ווי יעדער יונגער מאַנצביל, באַוווּנדערט די ראָמאַנטישע דערשײַנונג פון דעם מין פרוי, אָבער זי איז פאַרבליבן פאַר אים אַ פרעמדע און סודותדיקע. ער האָט אָפט געהערט פון זײַנע חברים, די אַרבעטער, ריידן ציניש וועגן פרויען, וועגן געשלעכטלעכע ענינים, און אים האָט שאָקירט זייער ציניזם. ער איז דווקא פון דער נאַטור געווען ערנסט געשטימט און פאַרשטאַנען, אז כדי צו לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, מוז אין דער היים, אונטערן ריינעם פאַרהענגל פונעם פענצטער, זיך געפינען אַ שטילע, רואיקע און צאַרטע פרוי, כדי זי זאָל מיט זיך ליכטיק מאַכן די שטוב און באַלייכטן דאָס לעבן מיט אַ ביסל ראָמאַנטיק, ליבשאַפט און מיטן געבורט פון קליינע קינדער ווי בלויע שוואַלבן.

אָבער ווער איז פאָרט געווען די לודמילאַ? ער האָט זי דווקא געקענט נאָך פון דער היים אַלס קליינטשיק מיידעלע. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ יידן, אויך אַן ארבעטער ביים דניעפּר אַרום די שיפן. עפּעס אין איר האָט צוגעצויגן דעם פּראָסטן, נאַיוון און ערלעכן הערשל. זי איז געווען אַ קרעפטיקע און פולברוסטיקע קאָקעטקע, האָט ליב געהאַט דאָס ברויזנדיקע לעבן, באַזונדערס מיט מאַנצלייט אַרום זיך. דאָס יונגע בלוט האָט געזונגען אין אירע אָדערן, האָט געבענקט נאָך לוסט, נאָך טאַנץ און אַפילו נאָך וויין און וויסקי. דער אויפשפּיל פון מוזיק האָט געמאַכט צאַפּלען איר האַרץ און אינסטינקטיוו געריסן אירע פיס צום טאַנצן מיטן "ערשטן און בעסטן" מאַן, ווי עס גייט דער זאָג.

ווען הערשל האָט איר איין מאָל אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ גאָלדן קייטעלע מיט אַ בראָשקע אין וועלכער עס זײַנען געווען אײַנגעפּאַסט עטלעכע דינע דיאַמענטלעך, האָט לודמילאַ ממש אויפגעלויכטן ווי אַ קליינער שטערן. יאָ, זי האָט אינסטינקטיוו, ווי יעדע יונגע און שיינע פרוי, געבענקט נאָך גאָלד, געחלומט פון צירונג און פון אַ גליקלעכער היים. איר פרעכטיק פנים, איר ליכטיק לייב, די טונקל-גרינע דניעפּרישע אויגן האָבן פאַראַטן איר גלוסטונג נאָך ליבע, תאווה, בריליאַנטן, זײַדענע קליידער און קאָלירטע לאַטשן מיט דינע זאָקן... אָבער הערשל האָט נישט צו פיל געטראַכט וועגן איר קאָקעטישער אויפפירונג און קאָמפּליצירטן כאַראַקטער.

באַלד נאָך דער חתונה מיט לודמילאַן, וואָס האָט אין דער היים געהייסן לאה, האָט הערשל עפּעס אויסגעפינען וועגן איר. דהיינו, אַז זי איז נישט קיין קליינע פאַרשפּענדערקע. וויפל געלט ער האָט איר נאָר געגעבן איז עס גיך געגאַנגען אין ניוועץ. זי האָט זיך כסדר אײַנגעקויפט איבעריקע קליידער, שיך, היטן, מאַנטלען, זײַדענע וועש, און אַפילו קאָסטבאַרע פעלצן און צירונג, אָן שום רעכענונג און נויטווענדיקייט. ער האָט קיין מאָל רעכט נישט געוווּסט וואָס זי טוט מיטן געלט וואָס ער גיט איר יעדע סוף וואָך. ער האָט אויך נישט געוווּסט ווו זי פאַרברענגט אירע נעכט, און מיט וועמען...

דאָס לעבן מיט לודמילאַן איז ביסלעכווייז פאַר אים געוואָרן אַ גיהנום. קיין קינדער האָט זי קיין חשק נישט געהאַט צו האָבן, די חובות האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. ער האָט קוים באַוויזן צו פאַרדינען כדי קענען באַצאָלן די פּראָצענטן אויף אירע חובות. אַפּעלירן מיט ערנסטע רייד צו איר מכלומרשטן געוויסן איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. לויט איר גראַד פון פאַרשטאַנד און אינטעליגענץ איז זי געווען אַ קינד, אָדער העכסטנס אַ מינדעריעריק מיידל.

עטלעכע יאָר זיינען אַזוי אַדורך ביז הערשל האָט גענומען זוכן אַ וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיין אויסגעלאַסן און פאַרשווונדעריש ווייב, וואָס פלעגט כמעט יעדע נאַכט, שוין נאָענט צום באַגינען, אַ היים קומען אַ שיכורע, מיט שטיקלעך קאָנפעטי פאַרשטעקט אין אירע שיינע שוואַרצע האָר. אויב נישט, האָט ער געפילט, וועט ער פאַרענדיקן אין תפיסה צוליב אַ מאָרד, אָדער ער וועט שטאַרבן אַ פאַרצווייפלטער אין משוגעים הויז.

נאָר שיידן זיך מיט לודמילאַן איז אויך נישט געווען אַזוי לייכט. זי איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיין אָפענעם שונא, געוואָלט ביי אים צורויבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן. זי אליין וואָלט אפשר דערצו נישט געהאַט קיין שכל, אָבער איר געליבטער האָט שטרענג דיקטירט אַלע אירע מעשים און האַנדלונגען.

און ווער איז געווען איר געליבטער? ביסלעכווייז איז הערשל געוואָר געוואָרן: אַ שופט. יאָ אַ ריכטער אין די קרימינעלע פּראָצעסן פון דער אונטערוועלט. ער האָט עס געפירט די ספּראַוועס און פאַלשערהייט פאַרמשפּט אומשולדיקע מענטשן. ער האָט כסדר גענומען כאַבאַר און באשטראָפט הילפלאָזע מענטשן לויטן עדות זאָגן פון פאַלשע עדות. אייגנטלעך איז דער איצטיקער ריכטער פריער געווען אַ פּראָצענטניק, געבאָרגט געלט צו נויטבאַדערפטיקע און דערנאָך געשונדן זייער הויט ביז בלוט.

דער דאָזיקער ריכטער, אגב אַ פּאָליאַק פון די קרעסן, איז עס געוואָרן דער געליבטער פון לודמילאַן. בייטאָג איז ער געווען אין געריכט־הויז און ביינאַכט האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט צווישן קנייפּעס מיט דער געליבטער זיינער און געטרונקען וויין און וואָדקאַ אין דער געזעלשאַפט פון גענגסטערס און רוצחים.

... אין איינעם אַ טאָג איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע ספּראַווע. דער באַשולדיקטער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער העלד, דער אַביסל אָפּגעפרעמדטער ייִד פון ביעלאָצערקאָוו, דער פאַרגרייסטער הערשל. זיין געוועזן ווייב האָט אים באַשולדיקט אין נישט צאָלן קיין ״אַלימאָני״ שוין זינט עטלעכע יאָר. דער שופט איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי — איר האָט ריכטיק געטראָפן! — איר געליבטער. און די עדות זיינען געווען איבערגעקויפטע גנבים, גענגסטערס און ״פּימפּס״. דער ריכטער האָט געהאַלטן אַ לענגערע עלאָקווענטע רעדע, געשילדערט דעם באַשולדיקטן ווי אַ פאַרדאָרבענעם מענטש, וואָס האָט געפייניקט זיין ווייב, זי געשלאָגן, באַרויבט, אויסגענוצט איר ליבע און שפּעטער זי אַרויסגעוואָרפן ממש אַ נאַקעטע פון זיין הויז אָן שום מיטלען צום לעבן. צום סוף האָט ער צוגעפּסקנט אַז זייער הויז זאָל געהערן צו איר, צו לודמילאַן.

ווען הערשל איז אַרויסגעגאַנגען פון געריכט הויז איז ער געווען אַ פולשטענדיקער אָרעמאַן. מען האָט אים געהאַט באַרויבט פון אַלץ וואָס ער האָט אין משך פון לאנגע יאָרן אָנגעזאַמלט דורך שווערער פּראַצע, מיט אַ סך בלוט און שווייס. דערצו האָט ער צו זיין געוועזענער אשת חיל געדאַרפט צאָלן ״אַלימאָני״ אויך. און געווען איז ער שוין אַ פיזיש־קראַנקער מאַן.

לויט יעדער לייטישער לאָגיק וואָלט הערשל געדאַרפט מוראדיק פיינט האָבן זיין געוויסנלאָזע און פאַרדאָרבענע פרוי לודמילא. אזוי וויניקסטנס דיקטירט דער פּראַקטישער שכל הישר. אָבער דאָס וואָלט געווען הימל־ווייט פון אים. וואָרעם נאָך זייענדיק אין געריכט און באַטראַכטנדיק לודמילאַן מיט ביטערן צאָרן און פאַראַכטונג, האָט ער פּלוצלינג באַמערקט ווי רייצנדיק זי איז. אירע גרינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ טונקל גאָלד, ווי בשעת אַ ווינטערדיקן און וואָלקנדיקן זון אונטערגאַנג. ער האָט אויך באַמערקט, אַז אירע פאַלשע און זייער דינע ליפּן זיינען געווען ווי געגילדעט, און אַ קוש פון

די דאָזיקע פאַרעטערישע ליפּן וואָלט אים אין יענעם מאָמענט פשוט גליקלעך געמאַכט, הגם די זעלבע ליפּן האָבן איצט, פאַרן גאַנצן זאַל מיט מענטשן, און פאַר די אַדוואָקאַטן אויך, אַרויסגעבראַכט אַזעלכע שלעכטע און ממש ווערעמדיקע רייד וועגן אים, אַז ער וואָלט עס זיך גאָר קיין מאָל אין לעבן נישט געקאָנט פאָרשטעלן. זי האָט פאַלש עדות געזאָגט און האָט געבראָקט מיט געמיינע ליגנס און מיט פשוטע בלבולים אויף זיין אויפפירונג און אויף זיין כאַראַקטער. אָבער בשעת זי האָט גערעדט, מוז ער זיך מודה זיין, איז זי געווען אזוי שיין, אַז עס איז פאַר אים גאָר נישט מעגלעך צו פרוּוון עס שילדערן. יאָ, ער האָט זי אַפילו נאָך מער ליב געקראָגן ווי פריער. ער וואָלט געווען גרייט איר אַלץ מוחל צו זיין אַבי זי זאָל איינוויליקן מיט אים אַ היים צו גיין.

אָבער לודמילאַ, ווי דער לייענער ווייסט שוין, האָט אין גאַנצן נישט געוווּסט וואָס עס איז אַזוינס ליבע און דאַנקבאַרקייט. אַ פּאָליציימאַן האָט אים אַרויסגעפירט פונעם זאַל פון געריכט און האָט אים פעסט צוגעהאַלטן כדי ער זאָל נישט אומפאַלן. שפּעטער האָט ער געפרוּווט גיין איבער די זוניקע גאַסן, אָבער עס איז אים געווען טונקל פאַר די אויגן. דערנאָך האָט ער געחלשט אויך, און ווען ער האָט דערוואַכט, האט ער געזען אז ער זיצט אין עפּעס אַ האַרבסטיק געלן און פאַרזשאַווערטן פאַרקל אויף דער בויערי, אין דער געזעלשאפט פון האָבאָס, טרעמפּס און שיכורע פּראָסטיטוטקעס. די געלע בלעטער פון דיביימער זיינען געפאַלן ווי צעקנייטשטע און פאַלשע קאָרטן צו זייערע ברודיקע פיס מיט צעריסענע שיך. די לבנה האָט געלויכטן ווי מיט פאַלשן גאָלד און די טויבן האָבן געפיקט די זשאַרנעס פון דער ערד — שטיקלעך שטיינדלעך, אַגראַפקעס און קנעפּלעך, וואָס לייכטן ווי גלעזלעך אין אָפּשיין פון דער זון.

הערשל איז איצט אַליין געוואָרן אַ קאָרטן שפּילער, אַ געמבלער אויס פאַרצווייפלונג. אלץ וואָס ער האָט נאָך פארמאָגט האָט ער פאַרשפּילט אין קאָרטן, זיצנדיק אין די קנייפּעס און פאַרדעכטיקטע וויינשענק און באָרדעלן. איין מאָל, שוין שפּעט ביי נאַכט, גייט ער אַ היים בלויז אין זיינע הויזן און צעריסענעם העמד וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו זיין שווייסיקן לייב. ער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דאָס זילבערנע מאַכאָרקע פושקעלע; דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער מאַסיווער דיוויסקע. אין אָט דעם זייגערל איז געווען איינגעראַמט אַ קליינטשיק פּאָרטרעטל פון לודמילאַן, פון יענער צייט ווען זי איז געווען בלויז אַכצן יאָר אלט. ער האָט שוין אַפילו געהאַט פאַרשפּילט די גאָלדענע ברילן זיינע. ער האָט זיך ביטער צעוויינט און געבעטן ביי זיינע גזלנים אים צוריק צו געבן כאָטש די בלויזע שייבעלעך פון די ברילן, ווייל ער איז דאָך האַלב בלינד און אין דרויסן הערשט אַזאַ אימהדיקע נאַכט־פינצטערניש. ער וועט פשוט נישט קענען טרעפן צו זיין היים אין דעם ביליקן האָטעל, וווּ ער האָט שוין איצט געוווינט. דער געמבלער, אַ קאַלטער גזלן, האָט אים מכלומרשט צוריקגעקערט די גלעזלעך. אָבער ביים אַרויסנעמען זיי פון די גאָלדענע ברילן, האָט ער זיי אומישנע צעבראָכן, ווי צעשטעכנדיק דערמיט דעם קרבנס שוואַרצאַפּלען, צעברעכנדיק זיינע לעבעדיקע אויגן...

כמעט בלינדערהייט איז ער ביי נאַכט אַ היים געגאַנגען צו זיין קליינעם חדרל אין דעם אָרעמען האָטעל אויף דער בויערי. אין דרויסן האָט געשנייט מיט אַ נאסן און געדיכטן שניי וואָס האָט אַדורכגענומען דאָס לייב. שוין ביים טויער פון האָטעל האָבן שיכורע מאַטראַסן אים צעשלאָגן. צוויי מעת־לעת איז ער געלעגן אויפן אייזערנעם בעטל. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט ער קוים באַוויזן מיט ווייטיקן זיך

אומצודרייען אויף דער אַנדערער זייט פּלייצע.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז הערשל אַ היים געפאָרן אויף באַזוך צו זיין שטעטל ביעלאָצערקאָוו. ער האָט געהאָפט, אַז עמעץ פון זיין משפּחה איז ערגעץ ווו געבליבן לעבן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פּוסטע אילוזיע. די היטלעריסטישע מערדערס האָבן אַלעמען אומגעבראַכט אין יענעם טאָג ווען זיי האָבן אויסגעשאָכטן הונדערט טויזנט יידן ביי באַבי יאַר. זייערע ביינער ליגן דאָרט באַגראָבן אינעם געמיינזאמען אררט אָדער סני פון יידישע ביינער...

אין אַ שכנותדיקן דאָרף געפינט ער אַ יוגנט־חבר זיינעם, אַן אלמן נאָך זיין אומגעבראַכטער פרוי און קינדער. זיי טרינקען אויס צוזאַמען אַ פלעשל בראָנפן. דער מעכאַנישער שפּילקאַסטן אין ווינשענק שפּילט אויס אוקראַינישע מעלאָדיעס. עטלעכע דאָרפישע פּאָרלעך נעמען טאַנצן. ביידע יוגנט־חברים קוקן זיך טרויעריק אָן. זיי צעוויינען זיך און די טרערן גיסן זיך ווי אַ פּלוצימדיקע פאַרפלייצונג פון זייערע ביידנס פון צרות און קרענקונג אויסגעגריזשעטע אויגן. ביידע דערמאָנען זיי זיך אין זייערע נאָענטסטע און טייערסטע. זיי זיינען איצט, אויף זייערע עלטערע יאָרן, עלנטע און פאַרלאָזענע ווי צוויי צו מענטשן ענלעכע סאָוועס, וואָס קוקן אַראָפּ פון די צווייגן פון אַ בוים אויפן בית עלום בשעת עס קומט פאָר אַ לוויה.

* * *

עס איז שוין געווען שפּעטלעך נאָך מיטאָג. אייגנטלעך שפּילט שוין דער פאַר נאַכט מיט זיין טונקל־גאָלדיקן כישוף ביים ברעג פונעם אַלטן טייך. די כוואַליעס ווערן האַסטיקער און געשוואָלענער, אָנשלאָגנדיק זיך אין די משופּעדיקע פעלזן און צוריק פאַלנדיק מיט אַ געשריי.

איך קוק אָן דעם גרויען הערשלען. ער זעט אויס ווי אַן איינזאַמע און געיאָגטע חיה אין וואַלד. זיין גאַנץ לעבן טוט אים איצט שרעקלעך באַנג. ווען ער איז געווען אין ביעלאָצערקאָוו מיט אַרום צוואַנציק יאָר צוריק, האָט זיין חבר אים געעצהט צו בלייבן וווינען אין לאַנד. אָבער אים האָט מאָדנע געצויגן צוריק צו פאָרן קיין אַמעריקע, צום לאַנד ווו עס וווינט ערגעץ אין אַ שטאָט, אויף אַ גאַס, אין אַ שטוב, אין אַ היים — לודמילאַ. יאָ, עס קאָן קלינגען מאָדנע, אָבער ער האָפט נאָך אַלץ אין אַ שיינעם טאָג אָדער אָוונט צו באַגעגענען די פרוי פון זיין לעבן. ער האָט חשק נאָך איין מאָל, איידער ער שטאַרבט, די אָנצוקוקן, צו טרינקען איר שיינקייט ווי וויין. ווער ווייסט, אפשר וועט זי פאָרט באַדויערן און חרטה האָבן אויף אירע מעשים. אפשר וועט איר באַנג טאָן איר געמיינע און פאַרעטערישע האַנדלונג?

הערשל איז פשוט גרוי און אַלט געוואָרן אין זיין בענקשאַפט צו לודמילאַן. ער האָט אויך קיין מאָל מער נישט חתונה געהאַט. ביי נאַכט זעט ער זי אין חלום. זי איז אין זיינע שלאָפנדיקע אויגן נאָך אַלץ אַזוי שיין ווי אַ מאָל. אמת, ער שטויסט זי אינסטינקטיוו אָפּ פון זיך. אָבער ער קען זי פאָרט נישט פאַרגעסן. זי איז זיין אייביקער שטערן, וואָס באַגלייט אים אומעטום, ווו ער וואַקלט זיך אַ שיכורער ביי נאַכט אין די טונקעלע און איינזאַמע גאַסן.

פאַרן אוועקגיין האָב איך הערשלען דערלאַנגט מיין האַנט. אין זיינע שטאָל־גרויע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. ער האָט אויף מיר לאַנג, שטיל און שווייגנדיק געקוקט ווי דורך גלאָז אָדער אַ קופּלע גרינעם ביר. דער ווינט פון ים האָט מיט זיין געזאַלצענער פייכטקייט פאַרהויכט די גלעזלעך פון זיינע ברילן. איך האָב זיך איצט דערמאָנט אין יענעם ברוטאַלן קאָרטן־שפּילער וואָס האָט צעבראַכן די שייבלעך, צוריבנדיק די גאָלדענע האַלאַבליעס, גלייך ער וואָלט צעבראָכן זיינע אויגן.

# ישראל גובקין

## הלל און שמאי אויפן בוים

רונדער שמאי, דינער הלל,
גרינען ביידע אויפן בוים;
שמאי ווי געוויינלעך שטורעמט,
הלל וויגט זיך שטיל אין רוים.

ביידנס וואָרצלען פונקט די זעלבע,
ביידע אויפן זעלבן שטאם;
אָבער ביי די גרינע שפּיצן
קען מען פּאָרט ניט גיין בייזאַם...

הלל כאַפּט זיך קושן, האַלדזן,
ווי אַ ווינטל טוט אַ בלאָז;
צאָרנט שמאי: היי, וואָס ווילסטו
גאָר אָפּבייסן מיר די נאָז?

—כיליב דיך שמאי, קרוין פון תורה!
צו וואָס צאָרנסטו אַזוי?
—כיקען דיך, הלל ניט פאַרטראָגן
מיט דיין שמייכל פון אַ גוי.

איינער פון די פילאָזאָפן,
מצרי, רוימער אָדער גריך —
די וואָס האָגלען מיט אידעען
ווי אויף קעץ מיט אַלטע שיך.

שמייכלען פאַלש און טון פאַרגלעטן
אַלץ מיט פשרות און מיט שפּאַס;
טוען אַלץ אַבי געפעלן
פעבל־מענטש אין מאַרק און גאַס...

ווילסטו אויך פון תורה מאַכן
שפּילצייג פאַרן קינדער־פאָלק?
וואָס וועט משה אויף דעם זאָגן,
אויף דיין פירוש אָן אַ טאָלק?

וויגט זיך הלל, שמייכלט, שעפּטשעט:
נו, נו, שמאי, שווייג אַ ווייל.
אלע זענען מודה, שמאי,
ביסט פון יידישקייט אַ זייל.

אָבער תורה איז געשריבן
ניט פאַר שמאין בלויז אַליין;
תורה איז צו אונדז געגעבן,
יידן, מענטשן, גרויס און קליין.

ווילסטו שמאי איינער בלייבן
מיטן יקוב דין ההר? *)
יידן וועלן זיכער זאָגן:
לאָז ער גיין, דער אַלטער נאַר...

מינים, פעלשער, וועלן פירן
אונדזער פעיק, גאוניש פאָלק.
טראַכט נאָר שמאי, זיי זיך מודה:
וווּ ליגט המשך, קיום, טאָלק?

אין דיין שטרענגקייט מיט די גרים,
אָדער אין "זאָלסט האָבן ליב"?
שטיפט אַ ווינטל אויף די שפּיצן,
וויגט זיך שמאי, מיד און טריב...

וויגט זיך הלל צו זיין חבר,
קושט אים יעדעס בלעטל אויס.
טוליעט זיך מיט ליבשאַפט שמאי:
הלל, הלל, הייליק ביסטו, גרויס.

---

*)יקוב דין ההר, שמאיס מקור: יקוב הדין את ההר — זאָל דאָס געזעץ דורכלעכערן דעם באַרג. געזעץ איז איבער אלץ.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# מאָריס שוואַרץ

## אונטערן ליכט פון די בינע־פּראָזשעקטאָרן

### צו זיין 25־טן יאָרצייט

מאָריס שוואַרץ האָט אין די אַקטיווע יאָרן פון זיין טעאַטער קאַריערע געהאַט דאָס מזל, אַז דאָס ליכט פון די בינע־פּראָזשעקטאָרן זאָל אים תמיד באַגלייטן. יאָ סעזאָן, נישט סעזאָן דער פאָרהאַנג איז נאָך געווען אַראָפּגעלאָזט, די צוגרייטונגען פאַר אַ נייער אויפפירונג אין ניו=יאָרקער יידישן קונסט־טעאַטער האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן, אָבער דאָס גערודער אַרום דער בינע האָט זיך שוין געלאָזט הילכיק הערן אין דער יידישער ניו=יאָרק, אין וואַרשע, פּאַריז, לאָנדאָן, און דער עכאָ האָט באַלד אָפּגעקלונגען אין בוענאָס איירעס, ריאָ=דע=זשאַניירא, יאָהאַנעסבורג, מעלבורן און אין אנדערע צענטערס אין גלאָבאַלן יידישן אויסשפּרייט.

דאָרט ווו מאָריס שוואַרץ האָט זיך באוועגט, האָט געזומט זיין אַ גערויש. טעאַטראַלן האָבן זיך גרופּירט אַרום אים. מעצענאַטן, באַגייסטערטע ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער האָבן אים אָנגעבאָטן הילף. שוישפּילערס האָבן זיך געטוליעט צו אים, ווי צו אַ דערבאַרעמדיקן טאַטן, וואָס האָט איף אַ שטיקל צייט פאַרבלאָנדזשעט, אָבער ער איז ווידער צוריקגעקומען אַ היים. באַ׳עוולה׳טע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זענען געווען אָנגע׳ברוגז׳ט אויף אים, האָבן זיך איבערגעבעטן, גרייט ווייטער צו שפּילן טעאַטער אונטער זיין אָנפירונג — — אין איינקלאַנג מיט דער פייערלעכער הבטחה: דאָס שוישפּיל מוז ווייטער אָנגיין. דאָס בינע־ליכט טאָר נישט פאַרלאָשן ווערן.

נאָך די לאַנגיאָריקע דערפאָלגן פון יידישן קונסט־טעאַטער אין אַמעריקע און איבער דער וועלט, איז אין אָנהויב פון די 50־ער יאָרן געקומען אַ האַסטיקע ירידה אין יידישן טעאַטער — וועזן. מחמת דעם מאַנגל אין פינאַנסיעלע מיטלען צו דעקן די גרויסע קאָסטן פון יעדער נייער אויפפירונג, איז מאָריס שוואַרץ געווען געצווונגען צו שליסן דאָס יידישע קונסט־טעאַטער. אָבער פאַר מאָריס שוואַרצ׳ן איז דאָס געווען אַ צייטווייליגע שליסונג. ער, דער דינאַמישער אונטערנעמער, האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די יידישע בינע, וואָס ער האָט אַזוי פאָטערלעך געצערטלט, זאָל אַנטשוויגן ווערן. דער איבעררייס, אַפילו אויף אַ קורצער צייט, איז פאַר אים געווען אַ קאַטאַסטראָפע. ווי אַזוי קען דער יידישער ציבור אין דעם גרעסטן יידן=צענטער אין דער וועלט אַזוינס טאָלערירן? און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער אומרואיקער, פאַרביטערטער מאָריס שוואַרץ האָט אויפגערודערט די יידישע עפנטלעכקייט מיט אַ נייעם פּראָיעקט אויפצולעבן דאָס יידישע קונסט־טעאַטער.

די אויפמערקזאַמקייט איז גיך געקומען, און מאָריס שוואַרץ האָט — — ווי זיין שטייגער — — הנאה געהאַט וואָס זיין ווענדונג האָט אַרויסגערופן אַ טומל, שרייבערס, עסקנים,

קולטור־טוערס האָבן זיך פאַראינטערעסיר מיט דעם מצב און ווען ס׳איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ רוף איבערצובויען דאָס קונסט־טעאַטער, זענען אונטערגעקומען די פרייוויליקע, גרייט צו טראָגן ציגל צום נייעם בנין.

אין פאַרלויף פון העכער דרייטיק יאָר איז מאָריס שוואַרץ געווען דאָס שיינדל פון דער ציכטיקער יידישער בינע און אין

משך פון יענע יאָרן האָט מען געקוקט אויף אים ווי אויף דעם בויער פון דעם בעסערן יידישן טעאַטער. שוואַרץ האָט גוט געדענקט יענע פעטע יאָרן און ער האט נישט פארפעלט זיי צו דערמאָנען יעדעס מאָל ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין דינסט פאַר דער בינע. ער איז געוואָרן אַ באַרימטער נאמען ביי יידן און דעם שילד פון זיין קונסט־טעאַטער האָט ער געטראָגן פּאַריס ווי אַ פאָן ווען ער האָט דורכגעשניטן די ים׳ען און געפאָרן שפּילן יידיש טעאַטער אויף אנדערע קאָנטינענטן.

אויך דאַן, ווען דער ענטוזיאַסטישער יידישער טעאַטער־עולם איז רעדוצירט געוואָרן, איז מאָריס שוואַרץ נאָך אַלץ געבליבן אַ שם דבר אין יידישן טעאַטער־וועזן, צי דאָט איז געווען אין אייראָפּע, אויסטראַליע אָדער דרום־אַפריקע, צי אין די שטעט פון אַרגענטינע אָדער בראַזיל — אומעטום האָט אויף אים און זיין בעסערן רעפּערטואַר געוואַרט אַ באַגייסטערטער עולם.

אין איינעם פון יענע טעג, זומער 1955, בין איך אין שליחות פון דער צייטונג ״טאָג — מארגן זשורנאַל״ און אויף דער פּערזענלעכער איינלאַדונג פון מאָריס שוואַרצ׳ן אוועק כאַפּן אַ שמועס מיט אים צו דער געלעגנהייט פון דער באַנייאונג פון יידישן קונסט־טעאַטער. די באַגעגעניש איז געווען אין בנין פון דעמאָלטיקן ״נאַציאָנאַלן טעאַטער״ אויף דער 2־טער עווענױ אין ניו יאָרק. אַ שמועס מיט מאָריס שוואַרצ׳ן איז אין אַלע צייטן געווען ביי אים א שעת הכושר זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, אַן איבערבליק איבער זיינע דריי צענדליק יאָר טעאַטער־האָרעוואַניע. שוואַרץ פלעגט אויסלאָדן זיינע טענות און תרעומות אויף זיינע קאָנקורענטן און נישט־פאַרגינערס, אויפפרישן סענטימענטאַלע דערינערונגען, דערמאָנען דראַמאַטישע און קאָמישע עפּיזאָדן און אויספירלעך דערציילן וועגן זיינע ראַשיקע דערפאָלגן און שטילע אַנטוישונגען.

אין דער געביידע פון ״נאַציאָנאַלן טעאַטער״ האָט יענעט טאג גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. כאָטש ס׳איז נאָך געווען ווייט צום אנהויב סעזאָן, איז מאָריס שוואַרץ געווען פאַרנומען כמעט אַ גאַנצן מעת לעת מיט אויפנעמען מענטשן, לייענען פּיעסן, אנגאַזשירן אַקטיאָרן און אַכטונג געבן ווי אזוי מען גייט איבערדעקאָרירן דעם בנין פון אינעווייניק, אז דאָס אויפגעלעבטע קונסט־טעאַטער זאָל ווערן א טעמפּל פון קונס. פאַרנומען אַהין, פאַרנומען אַהער, אָבער צו ריידן וועגן זיינע טעאַטער־פּלענער איז מאָריס שוואַרץ תמיד געווען אַנטשלאָסן אָפּצושטעלן די האַווענייש, דעם געפּילדער און זיך אוועקזעצן און אָנגעבן די סיבות פאַרוואָס דער קונסט — טעאַטער האָט פריער זיך געמוזט שליסן און פאַרוואָס ס׳איז אויך איצט לאָגיש — באַגרינדעט, אַז דער זעלבער טעאַטער זאָל זיך ווידער עפענען, און עפענען דאַרף זיך דער טעאַטער מיט אזוי פיל בליץ־קאַנדעליאַבערעס, אַז עס זאָל פאַרלויכטן דאָס יידישע ניו יאָרק.

די טענות זיינע זענען בעת יענעם שמועס אפשר נישט געווען אין גאַנצן ניי, אָבער אין זיין באַגרינדונג איז געווען אַ נייער טאָן וואָס האָט געקענט פאַרענטפערן זיינע זיג־זאַג שריט ארום דעם טעאַטער אין די לעצטע יאָרן. דער פריערדיקער קונסט־טעאַטער האָט זיך געשלאָסן — — האָט שוואַרץ אויפגעקלערט — — ווען דער ענטוזיאַזם ביים עולם האָט נאָך אָנגעהאַלטן, אָבער ער, ווי אַ יחיד האָט נישט געקענט אויסטראָגן די ריזיקע הוצאות. ס׳זענען געווען צייטן ווען שוואַרץ האָט אריינגעבראַכט אין זיין קונסט־טעאַטער די קאַפּיטאַלן וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט ביים שפּילן טעאַטער איבער דער וועלט. און געשפּילט האָט ער אומעטום: אין מדינת ישראל, אין אייראָפּע, אין אויסטראַליע, אין דרום=אפריקע, אין דרום=אַמעריקע. נישט תמיד איז ער געווען דער אַקטיאָר

וואָס האָט בלויז גאַסטראָלירט. געווען לענדער און שטעט, ווו ער האָט פאַרבייפאָרנדיק געטאָן פּיאָנערישע אַרבעט, ווען ער האָט דערזען אַ באַגייסטערטן טעאַטער־עולם, האָט ער דאָרט געהאָלפן איינשטעלן אַ סטאַבילן יידישן טעאַטער, געטריי צו זיין ווונטש און אַמביציע: אָנצינדן די בינע־ליכט אין אַלע יידישע ישובים.

דער דראנג צו באַנייען זיין קונסט־טעאַטער דווקא בעת אַ שווערן קריזיס איז — לויט שוואַרצ׳ן — געווען אַ רעזולטאַט פון דעם כאַאָס און פלעגמאַטישקייט מצד די יידישע קולטור־עסקנים. די טעמפּעראַטור ביים טעאַטער־עולם איז דווקא געווען אַ הויכע. ס׳האָבן קיינמאל נישט געפעלט ענטוזיאַסטן פאַר יידיש טעאַטער אין די פיר פינות הָעולם און ס׳איז תמיד געווען אַ הונגער נאָך דער בעסערער ליטעראַרישער פּיעסע. מ׳טאָר נישט לייגן די גאַנצע שולד אויף דעם גלייכגילט אָדער נאכלעסיקייט פון עמך. אוודאי האָט די ירידה אויך געהאט צו טאָן מיט דער סחורה וואָט מען האָט דערלאַנגט אויף די אָדער יענע בינע־ברעטער. אין דער עיר רבתי ניו=יאָרק דאַרף דאָס יידישע טעאַטער זיין אַ היכל, אַ קונסט־טעמפּל — האָט מאָריס שווארץ אויסגעפּירט — ווייל דער רוב פון יידישע טעאטער־גייערס זענען עסטעטן און פיינשמעקערס.

אזוי צי אזוי, צוליב וואָס זאָל דער רירעוודיקער, דינאַמישער מאָריס שווארץ מאריך זיין וועגן דער ירידה, אַז ס׳ווערט פריילעבער אויפן האַרצן צו דערציילן וועגן דער אויפלעבונג פון קונסט־טעאַטער. די צוגרייטונגען זענען געווען אין סאַמע ברען. די נאַציאָנאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, די יוניאָן־פירער, די איינפלוסרייכע יידישע פּרעסע, די אָפּטימיסטן צווישן די קולטור־עסקנים — אַלעמען האָט שוואַרץ איינגעשפּאַנט אין דער אונטערנעמונג. און די, וואָס האָבן זיך געלאָזט איינשפּאַנען, האָבן צו אים געזאָגט: טו, און מיר וועלן העלפן!.

דאָס אויפריכטן דעם בנין פאַרן באַנייטן טעאַטער האָט געקאָסט אַ מאַיאָנטעק. ד מעצענאַטן זענען געוואָרן ברייטהאַרציק און דאָס איז לויט שוואַרצ׳ן געווען אַ באַוויז פון אַן ערנסטן צוגאַנג. שוואַרץ האָט געהאַט זיין אייגענע אָריענטאַציע ווען ס׳איז געקומען צו קלייבן מאַטעריאַל. ער האָט צוגעזאָגט נישט צו טיילן קיינעם קיין עליות ביים אויסוואַל פון אַ רעפּערטואַר. ער האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז דראַמאַטיזירן ראָמאַנען און דערציילונגען איז אַ גאָר פּאָזיטיווער אויפטו. פון זיין לאַנגיאָריקער דערפאַרונג האָט ער געוווסט, אַז דאָס יידישע קונסט־טעאַטער האָט געבליט ווען ער האָט דראַמאַטיזירט 24 ראָמאַנען פון יידישע שרייבער, דער דערפאָלג איז געווען סיי קינסטלעריש, סוי פינאַנסיעל. י.י. זינגערס, ״יאָשע קאַלב״ און ״די ברידער אשכנזי״ זענען געווען אַ שעדעווער. שלום אַשס דראַמאַטיזירטע ראָמאַנען זענען געשפּילט געוואָרן ביי געפּאַקטע זאַלן גאַנצע סעזאָנען. אזוי איז אויך געווען מיט די ווערק פון שלום עליכם, לעאָן פויכטוואַנגער, און דאָס האָט נישט געמינערט דעם דערפאָלג פון לייוויקס, הירשביינס און פּינסקיס דראַמעס.

מאָריס שוואַרץ פלעגט ריידן מיט נאָסטאַלגיע וועגן זיינע אָפּטע גאַסטראָלן איבער דער וועלט. ער איז נישט מיד געוואָרן צו דערציילן וועגן די קעניגליכע אויפנאַמעס וואָס ער האָט געקראָגן אין אויסלאַנד. אין ענגלאנד האָט מען באַוווּנדערט זיין קונסט־טעאַטער אזוי ווי אַמאָל דאָס קלאַסישע פראַנצויזישע טעאטער ״קאָמעדי פראַנסעז״, ווער שמועסס נאָך וועגן זיינע באַזוכן אין די געדיכטע יידיש — באַוווינטע שטעט אין אַמאָליקן פוילן. דאָס זענען געווען די יאָרן פון גלאָריע. נישט נאָר דעם יידישן

טעאַטער האָט מען אָפּגעגעבן גרויס כבוד, מען האָט אויך אָנגעטאָן די קרוין אויף דעם יידיש־קינסטלערישן וואָרט.

ווען ער איז אין די יאָרן פון דער אַנטיסעמיטישער ממשלה אין פוילן אריינגעפאָרן גאַסטראַלירן אין לאָדזש, זענען גראָד אין יענער עיר ואם בישראל געווען טעג פון טרויער. די פּוילישע מאַכט האָט געהאַט פאַרבאָטן שחיטה און אלע זענען זיכער געווען, אז מחמת דער גזירה וועלן יידען טרויערן אזוי ווי אין תשעה באב און קיינער וועט אין טעאַטער קיין פוס נישט אריינשטעלן. שוואַרץ און זיין טרופּע האָבן געהאט איינגעפּאַקט די וואַליזעס, גרייט צו פאַרלאָזון די שטאָט. אָבער ווי איבעראַשט זענען זיי געווען ווען דער אימפּרעסאַריאָ איז געקומען זיי אונטעריאָגן אין טעאטער אַריין, ווייל דער טויזנט־קעפּיקער עולם ברעכט דאָרט די ווענט. מאָריס שוואַרץ האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט. די בילעטן זענען טאַקע געווען אויספאַרקויפט ביזן לעצטן. דער באַגייסטערטער עולם האָט פון אומגעדולד שיער נישט צענומען די ווענט. און ווי אזוי עס שפּילט זיך פאַר אַ פּובליקום, וואָס צענעמט ווענט אין אַ טעאַטער — בנין, האָט מען געדאַרפט פרעגן מאָריס שוואַרצן... די גאַנצע וועלט האָט ער דעמאלט אריינגענומען אין זיינע אָרעמס. דאָס אַקטיאָרישע בלוט אין זיינע אָדערן האָט אויפגעזאָטן. אלע זיינע רמ״ח אברים האָבן געטאַנצט פון התלהבות.

שווארץ איז אלס יינגל געווען אַ משורר ביי אַ חזן. גאָר פרי איז זיין גאנג געווען פון דעם עמוד אין שול צו דער טעאַטער־בינע. די שול האָט אפשר פאַרלוירן אַ צוקונפטיקן חזן, אבער די יידישע בינע האָט געוווּנען אַן אַקטיאָר, וואַס האָט אריינגעשריבן אַ רייך קאַפּיטל אין דער יידישער טעאַטער־געשיכטע אין אַמעריקע. ווען ער איז אין זיינע יינגל־יאָרן געווען אַ משורר, האָבן חזנים זיך געריסן איבער אים. מען האָט אים פשוט אויסגעבאָרגט פון איין עמוד צום אנדערן. אָבער זיין אַמביציע האָט איס געטריבן אין אַן אנדער ריכטונג. ער האָט פאַרזען זיין איינגעבוירענע פעייקייט צו חזנישער נגינה און האָט פארבלאָנדזשעט אויף דער גאלעריע פון יידישען טעאטער. ״ווייסט איר פארוואָס מיין קול איז אַ באַריטאָן טענאָר? — האט שוואָרץ אַ זאָג געטאָן — ווייל אלס אַ משורר בין איך געווען אן אַ ל ט און געזונגען האָב איך ס אָ פּ ר אַ נ אָ...״

אָט דער פאַרלאַנג צו מישן קולות, צו טוישן בינע־קרעאַציעס, צו טראַנספערירן געשטאַלטן, אַרייצושפּרינגען אין דער הויט פון פאַרשיידנאַרטיקע כאַראַקטערן איז געבליבן אין מאָריס שווארצס געמיט ביזן סוף פון זיין לעבן.

ער איז געווען אין זיין גאַנצן באנעם א באגייסטערטער טעאַטער־בויער. עס האָט געשלאָגן פון אים אַ שעפערישע פרייד סיי אויף דער בינע, סיי אויף יענער זייט טעאַטער־מויער. די דאָזיקע פרייד, דער דאָזיקער זשוואַווער טרייב־כוח האָט אים אויך געשטויסן אָנצושרייבן אַן אוצר מיט מעמואַרן פון דעם בליענדיקן פעריאָד אין דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער, מעמוארן, וואָס זענען, דוכט זיך, ביזן היינטיקן טאָג נישט דערשינען אין בוך־פאָרם.

ער האָט זיך אַרויסגעזען אין דער טעאַטער־סביבה משכמו ומַעלה, דינאמיש, קוועקזילבערדיק. אויך אין זיין לשון, אין זיינע באַוועגונגען, אין זיין גאַנצן מהות איז ער געווען פול מיט ברען און ענטוזיאַזם. פאַראַן קינסטלער וואָס יעדע שעה אין מעת לעת איז פאר זיי א התעוררות, אַ סטימול צו נייע פאַרמעסטן, צו ווייטערדיקע דערגרייכונגען. די דאָזיקע פענאָמענאַלע דערשיינונג האָט אין זיך פארקערפּערט מאָריס שוואַרץ.

# א בריוו פון מאָריס שוואַרץ צו שמואל איזבאַן

יוני 21, 1955

ליבער פריינט שמואל איזבאַן;

ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אייך צו כאַפּן אַ שמועס. מיין ערשטער איינדרוק פון מענטשן זענען ווי פון נאָוועלן־פּיעסן אָדער מוזיק. ס׳איז אָדער אָדער — — — איר האָט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק אַלס וועלט־שרייבער, פונקט ווי י.י. זינגער האָט אויף מיר אין וואַרשע געמאכט אַ זעלטענעם איינדרוק — — און אזוי האָט דער איינדרוק אונז געפירט צו גרויסע טעאַטער־דערפּאָלגן.

ערשטענס שיק איך אייך די פּאַשיידענע סומע פאר אייער בוך, "צווישן הונדערט טויערן" — — ווייל אזוי פיר איך מיך אלע יאָרן — — אפילו צו שרייבער אין עק וועלט שיק איך תמיד אַ באַשטימטע באַלוינונג פאַר דעם פאַרגעניגן פון באַקענען זיך מיט די טאַלאַנטפולע שרייבער אונזערע.

איצט מכוח אייער בוך — — —

איר זייט מיר שולדיק אַ גאַנצע נאכט שלאָף. און איך שלאָף ווייניק סיי ווי, נאָר דאָך מיט אַ פּיל כאַפּ איך אַ דרימל... דאָ האָבן שוין קיין צוויי פּילן אויך נישט געהאָלפן. איך בין געווען אזוי פאַרכאַפּט פון די דערציילונגען אין אייער בוך, אז איך וואָלט געקאָנט שרייבן עטלעכע אַרטיקלען און געהעריק אָפּשאַצן דעם גרויסן ווערט פון אייערע שאַפונגען.

אייער דיאַלאָג איז ממש וווּנדערלעך. אזוי צאַפּלדיק פריש כאָטש נעם דאָס און שפּיל עס אפּ און לעב איבער די אַלע געשטאַלטן, וועלכע. איר האָט מיט אזוי פּיל אינערלעכער קענטשאַפּט די פאַרשוינען געשאַפן: "דער בוכאַרישער קוואַרטאַל", "משפחה סאַפּורטא", "א פּליט", "פאַרן בית דין" — — דאָס איז אַ שעדעווער — — וועגן דעם דאַרף מען זיך פאַרטראַכטן, ווייל די אלמנה — — — אין דער דערציילונג "פאַרן בית דין" — — — און די צוויי רבנים, דער שמש, און דער טעפּיך־הענדלער און דער עיקר — — דער קלימאַקס פון דעם שידוך — — — אויסערגעוויינלעך! איך האָב געטראַכט, אז אייער בוך מוז איבערגעזעצט ווערן אויף ענגליש און ס׳וואָלט אויך געווען וויכטיק צו רעקלאַמירן, אז אלע וועלכע פאָרן קיין ישראל, זאָלן זיך פריער באַקענען מיט אייער ווערק — — — ווייל די טוריסטן אין ישראל זעען דאָרט אַ צווייטע ניו־יאָרק אדער אַ קליין — פּאַריז, אָדער גאר א בוענאָס־איירעס... אייער בוך ווייזט דאָס (אמתע) לעבן אין ישראל — — סיי אין דער צייט פון ענגלישן מאַנדאַט און סיי אין דער איצטיקער מדינה און איך בין זיכער, אז דער לעבנס־שטייגער, די מנהגים זענען די אייגענע ווי היינט.

איר דאַרפט אלץ טאָן, אַז אַ גוטער איבערזעצער ווי מאָריס סעמועל (דער איבערזעצער פון שלום אש׳ס ווערק) זאָל אייער בוך איבערזעצן. שיקט אים א מתנה אייער ווערק. ס׳וועט זיין ביי די אַמעריקאַנער יידן אַ "בעסט סעלער" היינט (ווער שמועסט נאָך) וועגן דער דערציילונג "די וואַרזאָגערין" און וועגן "דער דאָקטאָר פון בית שאָן"! אָט די דערציילונג ווייזט דאָך דער וועלט מיט וואָס פאַראַ חיות מיר דאַרפן קעמפן... און מיט זיי רייסן מיר זיך צו מאַכן שלום.. גאָט האָט אונז יידן גוט פאַרזאָרגט מיט אַ בינטל אייביקע צרות!

אָט די אלע דערציילונגען האָב איך דורכגעלייענט אין איין נאַכט, און כ׳בין נישט געווען מיד ביים אויפשטיין. איך האָב קלאָר געזען די אלע טיפן, פרויען, מענער, די סביבה... איר דאַרפט קומען צו דער בינע, איזבאַן, — — — איר פאַרמאָגט לשון הדיבור און פאַנטאַזיע! אָט די לויב־

ווערטער זענען נישט דערפאַר ווייל איר האָט געשאַפן אַזא פיינעם פּאָרטרעט פון מיר אין דעם וואָכנזשורנאַל "דער אמעריקאנער" — — — פּאַרקערט, די אָפּשאַצונג וועגן מיר האָט געוויזן, אז איר זייט אַ פּסיכאָלאָג — — ס׳איז נישט גלאַט אזוי געשריבן — — איך ווער נישט איבערראַשט פון לויב, אָבער איך האָב זיך אַליין דערזען... מיין פאַרצווייגטע אַרבעט אין לויף פון 31 יאָר ביים קונסט־טעאַטער האָט מען געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט און דורכנעמען מיט די געדאַנקען... און אָט טאַקע דערפאַר האָט איר אויך געקענט שאַפן אַזעלכע וווּנדערלעכע דערציילונגען.

איר דאַרפט פאַרשטיין, אז איך בין אַן אַקטיווער מענטש 20 שעה אַ טאָג און איך האָב נאָר צייט צו לייענען פּיעסן אָדער נאָוועלן פון וועלכע מען קען עפּעס אַרויסברענגען פאַר דער בינע. אָבער אין דעם פאַל האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו אייערע דערציילונגען ווי אַ דאַרשטיקער אין מדבר צו אַ קוואַל וואַסער...

די צרה איז, מיין פריינט, אז מיר געפינענזיך אויך דאָ אין אַ מדבר — — אין מדבר ניו=יאָרק, אין מדבר טאַימס=סקווער, ווו האָמאָ־סעקסועלע פּיעסן געווינען דעם "פּוליצער־פּרייז"... ווו יידן לויפן אין יענע טעאַטערס צו זען און הערן נאַרישע אָפּערעטקעס, טעלעוויזיע־מאכערייקעס, ראַדיאָ־שטות־עריען... די פּרעכקייט אַנטפּלעקט זיך אין די גאַסן, ווו יונגע פרויען רויכערן אייך אין פּנים אַריין — — — קיין דרך ארץ פאַר עלטערע מענטשן אָפּצוטרעטן זיי אַן אָרט אין סאָבוויי אָדער אויטאָבוס — — — אזוי איז אויך געוואָרן דאָס יידישע טעאַטער, אַ געמיש פון ענגליש־יידיש, ביידע לשונות פאַרקריפּלט ... און די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער האָבן מורא צו זאָגן דעם אמת וועגן זייער ווערטלאָזיקייט — — —

ס׳איז נישט גוט, מיין פריינט — —

אויך אין ישראל איז נישט גוט. דאָרט שפּילט מען די סוקסעסלעך פון בראָדוויי אויף העברעאיש. יידיש טעאַטער איז גלות..., און דאָס יאָגעניש, דאָס לויפעניש, איינער וויל זיין גרעסער פון צווייטן. קאַרליקעס ציען זיך אויס צו ווערן ריזן... פאַר די אויגן פון מענטשן, וועלכע קוקן און שטוינען.

איך האָב (אין אָנבליק פון דעם אלעם) מיט פרייד זיך אָנגעכאַפּט אין טרייסטערס שאַפונג (פאַר דער בינע) "דער פּאַסטוך־קעניג" *), ווייל ער איז ערלעך. ער גלאָצט נישט מיט די אויגן ווי א סך פון די אולטרא־מאָדערנע דראַמאַטורגן. פּראָסט און פּשוט האָט ער געשאַפן זיינע העלדן.

איך בין זיכער, איזבאַן, אז ווען איר שרייבט, האָרעוועט איר נישט ווי אנדערע און איר פירט נישט אין מקווה אריין יעדע א׳ (אלף) און יעדע ב׳ (בית). עס גיסט זיך ווי פון אַ קוואַל... אזוי האָבן אונזערע גרויסע געשאַפן. פּרץ, שלום עליכם, אש האָבן געקענט פאַרשרייבן גאַנצע ווענט — — און גרינג, אָן בויך־ווייטאָג — — אזוי איז אויך מיט קינסטלער, מאָלער, מוזיקער, אַקטיאָרן. ס׳שאַפט זיך גרינג ווייל ס׳איז דאָ טאַלאַנט. גאָט האָט זיך אריינגעמישט און געשענקט אַ קליינע מתנה — — — איר זייט אויך א באַשענקטער. דאַרף מען זען, אַז איר זאָלט קומען צו דער בינע און איך קען אייך העלפן. איך האָב געהאָלפן די, וועלכע האָבן געוואָלט געהאָלפן ווערן. און דווקא די גרויסע: אש, זינגער, שלום עליכם, פּרץ.

אַ סך מייסטערלעך, וועלכע מיינען אז זיי זענען מ י י ס ט ע ר, מאַכן דעם טעות פון נישט אַקצעפּטירן די האַנט, וואָס קען זיי העלפן אזוי אַז זיי זאָלן ווערן וואָס זיי ווילן ווערן. מיר וועלן נאָך געוויס א סך מאָל זיך טרעפן, ווייל מיר מוזן זיך

---

*) געמיינט די פּיעסע וועגן שָאול הַמלך "דער פּאַסטוך־קעניג" פון ל. טרייסטער, וואָס איז באַלד געוואָרן אַן אַנטוישונג פאַר שוואַרצן. די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט נאָך עטלעכע טעג.

א. לוריאַ / ניו־יאָרק

# פאַר די קליינע קינדערס וועגן

## פרילינג

די טעג אַלץ מילדער, לענגער,
און העכער איז די זון,
און ס׳איז אין שטוב דיר ענגער,
און ס׳טרייבט אין גאַס דיך אום.

ווי אַלץ איצט שטייט באַנייט,
אין בלי, אין איבערבייט;
ווי אַלץ דאָ האַלט אין ווערן
אין אויפקום, אין זיך מערן

אָט פון אַ צווייג אַ ברעקעלע
שיילט אויס זיך ס׳ערשטע בלעטעלע,
אָן פעדערן א בלויער
פון נעסט שטרעקט אויס אַן אויער,
און צוויטשערט מיטן פיסקעלע
צו דיר, מיין קליינינק טריסטעלע.

## דאָס לאָשיקל

מיר דעם לאָשיקל טוט באַנג,
אים אין וואָגן נאָר ניט שפּאַנט.
סאַראַ קאָזשעלקעס ער מאַכט.
זאָל ער. זאָל ער. לאָזט געמאַך.

## דער בושל

טויזנט־טויזנט מייל פון דאַנען
קומט ער פרילינג־צייט אַ היים,
ער זאָל אין די בלאָטעס שפּאַנען,
אויף איין שטעקן־פוס דאָ שטיין,
בלויז פאַר דעם ביים פריפעטס ברעגן
מיט די זשאַבעס זיך באַלעקן.

## אַ שניי־מענטש

וואָס דער שניי און פראָסט איז גרעסער
איז אים ליבער אַלץ און בעסער,
גיט די זון אים נאָר אַ גלעט,
ווערט פון אים אַ נאַסער פלעק.

## די פליג

נאָר זי זשוזשעט, נאָר זי פליט,
אָט אַהער און אָט צוריק.
וואָס דו זשוזשע: זשוזשע־זשו?
זאָג זשע, זאָג זשע, וואָס זשע, נו?

## די קאַץ

מע זאָגט: זי נאַשט נאָר סמעטענע:
און איז ניט קיין פאַרבעטענע.
און נאָכן לעקן, נאָכן נאַשן
נעמט זי דעמאָלט ערשט זיך וואַשן.

## דער באָל

זעץ אים שטאַרקער אינעם בויך,
וועט ער שפּרינגען גיך און הויך.
ער האָט ליב צו כאַפּן קלעפּ:
אים די קלעפּ ווי מיר אַ גלעט.

---

באַגעגענען צוליב דעם אינטערעס אין טעאַטער. מיר וועלןריידן וועגן מאַטעריאַל פאַר טעאַטער. נישט אַלץ קען מען שפּילן און דראַמאַטיזירן. אָבער איר זענט דער מענטש, וועלכער קען קומען צום בעסערן טעאַטער, ווייל איר האָט וואָס צו זאָגן אויף אַן אייגענעם אופן.

זייט געזונט און געשטאַרקט — — —

מיט פריינטשאַפט

מאָריס שוואַרץ

## די שטוב

זי האָט פאַרצוימט אַ שטיקל וועלט
און זיך מיט ווענט אַרומגעשטעלט.
זי איז פאַר זיך, פאַר זיך אַליין
דאָס קליינע וועלטעלע, די היים.

## דער פלויט

רונד אַרום דער שטוב דער פלויט
האַלט אויף אַלעמען אַן אויג.
ניט־געבעטענע פאַרשוינינען
ווייזט ער בלויז צום גאַס דעם קוימען.

## דער סאָלאָוויי

איי=איי=איי, אַ מינע טענער,
איינס פון אַנדערן איז שענער.

אַט די קלאַנגען, די גוזאַנגען,
ווי אין האַרצן זיי דערלאַנגען.

זיי צענעמען ביז צו טרערן,
אַז ער טוט אַ שיט די טרעלן.

אַך=אַך, היי=עהיי,
סאָלאָוויי, דו סאָלאָוויי.

---

## רבקה קאָפּע / פּאַריז

### הונגער

כ׳האָב געהאַט הונגער
נאָך ברויט.
איצט האָב איך הונגער
נאָך צייט.

ווער קאָן זיך פאַרמעסטן
אין איר גאַלאָפּ?

מען וואַקסט שוין ניט אַרויף —
נאָר אַראָפּ.

אין חלום זוך איך,
וואָס מיר פעלט
און איך חלום אויס
דעם ליגן, וואָס מיר געפעלט;
איך טאַנץ אים אויס
און זינג אים אויס!

## צו אונדזערע לייענער און פריינד

צוליב די פאַרגרעסערטע אויסגאַבן אויף דרוק, פּאָסט א.ד. גל. זענען מיר געצווונגען צו העכערן דעם אַבאָנאַמענט־אָפּצאָל פאַר אונדזער זשורנאַל אויף 8 דאָלאַר אַ יאָר.

כדי פאַרלייכטערן אונדזער אַרבעט און פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון ״חשבון״, שיקט באַצייטנס אייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל און ווערבירט נייע אַבאָנענטן.

די פאַרוואַלטונג

* * *

מחברים ווערן געבעטן, אויב מעגלעך, אַריינשיקן כתב־ידן געשריבענע אויף אַ שרייב מאַשינקע. שיקט בלויז די ערשטע קאָפּיע (אָריגינאַל), נישט קיין ״זיראַקס״.
א דאנק

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין
אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-
קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די
ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 South Robertson Blvd. ⦿ Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

## משה שקליאר

# צו שפּעט

## (פראַגמענט)

"אברהם, בערל, גימפּל, דוד, האַרשל, וועלוול, זאַנוול, חאַצקל, טוביה, יידל... שמעון, תנא... — די נעמען פלאָנטערן זיך מיר אין קאָפּ, לויט דער ריי, פון אָנהייב ביזן סוף און אויף צוריק, און איך ווייס, אַז עפּעס פעלט דאָ. נאָר וואָס? מער נעמען? קאָן זיין. ווו איז לייזער, משה, נתן, קלמן און די אַנדערע יינגלעך פון מיין הויף, פון מיין שול? כ'האָב דאָך זיי אַלעמען געקענט, אזוי גוט געקענט און איצט ווייס איך נישט ווו זיי זענען אהין געקומען. נישט באַגעגנט קיינעם פון זיי אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. פּליצלינג באַווייזט זיך ישראליק פון ערגעץ ווייט, ווי פון הינטערן האָריזאָנט, און אפשר איז עס בלויז זיין שאָטן וואָס רופט מיך: "מאירקע, קום, מיר וועלן שפּילן אין יאָגעלעך! איך וועל ציילן". און באַלד ציילט ער: אברהם, בערל, גימפּל, דוד...

מיר איז אלץ איינס אויף וועמען עס וועט אויספאַלן דער גורל. סיי ווי וועל איך היינט אין קיין יאָגעלעך נישט שפּילן. "ישראליק — זאָג איך — צי ווייסו דען נישט, אַז מיין מאַמעשי איז געשטאָרבן און זי ליגט דאָרט אין שטוב אויף דער פּאָדליגע איבערגעדעקט מיט אַ טוך. ווי קאָן איך זיך היינט שפּילן?" און אין האַרצן ביי מיר טיאָכקעט עפּעס אַ מאָדנע געפיל. מיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק לויפן מיט אַלע יינגלעך צוזאַמען, נאָר די פיס זענען ווי צוגעשמידט צו דער ערד. "נישט היינט, נישט היינט" — רעד איך צו זיך אליין. — "מען טאָר נישט, די מאַמעשי ליגט דאָרט אויף דער פּאָדליגע. געשטאָרבן"...

ישראליק טרייסט מיך: "דאָרט, פון וואַנען איך קום, שטאַרבט מען נישט מער. דאָרט זענען אלע טויט און אלע לעבן. דיין מאַמעשי וועט זיין מיט אונדז און ווען דו וועסט וועלן וועסטו קאָנען קומען זי זען".

"וואָס הייסט אַלע טויט און אַלע לעבן?" — פרעג איך. — "ווי אַזוי וועל איך זי קאָנען זען, מיין מאַמעשי? טויטע לייגט מען דאָך אין דער ערד."

"בלויז דעם גוף, מאירקע, בלויז דעם גוף. די נשמות פליען אַרויף אין הימל. און דאָרט לעבן זיי. געשטאָרבענע, און זיי לעבן"...

"און ווי אזוי קאָן מען זיי דערקענען, די נשמות?"

"פרעג נישט קיין נאַרישע שאלות, מען דערקענט שוין. אָט האסטו דאָך מיך דערקענט. און איך קום אויך פון דאָרטן"...

אָפּגעזאָגט די לעצטע ווערטער, און שוין. ער איז פאַרשוווּנדן, ישראליק.

מיר ווילט זיך נישט צוריק אַריין גיין אין שטוב. דאָרט זענען אזוי פיל מענטשן. שכנים, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. אלע רעדן צוזאַמען און דער טאַטע שווייגט. ווען נישט די אַלע מענטשן וואָלט איך איצט געווען נעבן אים, זיך צוגעטוליעט, ווי איך פלעג זיך טוליען צו דער מאַמעשי ווען זי איז געווען געזונט.

ווען זי איז געווען געזונט... איך געדענק זי קוים אַ געזונטע. כמעט שטענדיק אין בעט. און פון דאָרט האָט אַרויסגעשיינט איר ליכטיק פּנים מיט אַ קוים באַמערקלעכן שמייכל אויף די פולע ליפּן, אַ שמייכל וואָס האָט ווי פאַרשאָטנט די אינערלעכע פּיין. ווען זי פלעגט אַרויס פון בעט און אַרומשלייכן איבער דער שטוב, זיך פּאָרען ביי דער קיך, אָדער גאָר נעמען מיך אויף אַ שפּאַציר, בין איך געווען דער סאַמע גליקלעכסטער אויף דער וועלט. איך פלעג גיין ביי איר זייט, מיין האַנט פעסט פאַרדריקט אין אירער, און די אויגן מיינע האָבן ארומגעוואַנדערט איבער דער גאַס, און ווען זיי האָבן באַגעגנט וועמען פון מיינע חברים, האָבן זיי מיט אַ ווונק אים געלאָזט וויסן: דו זעסט, איך גיי מיט מיין מאַמען...

אויך נעכטן האָט זי מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר, די מאַמע. מיר זענען אַוועק אויף דזשיקע גאַס וואָס פירט צום גוישן צווינטער. דאָס איז די איינציקע גאַס אין אונדזער געגנט, וווּ עס שטייען הויכע ביימער ביי די ראַנדן. געוויינלעך פלעג איך דאָ אַרומלויפן מיט די ייִנגלעך פון הויף, זיך דראַפּען אויף די ביימער און וועטן זיך ווער עס וועט דערגרייכן אַ העכערן שפּיץ, שפּילן אין מלחמות אָדער גאָר אין באַהעלטערלעך. וווּ צו באַהאַלטן זיך האָט נישט געפעלט. מיר פלעגן אַפילו גרייכן ביז צום צווינטער און באַהאַלטן זיך צווישן די מצבות, נאָר ווען איך בין געגאַנגען אויף שפּאַציר מיט דער מאמען, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן שטיפערייען.

אין מיטן וועג האָט די מאַמע זיך אָפּגעשטעלט, שווער אָפּגעעטעמט און פארקערעוועט אויף צוריק. צוגעקומען צו אונדזער הויז האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביסל אַ געבראָכענער שטימע: "מאירקע, לויף צו צום דאָקטער רובינשטיין און זאָג אים, אַז די מאַמעשי האָט געבעטן ער זאָל גלייך צוקומען".

איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע פילט זיך נישט גוט. דעם וועג צום דאָקטער רובינשטיין האָב איך גוט געקענט. נישט איין מאָל פלעג איך לויפן צו אים, אַפילו אין מיטן דער נאכט. האָב איך קיין זאַך נישט געפרעגט און געלאָפן. צוריקגעקומען מיטן דאָקטער, איז שוין די מאַמע געלעגן אין בעט. דאָס הויז איז געווען פול מיט מענטשן. מיך האָט מען צום בעט נישט צוגעלאָזן. דער טאַטע איז דאָרט געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט און עפּעס גערעדט צום דאָקטער. פון דער ווייטן האָב איך געזען ווי דער דאָקטער עפנט זיין קעסטעלע, נעמט פון דאָרט אַרויס די הער־טרייבלעך, דאָס העמערל, וואָס כ'האָב אַזוי גוט געקענט, בייגט זיך אָן איבער דער מאַמעס בעט און נאָך אַ ווײַלע גלייכט ער זיך אויס. געהערט האָב איך בלויז צוויי ווערטער: "צו שפּעט"...

אַ שכנטע האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און אוועקגעפירט צו זיך אין הויז. "וועסט היינט נעכטיקן ביי אונדז, מאירקע" — האָט זי געזאָגט. מער קיין וואָרט. און אפשר האָט זי יאָ עפּעס גערעדט, נאָר איך האָב זי סיי ווי נישט געהערט. ביי מיר אין די אויערן האָבן אַלץ געקלונגען דעם דאָקטערס ווערטער: צו שפּעט... צו שפּעט... צו שפּעט...

געקומען אין הויז האָט די שכנטע אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גלאָז מילך, אַוועקגעלייגט דערנעבן אַ זעמל און מיך געהייסן עסן. אָבער מיר עסט זיך נישט. איך טראַכט אַלץ וועגן דער מאַמען דאָרט אין בעט און איך ווייס, אַז מער וועל איך זי נישט זען. מאָרגן אָדער איבער מאָרגן וועט קומען די שוואַרצע עגלה, מען וועט זי אַריינלייגן אין אַ קאַסטן, מיין מאַמען, און זי צונעמען, אַוועקפירן צום בית־עולם. און מענטשן וועלן נאָכגיין דער עגלה, און איך אויך, און אַלע וועלן וויינען. כ'האָב עס געזען אַזוי פיל מאָל אויף אונדזער גאַס. אַלע מאָל, ווען די שוואַרצע עגלה באַווייזט זיך, באַהערשט מיך אַ מאָדנע געפיל פון שרעק. נישט די געוויינלעכע מורא וואָס קומט אויף ערגעץ אין קאָפּ און זאָגט דיר אונטער: טו נישט אַזוי, און דאָך טוסטו עס, נאָר יענע שרעק וואָס קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער אין האַרץ און שטיקט דיר אין האַלדז.

אויך איצט שטיקט מיר אין האלדז. קיין מורא האָב איך נישט, נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער ווי געוויינלעך. איך הער קוים, ווי די שכנטע חזרט איבער עטלעכע מאָל: "עס, מאירקע, עס." איך טו אַ צופּ פונעם זעמל, נאָר דערפיר נישט דאָס אָפּגעריסענע שטיקל צום מויל. עס בלייבט ליגן אויפן טיש. "איך קאָן נישט, לאהלע" — זאָג איך און פּלאַץ ארויס מיט אַ געוויין. "נו, שוין, נו, שוין — טרייסט זי מיך. — דו קאָנסט נישט, דאַרף מען נישט. גיי לייג זיך שלאָפן". אין אַ ווינקל פון שטוב שטעלט זי אויף אַן אייזערן אויסלייג־בעטל און הייסט מיר זיך

אויסטאָן. זי גייט אַרויס און זאָגט מיר אָן צו פאַרלעשן דאָס ליכט.

אין שטוב איז פינצטער. איך ליג איינגעוווּרעט דעם קאָפּ אין קישן און קאָן נישט איינשלאָפן. איך זע: שוואַרצע שאָטנס לויפן ארום איבער די ווענט און שטרעקן זייערע הענט צו מיר, אָט גרייכן זיי מיך און אָט ציען זיי זיך צוריק, גלייך זיי וואָלטן אַנטלאָפן. איצט פאַרקערעווען זיי אין אַ צווייטן ווינקל, וווּ אין אַ הילצערן בעט ליגט מיין מאַמע און אַרום ברענען ליכט, אַ סך ליכט. מיין מאַמע רעדט עפּעס צו מיר פונעם בעט אַרויס, נאָר איך קאָן נישט דערהערן אירע ווערטער. די שאָטנס טאַנצן ארום איר בעט, אריבער די ליכט־פלעמלעך, וואָס אָט לעשן זיי זיך און אָט פלאַמען זיי אויף נאָך העלער ווי פריער. אַ גרויסער שאָטן כאַפּט מיין מאַמען אויף זיינע הענט און שוועבט אַוועק איבערן באַלקן, וואָס מיניעט זיך אין בלוי־ווייסע פאַרבן. דער באַלקן צעעפנט זיך און דורכן גרויסן לאָך שיינט אַריין די לבנה מיט אַ פּאָר אויסגעשטאַרצטע אויגן און אַן אויסגעקרימט מויל. די שטערן אַרום ברענען, דער הימל ברענט, און דער גרויסער שאָטן מיט מיין מאַמען אויף זיינע הענט, טראָגט זיך אַרויפצו, אַלץ העכער און העכער. איך פּרוּוו שרייען: מאַמע, מאַמע!... נאָר דאָס קול בלייבט פאַרשטיקט אין מיין קעל. שטרעק איך אויס די הענט און טרעף זיך אָן אויף אַ קאַלטער וואַנט. און ווידער הער איך דעם דאָקטערס ווערטער: „צו שפּעט, צו שפּעט"...

* * *

אויפן געוועשער בית־עלמין וואַקסן אַ סךביימער. איך קום אַהער אָפט מיט די יינגלעך פון אונדזער גאַס קלייבן קאַשטאַנעס, וואָס פאַלן פון די ביימער־קרוינען ווי רייפע עפּל. שפּעטער, אין הויף, מאַכן מיר גריבלעך און שפּילן אין קאַשטאַנעס. איצט שטיי איך צווישן די ביימער ביי אַן אָפענעם גרוב. די צווייגן, באַהאַנגענע מיט קאַשטאַנעס, בייגן זיך צו דער אָנגעשאָטענער ערד וואָס אַרום. אָט, דאַכט זיך מיר, וועלן זיי אַראָפּפאַלן און אָנפילן דעם גרוב. נאָר ניין, די קאַשטאַנעס פאַלן נישט. עס פאַלט גאָר אַ דריבנער רעגן און איך הער יעדן קלאַפּ פון די טראָפּנס וואָס שלאָגן זיך אָן אינעם שוואַרצן קאַסטן. דאָרט, אינעווייניק, ליגט מיין מאַמע, מיין מאַמעשי וואָס איז געשטאָרבן און כ'וועל זי שוין מער קיין מאָל נישט זען. אפשר איז עס מיין שולד. נישט געלאָפן גענוג שנעל נאָכן דאָקטער. ווען איך וואָלט געלאָפן שנעלער און דער דאָקטער וואָלט געקומען באַצייטנס...

מיינע געדאַנקען רייסט איבער אַ גרויסע, שוואַרצע באָרד. זי זאָגט צו מיר: „יינגעלע, צייט צו זאָגן קדיש". און איך חזר איבער מעכאַניש: „יתגדל ויתקדש שמה רבא"... ארום הערט זיך אַ געוויין. דער טאַטע האַלט מיך פאַר דער האַנט, דריקט מיך שטאַרק צו זיך און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. איך פיל אויף מיין קאָפּ זיינע הייסע טרערן. און אפשר זענען עס גאָר די רעגן־טראָפּנס?

פון צווישן די ביימער דערנעענטערט זיך אַ באַקאַנט געשטאַלט. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז אין גאַנצן איינגעהילט אין גרין און אויך זיין פּנים איז גרין, ווי אַ קאַשטאַן־בלאַט. אָבער וואָס נעענטער ער קומט, אַלץ ליכטיקער ווערט זיין פּנים און לסוף דערקען איך אים — דער לערער זייד. ער דערלאַנגט מיין טאַטן די האַנט, רעדט צו אים עפּעס, נאָר איך הער נישט קיין וואָרט. נאָך דעם טוט ער עטלעכע מאָל אַ גלעט מיין קאָפּ און, פּונקט ווי ער איז געקומען פון צווישן גרין, ווערט ער דאָרט צוריק פאַרשוווּנדן.

דער רעגן האָט אויפגעהערט קאַפּען. אפשר איז ער פאַרטריקנט געוואָרן ווי די טרערן אין מיינע אויגן? די גרויע וואָלקנס ווערן אַלץ מער דורכזיכטיק און שוין באַווייזט זיך די זון, שפּרייטנדיק אַרום זיך אַ גאָלדיק־בלויע ליכטיקייט. איך הייב

אויף די אויגן, קוק אויפן הימל און מיר דאַכט, אַז מיין טייבעלע, מיין "ווידינעק", קרייזט דאָרט אַרום, נאָר שטאָט שוואַרצע פלעקן אויף די פליגל, איז זיין קעפל איצט שוואַרץ און געבויגן. ער טרויערט צוזאַמען מיט מיר, דער "ווידינעק". ווייסט ער, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן, אַז איך וועל שוין קיין מאָל מער נישט זען מיין טייערע מאַמעשי? און אפשר וועט ער זי זען? ער פליט דאָך אין די הימלען, וווּהין די נשמות שוועבן אַוועק. און אויב ער וועט זי זען דאָרט, מיין מאַמעשיס נשמה, צי וועט ער מיר קאָנען וועגן דעם דערציילן? איך פאַרשטיי דעם אויסדרוק פון זיינע אויגן, אָבער די שפּראַך פון די טויבן האָב איך נאָך אַלץ נישט באַנומען.

צוריק פון בית־עלמין גיי איך אַליין. דער טאַטע פירט מיך נישט מער פאַר דער האַנט. איך קען גוט דעם וועג. צו מיר קומט צו שמאַיאַ און ער לייגט אַרויף אויף מיין אַקסל זיין ליידיקן אַרבל. שמאַיאַ האָט בלויז איין האַנט, די צווייטע איז אָפּגעהאַקט ביים עלנבויגן. "מאירקע־ זאָגט ער — איך אויך אַ יתום, מיר ביידע איינס, די זעלבע"... און ער דריקט מיך צו זיך מיט זיין האַלבער האַנט. איך קוק אויף זיין פּנים וואָס איז געדיכט באַדעקט מיט זומער־שפּרענקלעך און מיר דאַכט, אַז די ברוינע פינטעלעך ווערן רויט, גלייך זיי וואָלטן זיך אָנגעצונדן. אויך זיינע בלויע אויגן גלאַנצן מיט עפּעס אומבאַקאַנטע פאַר מיר פייערלעך.

שמאַיאַ. איך דערמאָן זיך ווען ער האָט זיך באַוויזן אין הויף. קיין יידיש האָט ער כמעט ווי נישט געקענט. האָט ער זיך אָנגעהויבן חברן מיט דעם סרוזשס יינגלעך. אָבער אויך יענע האָבן גערעדט יידיש, כאָטש זיי זענען געווען שקצים. זיי האָבן טאַקע קאַליעטשעט די יידישע ווערטער, אָבער גערעדט האָבן זיי. יאַנעק פלעגט מיר אָפט זאָגן: "מאירל, פּאַמוירע זאָך נישט, דיך נישט שלאָגן"... אַנדערע יינגלעך פלעגט ער יאָ שלאָגן, ווען ס'איז אים באַפאַלן די רוגזה. אין גיכן האָט שמאַיאַ באַוויזן זיין בריהשאַפט — ער האָט זיך צעשלאָגן מיט יאַנעקן. אָבער נאָך ווי צעשלאָגן! מיטן ליידיקן אַרבל האָט שמאַיאַ דערלאַנגט יאַנעקן אין די אויגן און אים שיער נישט בלינד געמאַכט, און דערנאָך האָט ער מיט דער צווייטער, געזונטער האַנט גענומען ערשט אויף אַן אמת מימתן. דעמאָלט האָט שמאַיאַ זיך דערנענטערט צו אונדז. דערציילט האָט ער, אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע מיט זיין טאַטן און אַן עלטערע שוועסטער פון אַ דאָרף. דאָרט האָט ער טאַקע פאַרלוירן זיין האַנט. אַ ווילדער הונט האָט אים אַ ביס געטאָן און ער האָט קיינעם נישט דערציילט דערוועגן, די וווּנד האָט ער איינגעריבן מיט פייכטער ערד. די האַנט איז געוואָרן אָנגעשוואָלן און פאַרגיפטעט. דער טאַטע האָט אים געבראַכט קיין וואַרשע צו אַ דאָקטער און דאָ האָט מען די האַנט געמוזט אָפּשניידן ביזן עלנבויגן. נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער טאַטע געזאָגט: "שמאַיאַ, מיר בלייבן אין וואַרשע. קיין לייט וועסטו אין דאָרף נישט אויסוואַקסן, און דאָ וועסו כאָטש זיין צווישן יידן"...

שמאַיאַ איז געווען עלטער פון אונדז, יינגלעך אין הויף, און ווען מיר פלעגן אַוועק אין שול, האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קעסטל, אָנגעפילט מיט שאָקאָלאַד און צוקערקעס, און געוואָרן אַ "סוחר". זומערצייט פלעגט ער זיצן אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין וואַנט, דאָס קעסטל נעבן די פיס, און אויסרופן זיין "סחורה": פּוקס טשאָקאָלאַדע, דאַמאַנסקיס באָמבעס — אַ פּינעוואָ אַ שטיק": נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען "מייטל מיטן שייטל" ביי אַ קויש זעמל און גערופן די קונים צו זיך: "פרישע הייסע זעמל, דראַ פּאַר אַ צעינאָ, דראַ פּאַר אַ צעינאָ"... קאָנקורירט האָבן זיי נישט צווישן זיך, אָבער איבערשרייען איינער דעם צווייטן האָבן זיי געפּרוווט. ווינטער פלעגט שמאַיאַ זיך אַרומהילן מיט אַ פּעלץ, אויפן קאָפּ — אַ פוטערן היטל

ביז איבער די אויערן, און נאָך הילכיקער אויסרופן זיין ״סחורה״ גלייך ער וואָלט זיך וועלן אַזוי ארום דערוואַרעמען. ער איז אַרומגעלאָפֿן הין און צוריק מיט זיין קעסטל אנגעהאָנגען אויף די אַקסלען און געקלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס.

צייטנווייז, אויף צוריקוועגס פון שול, ווען כ׳האָב זיך נישט פאַרהאַלטן ביי ווישניעווסקיס טויבן, פלעג איך זיך צוזעצן נעבן שמאַיאַן און פאַרלייענען אים עפעס־וואָס פון מיין יידיש ביכל. ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט די מעשה וועגן נעלאָ און פעטראַש, די צוויי הינטלעך וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ און זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט: ״דו ווייסט, מאַירקע, אָפט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אויך אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף מיר״... דערביי האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף זיין ליידיקן אַרבל.

איצט באַגלייט מיך שמאַיאַ אַ היים.ביידע זענען מיר יתומים. ״מיר ביידע — איינס״. איך פיל זיין ליידיקן אַרבל אויף מיין אַקסל און מיר דאַכט, אַז די פינגער פון זיין אָפּגעהאַקטער האַנט גלעטן מיך. ״שמאַיאַ — פרעג איך — ווי קומסטו אַ הער? וואָס האָסטו געטאָן מיט דיין קעסטל?״

״וואָס הייסט, ווי איך קום... געזען די לוויה. דו ביסט מיין חבר. בין איך אַוועק צום צמענטאַזש. ווען דו האָסט געזאָגט קדיש, האָב איך אויך געזאָגט. אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט הערן. נאָך מיין פאַרשטאָרבענער מאַמען האָב איך געזאָגט. און איצט, אַז דו וועסט גיין אין שיל אריין קדיש זאָגן, נעם מיך מיט. גוט?״

״גוט, שמאַיאַ, מירן גיין צוזאמען...

* * *

אינדערפרי. ווי שטענדיק רופט מיך ישראליק דורכן פענצטער: ״מאַירקע, דו גייסט?״ איך צי אַרויף מיין רעקל און וואַרף אַ בליק אויפן רעכטן אַרבל. דאָרט איז אַ שוואַרצער אָרעם־באַנד. ״דו וועסט עס טראָגן אַ גאַנץ יאָר ווי אַ צייכן פון טרויער נאָך דער מאַמען״ — האָט מיר געזאָגט דער טאַטע ווען ער האָט צוגענייט דעם אָרעם־באַנד צום אַרבל. קוק איך אויף דעם און פיל ווי עס פאַרקלעמט מיר ביים האַרצן, אָבער גלייכצייטיק פיל איך אַ מין דערהויבנקייט. קיינער טראָגט נישט קיין שוואַרצן אָרעם־באַנד, בלויז איך אַליין. ישראליק, ווען ער דערזעט דעם אָרעם־באַנד, שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, גלייך איך וואָלט געקומען פון יענער־וועלט.

״וואָס איז דאָס, מאַירקע?״

״וואָס הייסט, ווייסטו דען נישט, אַז מיין מאַמעשי איז געשטאָרבן? דאָס איז אַ צייכן פון טרויער״.

גייען מיר ביידע און ישראליק קוקט אויף מיין שוואַרצן אָרעם־באַנד. און איך קוק מיט איין אויג, כדי צו זען ווי ער קוקט. געקומען אין שול, נעמט ישראליק זיך שושקען מיט אַנדערע יינגלעך און מיר דאַכט זיך, אַז אלע קוקן אויף מיר און מיין שוואַרצן אָרעם־באַנד. באַלד גייט צו מיר צו שרהלע קאַץ און זאָגט מיט אַ געבראָכענער שטימע:

״געהערט אז דיין מאַמעשי איז געשטאָרבן. עס טוט מיר אזוי לייד פאַר דיר, מאַירקע״... דערביי גלעט זי מיט אירע דינע פינגער מין שוואַרצן אָרעם־באַנד. מיר ווילט זיך אויך איר אַ גלעט טאָן — איבערן פנים, איבער די האָר. נאָר איך זע א סך אויגן וואָס זענען אויסגעשטעלט אויף אונדז ביידן. נעם איך זי פאַר דער האַנט, שרהלען, און מיר גייען אריין אין קלאַס.

היינט איז די ערשטע לעקציע — פויליש. און ווי שטענדיק, פאַר אַ פויליש־לעקציע קלאַפּט ביי מיר שטאַרקער דאָס האַרץ. כ׳האָב מורא פאַר אַ שריפטלעכער אַרבעיט. פויליש שרייב איך מיט גרייזן. איך רעד מיט גרייזן אויך. פונקט אזוי ווי יאַנעק דעם סרוזשס רעדט יידיש. לייענען

דאַקעגן קען איך גוט. אָבער כמעט שטענדיק, ווען עס קומט צום לייענען, רופט די לערערין אויס אַנדערע, און מיך נישט. מיר דאַכט זיך, אז די לערערין קעסלער האָט אויף מיר אַ בייז האַרץ. ביי איר געהער איך נישט צו די בעסטע שילער, אזוי ווי ביי אנדערע לערערס. פאַרוואָס=זשע איז זי בייז אויף מיר? איז עס דען מיין שולד?

אַריינגעקומען אין קלאַס, גיט די לערערין קעסלער גלייך אַ זאָג: ״היינט וועלן מיר לייענען אויף אויסווייניק סלאָוואַצקיס פּאָעמע ״דער פּאָטער פון די פּאַרפּעסטעטע״. ווער וויל זיין דער ערשטער?״ עס הייבן זיך אויף נישט דרייסט עטלעכע הענט. איך פיל כמעט נישט ווי מיין האַנט הייבט זיך אויך אויף. מיר ווילט זיך גראָד זיין פון די ערשטע, ווייל אויסגעלערנט האָב איך בלויז די ערשטע עטלעכע פּערזן. און אָט הער איך דער לערערינס קול, ווי עס וואָלט דערגאַנגען צו מיר פון ערגעץ ווייט, ווייט: ״מאירקע לעווין איז היינט אין טרויער און אויב ער וויל פּאָרלייענען, טאָ זאָל ער זיין דער ערשטער״.

איך שטעל זיך אויף. מיט אַ געדעמפּטער שטימע, פּונקט ווי די ווערטער וואָלטן געקומען גלייך פון מיין האַרץ און קוים זיך דורכגעריסן דורכן האַלדז, הייב איך אָן:

דריי מאָל ט׳זיך די גאָלדנע לבנה געביטן
זינט כ׳האָב אויף די זאַמדן געשטעלט זיך אין מיטן...

און איך זע דעם אומגליקלעכן פּאָטער וואָס האָט צעשטעלט זיינע געצעלטן אויף די הייסע מדבר־זאַמדן, און די שרעקלעכע פּעסט האָט ביי אים אַוועקגענומען זיין פרוי, דריי זין און דריי טעכטער. איך לייען, און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. עס איז אַזאַ טרויעריקע פּאָעמע, און מיר איז אויך אזוי טרויעריק. איך הער קוים ווי די לערערין זאָגט־געזונג. זעץ איך זיך צוריק אויף מיין פּלאַץ און ווידער וואַרף איך אַ באַהאַלטענעם בליק אויף מיין שוואַרצן אָרעם־באַנד.

## ביכער

### אָנגעקומען אין רעדאַקציע

יעקב צבי שאַרגעל: ״זאַלבנדיקע איילן״, לידער, 184 זז׳, פאַרלאַג ״ישראל בוך״, תל־אביב, 1988. אין בוך, וואָס איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר, קומען אַריין לידער, פּאָעמעס און איבערזעצונגען פון דער העברעישער פּאָעזיע.

רבקה קאָפּע: ״דאָס ברויט פון מיין באַגער״ (לידער פון אַלע צייטן), פּאַריז 1987, דאָס בוך האָט 130 זז׳ און איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר, געצייכנט דורכן באַרימטן קינסטלער — בען.

הדסה רובין: ״אין צוגווינט״, לידער, 128 זז׳, פאַרלאַג ״ישראל בוך״, תל־אביב, 1981. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילן: אין זכות פונעם גרעזל; מיט הענט אויסגעשטרעקטע; אין קרייז; אויפן וועג, און קליינגליק.

״די גאָלדענע קייט״ נומ. 123, תל־אביב 1987. רעדאַקטאָר — אברהם סוצקעווער.

יידיש וועלט נומ. 50, חודש שריפט פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. רעדאַקטאָר — יצחק יאַנאַסאָוויטש.

**חנן קיעל** / ניו־יאָרק

# ל י ד ע ר

## מן המצר

דערלאַנג מיר דיין האַרף פאַרוואָרפענע
אין בריאיקן הפקר־גראָז,
איך וועל זי טובלען אין טרערן פון אַ קינד
אין טויען פון געבלי
צערודערן די סטרונעס פון אונדזערע מזמורים
קוים־דערהערטע
פון מיינע הכנעהדיקע פעטערס די פאַרהוילענע געקלאָגן
וואָס האָבן אין מיר אַריינגעטריפט
אין יענע דורשטיקע פאַרטאָגן.

איף מיין טאַטנס הענט ציטערן טויבן־תפילות,
גענענען צו די קרישטאָלענע הימל־טויערן
וואָס זיינען לויטער, נאָר האָבן נישט קיין אויערן;
אין גי־צלמות האָבן די רחמים קוואַלן אויסגערינען
ביזן לעצטן טראָפּ,
און איך אין בושה בין אַוועק פון דיינע חסָדים
מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דערלאַנג מיר דיין פרינצישע האַרף
וועל איך דיר אויסשפּילן אַ קאַפּיטל וואַלגער אין דער פרעמד;
אין זומפּיקע טעג האָבן געריזלט אונדזערע בלוטן:
מן המצר קראתי יה,
נאָר דיינע ברינעס זיינען געווען פאַרשטאָפּט
און די הימלען האָבן געשוויגן ביז דער לעצטער שעה.

## נעילה

אין מיין גערטנדל צעשטערטן, ערב בליען
ציען טעג ווי פייגל אין ניט־רייפן פליען.

אין דער וויוגע פון מיין צייט כ׳וואָר מיטגעבלאָזן,
טרוימען שטרויענע קנוילן זיך אויף בלינדע שטראָזן,

אָפּגעלעבטע יאָרן, גרין־פאַרגעסענע אַמאָלן
נידערן אַראָפּ אין הוילע בענקענדיקע טאָלן,

מיד־פאַרהאָרעוועט זיי דראפּען זיך אויף גלייכע ווענט,
מיט לעצטע כוחות און געביינען קלאַמערן זיך הענט.

נאָר אויבן אויפן בלויען באַרג קלעטערט שוין נישט קיינער,
געבליבן כ׳בין אַליין אַ ווידערשפּעניקער אַליינער.

סוף־זומערדיק־אַ מאַרגנטוי פאַרשפּעטיקטער, צעגליט,
כ׳האָב אַלץ נאָך ניט דערזונגען מיין איינגעפּעדעמט ליד.

קליינע טאַנצנדיקע בלעטער וואָס האַלטן שוין ביי נעילה
פאַרלאַטען מיינע ווייטיקן מיט אָסיענדיקע פּילן.

איך בין נאָך אַלץ דער שומר פון אָוונטיקן גאָרטן,
ברכי נפשי פאַר מיינע לידער קליינע אָפּגעשפּאָרטע.

## ואני תפילתי לך...

און איך, אַ דערוועקטער פון נאַרקאָז אין בגילופענעם געמיט
האָב אָפּגעווישט דעם ברוגז פון די קראַנקע שויבן,
דורך פאַרהוילענע שפּאַרונעס האָבן אַריינגעטריפט
פון יאָרן מיינע נישט געדאַוונטע תפילות
אין דיין טיף־טרערנדיקער ברינע;
צוקאָפּנס אונדזערע ווייען פלאַטערט די שכינה.

אין שפּיטאָל־צימער רעדן לשונות מיט גינציקייט,
די זעלביקע יסורים, בלאַסע געבעטן,
אין פיינלאַנד פאַרחברט מיט אונדזערע
מיד־אויסגעשעפּטע תחנונים;
אין פיבער־שלאָף גורל־שכנים
פאַריאושטעווייטיקן מיט ליבשאַפט און פחד אין איינעם.

ואני תפילתי לך —
פון מיין מאַמעשיס געדולדיקן טרויער,
מיין טאַטנס רחמימדיקן באַדויער,
אָ, גרויסער פאַרגעביקער חבר
פון אַלע נישט־דערהערטע ווינטיקע געוויען,
זע, ס׳זאָל נישט גיין לאיבוד חלילה
דער מינדעסטער אוי
אין כאַר פון אונדזערע אויען.

## שלמה שוואַרץ ז״ל

אין שיקאַגאָ איז געשטאָרבן, אין עלטער פון 81 יאָר, דער באַקאַנטער דיכטער שלמה שוואַרץ, וועלכער האָט זייער אָפט געדרוקט זיינע לידער אין ״חשבון״, ווי אויך אין אַנדערע יידישע צייטשריפטן און זשורנאַלן אין דער וועלט. ער איז געווען דער מחבר פון זעקס לידער=ביכער אין יידיש, האָט אויך געשריבן אין ענגליש אונטערן נאָמען ״סעלווין״. פינף לידער=ביכער פון שלמה שוואַרץ זענען דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך.

פאַר זיינע שאַפונגען אין יידיש איז שלמה שוואַרץ באַערט געוואָרן מיט אַ פּרייז פונעם יידישן קולטור=קאָנגרעס און פונעם קאָמיטעט פאַר יידיש אין מעקסיקע.

דער טויט פון שלמה שוואַרץ איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור. מיר דריקן אויס טיפן מיטגעפיל דער פאַראַבלטער משפּחה.

פּראָפ. סאָל ליפּצין / ירושלים

# שואל גוטמאַנס: אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפיל *

דאָס דאָזיקע בוך עסייען, פון אַ טיפזיניקן דענקער, און דערציער וועגן יידישער פּראָבלעמאַטיק, קולטור און ליטעראַטור. וועט ליידער נישט דערגרייכן אַזאַ גרויסן לייענער־קרייז ווי עס פאַרדינט, ווייל דעם מחברס מעדיום איז מערסטנטייל יידיש, נישט ענגליש. זיינע אַריינבליקן זיינען פון דעסטוועגן פון גרויסן ווערט, און קענען באַאיינפלוסן לייענערס, וואָס זיינען באַזאָרגט וועגן דער איצטיקער סיטואַציע פון יידן אין די תפוצות, ווו עס ווירקן גלייכצייטיק דעגענערירנדיקע און רעגענערירנדיקע כוחות.

אין דעם אַריינפיר סקיצירט גוטמאַן די ענדערונגען וואָס זיין וועלט־באַנעם האָט דורכגעמאַכט זינט די 1920=ער יאָרן. אין יענע יאָרן האָט ער געגלייבט אין סאָציאַליזם ווי די פּאַנאַצייע פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע קראַנקהייטן. איצט איז ער סקעפּטיש וועגן אַלע פּאַנאַצייען. ער גיט זיין ברכה צו אַ ריי ליבעראַלע און הומאַניטאַרע אידעאַלן. ער אינדאָרסירט דעם קולטור־פּלוראַליזם ווי אַ גינסטיקערער באָדן פאר יידישן המשך אין אַמעריקע ווי די שמעלץ־טאָפּ אידעאָלאָגיע, וואָס האָט דאָמינירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. צו זיין אַ ייד מיינט, לויט אים, אַרבעטן פאַר אַ וועלט ווו עס וועט זיין ווייניקער אומרעכט, ווייניקער מלחמות, ווייניקער אָרימקייט, און ווייניקער ליידן. אַזאַ יידישקייט וואָרצלט אין הר־סיני, און אין די נביאי־צדק. זי איז פאַרקערפּערט אין דער יידישער מחשבה במשך טויזנטער יאָרן ביז דער היינטצייטיקער יידישער און העברעישער ליטעראַטור.

גוטמאַן איז מודה, אז ער איז געווען פּעסימיסטיש וועגן יידישן קיום אין אַמעריקע, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט ווי די אַסימילירנדיקע טענדענצן שטייגן פון דעקאַדע צו דעקאַדע. איצט איז ער אָפּטימיסטישער. דער דריטער חורבן, און דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָבן איבערגעקערט די דאָזיקע טענדענץ. יידישער זעלבסטהאס, וואָס איז געווען אזוי בולט אין די ליטעראַרישע ווערק פון אַמעריקאַנער יידישע שרייבער מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז איצט געוואָרן פאַרביטן מיט יידישער אַפירמאַציע. ווי דער פריערדיקער פירער פון די שלום־עליכם־שולן מיינט ער, אַז די לאַנגע ירידה פון יידיש שפּעריישקייט קען טייל ווייז ווערן אפּגעשטעלט מיט דער הילף פון אַן אינטענסיווער יידישער דערציאונג.

גוטמאַנס עסיי וועגן איצטיקן קריזיס אין דער מערב־ציוויליזאַציע שרייבט צו אַ וויכטיקע ראָלע יידן וואָס קענען העלפן לייזן דעם דאָזיקן קריזיס. ער וואַרפט אָפּ די דעטערמיניסטישע היסטאָריאָזאָפיעס, ווי די פון מאַרקס, ספּענגלער און טאָינבי. ער לייקנט נישט אַז אַ סך פון אונדזערע דערוואַרטונגען זיינען אוועק אויף פאַלשע דרכים; אָבער ער שטרייכט אויך אונטער די פּאָזיטיווע אויפטואונגען: דער פאַרלענגערטער לעבנס־שפּאַן די אָפּשאַפונג פון אַנאַלפאַבעטישקייט, דער העכערער לעבנס־סטאַנדאַרד, און די דערוואַרטונג אַז מיר וועלן ווייטער פּראָגרעסירן. נישט געקוקט אויף מפלות פון צייט צו צייט, איז די דאָזיקע האָפענונג באַרעכטיקט. דער גייסט פון ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע און אינדיווידועלע פרייהייט וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אַמעריקע, איז אַ דינאַמישער כוח, און איז אויך האַרמאָניש מיט יידישע אַספּיראַציעס. יידן זיינען דער אַוואַנגאַרד

פון אַמעריקעס פּראָגרעסיווע באַוועגונגען. יידן מעגן האָפן אויף אַ ליכטיקן מאָרגן, און זיי דאַרפן נישט אויסבייטן אַמעריקעאויף ישראל כדי צו קענען אָנהאַלטן זייער יידישקייט. אַמעריקע איז נישט האָמאָגעניש, און נישט מאָנאָליטיש. אין דעם איצטיקן גייסטיקן קלימאַט פון קולטור־פּלוראַליזם, פּראָספּערירן יידן ווי אַן עטנישע מינאָריטעט, און זיי שטרעבן נישט מער, ווי אין אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט, צו ווערן צוגעטשעפּעט צום אַנגלאָ־אַמעריקאַנער שטאַם.

גוטמאַן האַלט אַז דער אויפגייענדיקער ציקל אין דער יידישער געשיכטע איז דער ישראל־אַמעריקאַנער ציקל. עס וועט פאַרבייטן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ציקל, וועלכער האָט דאָמינירט פאַר הונדערטער יאָרן נאָך דער שפּאַנישער גאָלדענער תקופה, און דעם גרוש פון איבערישן האַלב־אינדזל. ער איז באַאיינפלוסט אין זיין השקפה פון די אידעען פון האָראַס קאַלען און שמעון ראַווידאָוויטש. ער ליבט סידני הוק ווי דער פילאָזאָף פון דעמאָקראַטישן הומאַניזם, און עזריאל נאַקס ווי דער עקספּאָנענט פון עטישן הומאַניזם. ער באַציט זיך אויף פּאָזיטיוו צו די איינשטעלונגען פון לודוויק לואיסאָן, האַנס מאָרגענטוי, אַרטור וואַסקאָ און סינטיאַ אָזיק. ער איז א סך קריטישער צו אַרטור הערצבערג, האַראָלד בלום און אַנדערע אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן, וועמענס מיינונגען זיינען קעגנעריש צו זיינע.

גוטמאַן איז אויף דער העכסטער מדריגה ווען ער באַטראַכט די ווערטן וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דער יידישער ליטעראַטור, און אין די יידישע שרייבערס ווי שלום אַש, דער קריטיקער שמואל ניגער, און די ליריקערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. ער איז ווייניקער ענטוזיאַסטיש וועגן באַשעוויס־זינגער, כאָטש ער פאַרלייקנט נישט דעם גרויסן טאַלענט פון דעם נאָבעל=פּריז לאַורעאַט. ער קוועסטיאָנירט אָבער די אויטענטישקייט פון זינגערס פּערסאָנאַזשן פון פּויליש־יידישן לעבן. גוטמאַנס אייגענע זכרונות פון זיין קינדהייט און יוגנט אין אַ פּויליש שטעטל, מיט וועלכע דאָס בוך פאַרענדיקט זיך, פּרעזענטירט אַ פיל־מער שיינענדיקן אימאַזש פון דער סטאַגנירנדיקער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט אויפגעוואַכט צום מאָדערניזם אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהודערט. דאָס אַלץ האָט אָנגעהויבן זיך צעפאַלן; אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע, און דעמאָלט איז גוטמאַן אַוועק קיין אַמעריקע, אין 1921.

גוטמאַנס עסייען סטימולירן צו טראַכטן איבער יידישע פּראָבלעמען און רופן צו רעווידירן דעם פּעסימיזם וואָס פאַרטונקלט דיסקוסיעס איבער דער לעבנספעיקייט פון דיאַספּאָרא־יידנטום. אַזאַ פּעסימיזם איז אפשר באַרעכטיקט ווען מע מאַכט אַן איבערבליק איבער די איצטיקע דעמאָגראַפישע און קולטורעלע טענדענצן צווישן מערב־אייראָפּעיִשע, צענטראַל אייראָפּעיִשע און סאָוועטישע־יידן, אָבער עס איז נישט באַרעכטיקט ווען מע שאַצט אָפּ די כוחות וואָס דאָמינירן איצט אויף דער אַמעריקאַנער סצענע, און וואָס מאַכן מעגלעך אַן אייגנאַרטיק און רייך יידיש־קולטורעל לעבן ווי אַן עטנישע מינאָריטעט אין אַ פּלוראַליסטישער געזעלשאַפט.

---

* שואל גוטמאַן: אמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפיל; ניו=יאָרק 1988 ; 352 זייטן געבונדן.

**הינדע זאַרעצקי** / ניו־יאָרק

# לידער

## דער בלינדער

דער טאָג האָט געבליט
מיט גאָלד און מיט ליכט.
מיר איז אַנטקעגן געקומען
א בלינדער מיט אַ קלוגן געזיכט.
כ׳האָב אים פאַר אַ האַנט אָנגענומען
געפירט אויפן צווייטן זייט ברעג
ביז מיר זיינען אַהין אָנגעקומען,
האָב איך פאַרנומען זיין וועג.

איך בין דער בלינדער מיטן קלוגן געזיכט,
ער פירט מיך אויפן צווייטן זייט ברעג
דער טאָג הילט אים איין אין סוף — זומער ליכט,
ער דערציילט און דערציילט פון גילדענע טעג —
איך קלאַמער מיך איין אין זיין וואָרט, אין זיין קול,
ער פירט מיך אויפן צוויטן זייט ברעג
מיר גייען צום באַרג, דערביי איז אַ טאָל,
צו פרייד און טרייסט איז ווייטלעך דער וועג.

איך נייג צו אַן אויער. איך פאַרבייס אַ ליפּ,
מיט גוטסקייט און טרייסט דערשלינג איך אַ כליפּ!
דעם בורא איך דאַנק פאַרן פירנדיקן קול.
מיט אַ פינגער איך ריר אָן די האנט פון גנאָד
אין תענוג דאָס הארץ אַ דערוואַרעמטע קוועלט:
פאַר דער גוטסקייט און טרייסט איך דאַנק גאָט
ס׳גייט אויף אין געביין דאָס ליכט פון דער וועלט.

## דו און איך

הער זיך צו —
טרוימער מיינער גרויסער
אין חלום־לאַנד לעבט מען ניט בעסער
ווי איך און דו.

העי, דו!
שפּאַנען מיר פריילעכע
אויף וועגן ניט קיין זיכערע
איך און דו.

פון לוקסוס איז אונדזער הויז באַהיט,
דער וועג צו אונדזער הויז
פון גערונצלטן גראַניט —
גייען מענטשן ווייניק דאָרט
— מענטשן —
מענטשן ליבן אַ זאַטן אָרט.

אויף בלויען
קריגערישן
ים...

## אויף פליגל פון צייט

אויף פליגל פון צייט
געפלוגן, געפלוגן.
אָנגעקומען
אויפן באָדן פון בטחון
געהערט אויסטערלישע רייד:
— אדם, וואָס האָסטו געפילט
נאָכן ערשטן ביס
אין חוהס גן־עדן עפּל? —
געפרעגט האָט איינשטיין.

— געפילט האָב איך חוהס ליבשאַפט
נאָכן ערשטן ביס אין גן־עדן עפּל — —
— זינט די טעג פון גן־עדן פאַרטריבן
ליב איז דיר גאָטס ערד?

— ס'איז דאָ:
גערא‌ַנגל
צער
מאָרד!
אויף גאָטס ערד.
ס'איז אויך דאָ
פאַרמעסט
חלום
בטחון
אויף גאָטס ערד —
האָסטו געזען בלויע טייכן,
בריקן וואָס לויכטן ווי לירעס? —
— כ'האָב געזען אויף בלויען ים

כוואַליעס
שלינגען
כוואַליעס!

## ערגעץ דרימלען לידער

פיר מיך יענעם וועג
ווּ לידער דרימלען.
אומעט
פאַרצערט
זוכער.

ערגעץ וואַרטן לידער
געדולדיק ווי גרעזער.
זאפטן
נערן
גרעזער.

שאָטנס שפּרייטן וואַלד־שלייערן
ביימער באַפעלקערן וועלדער —
יאַשמין
דעמב
בעריאָזע.

ערגעץ דערפרייען לידער
גיי יענעם ערגעץ
געפינען
סוד
פון
נעקטאַר.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $8.00 אַ יאָר.

**חיים פלאָטקין** / ניו־יאָרק

# לידער

## פון מיין אַמאָל

ס׳האָט אַ חלום מיך פאַרטראָגן צום רויש פון מאַשינען,
ביי זיי האָרעווען געווען מיר באַשערט.
אַ קאָשמאַר האָט מיך צעוועקט אין גרויען באַגינען
אַ צעווילדעוועט רעווען פון מאַשינען געהערט.
צעפליגלט אין שאָפּ צענדליקער פאָר הענט.
פון מאָטאָרן דער אָטעם רייסט די פענצטער־גראַטעס.
אין חלום כ׳האָב דעם פּרצוף דעם וואָלפישן דערקענט
געהערט ווי ער רעוועט:
— דאָ
נאַיט
מע
ניש
קאַ
שמאַטעס!

כ׳האָב געוואָרפן אַ בליק צום טישל מיטן זייגער,
זיינע פינגער — די ווייזערס מיר גוט באַקאַנט:
שנעל ווי אַ וויכער, לויטן אַלטן שטייגער —
פון מיין וואַרעם געלעגער אַרויסגעשפּאַנט...

די נאַכטיקייט האָט נאָך געהילט די טויאיקע צווייגן,
ברייטער דאָס פענצטער כ׳האָב אויפגעמאַכט.
פאַר דער שטילקייט געווען גרייט זיך פאַרנייגן,
דער זייגער פון מיין אַמאָל ט׳מיט אַ קול זיך צעלאַכט.

## הימלישע טויערן

אַ בינטל מעת־לעתן
און אַ צעווייקטע נאַכט
דער ים האָט אויפן הימל געכוואַליעט!
די נידעריקע וואָלקנס
געגאָסן מיט רעגן

פון שטעגן און וועגן —
טייכן געמאכט.

כמעט פוסט שוין אַ וואָך
די גאַסן און סקווערן.
די שיך אויף די פיס —
ווער וויל אַז ס׳זאָל אַזאַ מבל אים שטענקען?
דער ווינט מיט צעאַשטן כעס רעוועט —
אויף לאַנג צו געדענקען.

פון ציילן די פליוכנדיקע נעכט און טעג
מיין געמיט —
ווי אין קלעם צווישן שיפן
וואָס לויפן זוכן אַ ברעג.

ענדלאָז זענען די שעהען פון טאָג
אָן דעם ליכטיקן פנים
פון הימל אַנטרונען.
אויך די לבנה, פון איר שטערן=געלעגער
פאַרגעסן שוין לאַנג צו קומען.
כ׳ווייס ניט צי ס׳שרעקט זי די נאַכט?
די דונערס און בליצן
צעפּיצלט די הימלישע טויערן
און אַ מבל געבראַכט.

## מיין תפילה

איך בעט און פון בעטן
מיד ניט ווערן:
מיין קול דאָס שטילע
שווימט אין טרערן.

בלינד כ׳האָב געגלייבט
די פאַרדאַרבער וואָס צעשטערן.
מיין גריזשענדיקע חרטה
די הימלען זאָלן הערן.

פון מיין שטאָם וויל דער תליון
אַש זאָל ווערן.
וואָס מיט גיפט האָט פאַרשריבן
אויך אַ שטיין קאָן הערן...

די תפילה פון מיין האַרץ
מיט גלי פון טרערן.
אויף פליגל צום בורא —
מיין טרוים זאָל הערן:

וויפל דאָיק מיר נאָך באַשערט
מיין ניגון ניט פאַרצערן
און רו געפינען —
ווען פאַרשטומט כ׳וועל ווערן.

עקיבא פישבין / פּאַריז

# די פייער — טהרה פון ריכאַרד וואַגנער

1

יעדער דורכשניט־קולטורעלער מענטש אויף דער וועלט איז באַקאַנט מיטן נאָמען — ריכאַרד וואַגנער; מען ווייסט, אַז ער איז אַ גרויסער דייטשישער מוזיק־שעפער, אַ געהויבענער נאָמען אינעם מוזיקאַלישן אויבן־אָן אין דער וועלט. ווייניק באַקאַנט איז דעם דורכשניט־קולטורעלן מענטש, אַז וואַגנער איז נאָך עפּעס. אמת, דער באַהאַוונטער עולם ווייסט, אַז ער האָט געהאַלטן אַ פּעדער אין דער האַנט, געדיכטעט פּאָעמעס צו זיינע מוזיקאַלישע דראַמען, געשריבן ווערק פון אַ מוזיקאַליש־עסטעטישן כאַראַקטער, אָבער ווייניק — חוץ די אַריינגעטועטע — ווייסן, אַז דער אָ גאון הנגינה איז אויך געווען אַ דענקער, — פון יענעם סאָרט דענקער, וואָס פירט נישט צו אַ שלום בין אדם לחברו. וואַגנערס רעיונות האָבן די מענטשלעכע משפחה געזוכט צו שפּאַלטן און טיילן. האַס און סם טריפט פון זיינע געדאַנקען!

לאָמיר דאָ עפּעס דערציילן.

אין די זיבעציקער, אַכציקער און אַ שטיק אין די ניינציקער יאָרן פון 19 — טן י.ה. האָט פּאַריז שטאַרק געטומלט מיטן דייטש ריכאַרד וואַגנער. אַזעלכעס וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין יענע יאָרן אין פּאַריז, איז אין דער געשיכטע בשייכות צו אַ קאָמפּאָזיטאָר, נישט באַקאַנט. ס'איז געווען הימל עפן זיך! וואָלט דער טומל כאָטש זיך באַגרענעצט צו דער דעמאָלט פּייערדיקער פּראָ־און קאָנטראַ קאַמפּאַניע אין דער פּרעסע בלויז, צו דער מלחמה פון די קאַריקאַטוריסטן אין די הומאָר־בלעטער, צו די פּאַראַדיעס אויף וואַגנערן און זיין מוזיק אין די טעאַטערן — נו מילא, וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען אַזאַ עגמת נפש. די מעשה אָבער איז אַוועק אַ סך ווייטער, זי איז אַרויס אויף דער פּאַריזער גאַס! ווען און ווו זענען פאָרגעקומען מאַסן מאַניפעסטאַציעס, פינצטערע געשלעגן, אַרעסטן, צוליב שפּילן מוזיק פון אַ קאָמפּאָזיטאָר? האָט דאָך דער פּלאַן צו שטעלן וואַגנערס "לאָהענגרין" — נאָכן טויט שוין פון קאָמפּאָזיטאָר (אין 1886) — אַרויסגערופן אַן אמתע שלאַכט. מענטשן האָבן געשטורעמט דאָס טעאַטער; בסוף האָט זיך דער דירעקטאָר אָפּגעזאָגט פון פּלאַן! אין יאָר 1891 האָט מען, אויף להכעיס אַלע נייע דראָונגען, דאָך געשפּילט "לאָהענגרין". נו, מאַ! האָט זיך דעמאָלט געטאָן. בלוט האָט זיך געגאָסן אין די גאַסן. צומאָרגנס, נאָך דער "שלאַכט" האָט די צייטונג "לאַ רעוואַזש" געשריבן: "50 טויזנט פראַנצויזן האָבן אויסגעפּייפט די דייטשישע קונסט ביינאַנד מיט אונזערע מיניסטאָרן — די חסידים פון וואַגנערן". וואַגנער האָט, אמת, אין יענע יאָרן געהאַט חסידים אַ סך אין פּאַריז, ער האָט אָבער געהאַט אויך שונאים אָן אַ שיעור. אוודאי זענען נישט אַלע "50 טויזנט פראַנצויזן" פון יענעם בלוטיקן טאָג געווען מבינים אויף קונסט. נישט בלויז מדעגת נגינה זענען די מענטשן געקומען "אויספּייפן" דעם דייטש וואַגנער. די סיבות זענען, פאַרשטענדלעך, געווען פיל טיפערע.

מען דערציילט אַ מעשה וועגן אַ פּאַריזער מעלאָמאַן, וואָס האָט געהאַלטן ביי זיך אין שטוב בשעתו אַ סקולפּטור־פּאָרטרעט פון ריכאַרד וואַגנער; האָט דער מוזיקער אויפן קאָפּ געטראָגן אַ לאָרבער־קרוין און דער האַלדז איז ביי אים געווען פאַרצויגן מיט אַ שטריק. מענטשן האָבן געשטוינט: — היתכן, ווו איז דער שכל? ווי פּאַסט זיך די לאָרבער־קרוין מיטן

שטריק אויפן האַלדז? איז דער פראַנצויז פון דער קשיא נישט נתפעל געוואָרן, ער האָט געענטפערט קלאָר און זאַכלעך: — פאַר דער מוזיק זיינער, וואָס איך באַוונדער און האָב ליב, קומט וואַגנערן אָנצוטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, אָבער וואַגנערן דעם פשוטן בשר ודם — אים קומט פאַר זיינע רייד און מעשים אויפצוהענגען!... פאַר וועלכע מעשים טובים האָט דאָס דער פאַריזער מעלאָמאַן געוואָלט נעמען זיין ליבלינג און אים שיקן אויף דער תליה? איז די מעשה אזוי: ריכאַרד וואַגנער, א נוקם ונוטר פון אלע זיינע יאָרן, האָט געהאט מיט פאַריז אַן אַלטן חשבון. זייט יענעם פרילינג־טאָג אין אַפּריל 1842 ווען ער האָט פאַרלאָזט פאריז, די אומפריינדלעכע אים שטאָט, אויף וועלכער ער האָט אזוי פיל האָפנונגען געלייגט — געטרוימט צו מאַכן דאָ אַ קאַריערע לויטן שטייגער פון מייערבעער און ראָסיני, געטראכט אַ בליץ צו טאָן אין דער מעטראָפּאָליע פון דער וועלט, אנשפאַרן אויפן אָלימפּ פון דער דעמאָלטדיקער וועלט; איז דען שייך וואָס ער האָט אלץ געטראַכט און געוואָלט? און וואָס איז פון זיינע יוגנט חלומות געוואָרן? זיי זענען זיך צעפלאָסן, ווי די טייכן אין פרילינג... אַפילו אַ פּאָר לעבעדיקע פראַנקן פאַרדינען בלויז איז אים אָנגעקומען דאָרט מיט חרפות און בושות — איז זייט יענעם טאָג, האָט זיך אָפּגעזעצט ביי וואַגנערן אויפן דנאָ פון זיין אַנטוישט האַרץ אַן אומחן צו פראנקרייך. ער וועט דעם וויסטן סוף פון זיינע יוגנט־אילוזיעס די פראַנצויזן אין לעבן נישט מוחל זיין!

צו 29 יאָר האָט ער פאַרלאָזט פאריז, "דעם גרויסן מערדער־גרוב", וווּ מען האָט דעם "נאַיוון און פשוטן דייטשישן מוזיקער" שיעור נישט צום טויט דערפירט. איז, ווען דער אָרעמער האָט דערזען דעם דייטשישן טייך רהיין פאַר די אויגן, האָט ער מיט טרערן דעם פאָטערלאַנד געשווירן טריישאַפט אויף אייביק (ריכאַרד וואַגנער, "מיין לעבן"). נאָך אַ גליק, וואָס אים האָט זיך אונטערגערוקט דאַן דער רוף פון זיין היימאָט. דער גענעראַל־אינטענדענט פון הויף־טעאַטער אין דרעזדן, דער באַראָן פאָן ליטיכאַו אַליין, האָט געבעטן קומען, און אויף דער קעניגליכער בינע פון דער קרוין — שטאָט זאַקסן זאָל ער, וואַגנער, געבן די וועלט פרעמיערע פון זיין פאַקטיש ערשטער אָפּערע "ריענצי". אָזא כבוד! דאָס האָט פאַר אים זיך פאָסטאַרעט אזוי זיין דייטשער לאַנדסמאַן — דער ייד מייערבעער. אינעם ידידי־בריוול צום באַראָן, האָט מייערבעער שטאַרק רעקאָמענדירט דעם "יונגן און אינטערעסאַנטן קאָמפּאָזיטאָר", וואָס "פאַרדינט דעם אופמערק פון זיינע מיטבירגער"; מייערבעער האָט אים רק געלויבט און געלויבט. אַז ליטיכאַו האָט געהערט אַזעלכע רייד, האָט עס אים אַ נעם געטאָן; אַ וואָרט פון מייערבעער איז ביי אים געווען מיט גאָלד צוגלייך!

אין דרעזדן איז וואַגנער געוואָרן אַ מענטש און גענומען לעבן אַ טאָג. מאַכט זיך אָבער, אַז זיבן יאָר שפּעטער איז ריכאַרד וואַגנער, דער געקרוינטער מוזיק=דירעקטאָר פון קעניגליכן הויף, אויפסניי שוין אויס מענטש. זיין שטערן האָט זיך פאַרלאָשן ווען די פּרייסישע חיילות זענען, אויפן רוף פון זאַקסישן מלך, אַריין קיין דרעזדן, און אין מאַי 1840 דערשטיקט די רעוואָלוציע אין וועלכער ס'האָט זיך באַטייליקט דער מוזיקער צוזאמען מיטן רוסישן אַנאַרכיסט — באַקונין. דער מוזיק=דירעקטאָר האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט, ער איז אָנגעקומען אין דער שווייץ אויף א פאלשן פּאַס, און געטריבן דורך שטעק־בריוו פון דער זאַקסישער פּאָליציי, האָט ער גענומען אָפּריכטן יאָרן גלות. ווען דער צעבראָכענער און צעלאָמניעטער וואַגנער, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. איז אין דער

שווייץ שטיין געבליבן, ווי ביי אַ ליידיקער קאָריטע. האָט ער זיך מייאש געווען אין דער רעוואָלוציע, און אויסגעלאָזט דעם כעס... צו פּאַריז.

אין אַ בריוו פון סוף 1850 איז זיך וואַגנער מתוודה פאַר זיין חבר טעאָדאָר אוהליג, אַז נאָכן איבערלעבן וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט ער פיינט באַקומען פּאָליטיק מיט די פּאָליטיקער בתוכם, סיידן... און דאָ נעמט ער דערלאַנגען דיבורים, וואָס דריקן שוין פון לאַנג זיין האַרץ: ״איך בין זיך מודה — שרייבט ער — מיט דער גאַנצער ערנסט און אָן אַ ברעקל איבערטרייבונג, אז גלויבן, גלויב איך נאָר אין אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט זיך אָנהויבן מיטן אונטערצינדן די שטאָט פּאַריז און מאַכן פון איר אַ באַרג אַש. ״לויט וואַגנערן שטעקט אין פּאַריז דער שורש פון אַלעם שלעכטן. דער דייטשישער קאָמפּאָזיטאָר פארשטייט, אַז נאָך אַזאַ ״טהרה דורך פייער״ וועלן אַ סך לעבעדיקע מענטשן נישט בלייבן; די געבליבענע וועלן אָבער זיין ״אמתע מענטשן״, מענטשן מיט סאָלידע נערוון, און ערשט זיי וועלן אויף די חורבות פון ״די פארפעסטעטע שטאַלן פון די הערשער״ אַ היכל אוועקשטעלן דער אמתער קונסט. (״וואַגנער״ — דאָקומענטאַרע שטודיע; הערבערט באַרט, דיטריך מאַק, עגאָן פּאָס, פּאַריז 1976, ז. 180־181; דער בריוו קומט דירעקט פון ״ריכאַרד וואַגנער אַרכיוו״ אין ביירויט, מחמת ער איז נישט דערשינען אין דער פארעפנטלעכטער וואַגנער־קאָרעספּאָנדענץ), ווען וועט קומען דער גליקלעכער טאָג צו זען פּאריז אין פלאמען, האָט וואַגנער דעם חבר נישט געקענט פאָרויסזאָגן. אָבער, אַז מען לעבט — דערלעבט מען!

ויהי בימי נאַפּאָלעאָן דעם דריטן... דער אָנגעבלאָזענער קייזער נאַפּאָלעאָן דער דריטער (וויקטאָר הוגאָ, זיין שונא, פלעגט אים רופן: ״נאַפּאָלעאָן דער קליינער״) איז פון אַלע יאָרן זיינע געווען אַ פּאָליטישער אַוואַנטוריסט, געטרוימט, ווי זיין פעטער, דער ערשטער נאפּאָלעאָן, וועגן העגעמאָניע פון פראנקרייך. דער פּרייז פון העגעמאָניע, ווייסט די גאַנצע וועלט, איז מלחמה. האָט ער געפירט ״דער קליינער נאַפּאָלעאָן״, מלחמות אויף מלחמות. אין 1870 האָט זיך אים פארגלוסט אַ מלחמהלע מיט פּרייסן. אויף דעם נאָר האָט געוואַרט דער באַלעבאָס אין פּרייסן — ביסמאַרק. אויך ער האָט געטראַכט וועגן העגעמאָניע, — צום ערשט אין דייטשן רייך, שפּעטער אין אייראָפּע און דאַן... אויף דער גאַנצער וועלט; פאַרוואָס נישט? ער האָט דאָך צעפּעכערט זיינע שטאָלענע פליגל, ווי אַ מאַכטיקער אָדלער און געפלויגן ממש פון איין זיג צום צווייטן.

הקיצור, דעם 19־טן יולי 1870 האָט פראנקרייך דערקלערט מלחמה פּרייסן, און גלייך זענען די דייטשישע חיילות אַריבער די צפון־גרענעץ פון פראַנקרייך און ביים שטעטל סעדאַן אַ דערלאנג געטאָן אַ זעץ, אַז שפּענער זענען געפלויגן פון דעם דריטן נאַפּאָלעאָנס אַרמיי. דער קייזער פון פראַנקרייך איז געוואָרן נבהל ונשתומם. כעפּרא דארעה נעבעך איז געוואָרן פון אַלע פּלענער אויף אַ גרויסער אימפּעריע...

די נייעס פון קריגס־אויסברוך האָט אריינגעזעצט אין ריכאַרד וואַגנער אַ נייע נשמה. דער קאָפּ איז אויף אים געוואַקסן! ס׳איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק צו זען, וואָס אַ שטייגער האָט פאַרשריבן אין איר טאָגבוך קאָזימאַ, וואגנערס פרוי, אין יענע פיבערדיקע טעג. זי פלעגט דאָך פאַרשרייבן יעדעס וואָרט וואָס איר ריכאַרד האָט אַרויסגעברענגט פון מויל, גלייך ווי ער וואָלט דער דעלפישער אָראַקל געווען.

הכלל, אין טאָג פון קריגס־אויסברוך דרייט זיך קאָזימאַ ארום מיט ״אַ שטיין אויפן האַרץ״. א קלייניקייט, אַ מלחמה! מען ווייסט ווי אזוי זי הייבט זיך אָן, אָבער

ווער קען וויסן ווי אָזוי זי וועט זיך ענדיקן ?... וואַגנער, להיפוך, איז האפערדיק און אין אַ גוטן הומאָר. ״...די אָ מלחמה — זאָגט ער — קען אויפסניי באַווייזן דער וועלט דעם ווערט פון די דייטשן״. אַ טאָג־צוויי שפּעטער, און ביי קאָזימאַ ווערט נישט בעסער מיט דער שטימונג. זי איז איבערגענומען מיט דער לאַגע אויפן פראָנט. וואַגנער ווערט אין כעס, ער קריטיקירט איר ״קנאַפּן אידעאַליזם״. ״... דער דאָזיקער קריג וועט האָבן פאַר מיר חסדימדיקע פאָלגן״ — קלערט אויף ריכאַרד דער פרוי, טאָ פאַרוואָס דרייט זי זיך אַרום, גלייך מען וואָלט איר די קאַטשקעס פון וואַסער אראָפּגענומען ?...

דעם פּאָרל קאַטיל מאַנדעס (אגב א ייד), די יונגע פריינד אין פּאַריז, וואָס שטייען אויף די קני ממש פאַר זיין קונסט — זיי ענפערט וואַגנער אַ ידידי־בריוול : ״זיי דאַרפן פאַרשטיין, אַז מיר האַסן די פראַנצויזן״. (קאָזימאַ וואַגנער, ״טאָגבוך״, פּאריז 1979, ב.1,ז.302־300)

יאָ, דאָס מאָל זאָגט דער דייטשישער מוזיקער באמת נישט קיין ליגן ; ער האָט פיינט די פראַנצויזן בתכלית השינאה ! אים גרילצט אין די אויערן דער קלאַנג פון דער פראַנצויזישער שפּראַך, ״די שפּראַך פון קנעכטשאַפט״, וואָס ער הערט אויף די גאַסן פון לוצערן, ווו ער וווינט מיט זיין משפּחה. וואַגנער מאַכט אַ חשבון — ווער זענען זיי און וואָס קענען זיי, מ׳שטיינס געזאָגט, די פראַנצויזן ? אַז אַרום און אַרום, ״זענען זיי אַלע יידן און קענען נישט מער, ווי דעם תנ״ך״ — דעם גאונישן געדאנק פאַרשרייבט קאָזימאַ דעם 25/11 1870. און ווייטער, ״די גאַלישע ראַסע האָט געוואָלט יעדער יחיד זאָל זיין אַ חנעוודיקע און געפּודערטע בריאה ; דער גאַנצער באַרבאַרישער כוח און קראַפט פון אמאָל איז ביי איר אויסגעוועפּט געוואָרן״. (דאָרט, ב.1, ז.276). אין זיינע בריוו צו די פראַנצוישע חסידים באַקלאָגט זיך דער מוזיקער אויפן שרעקלעכן ״פראַנצויזישן גייסט״ מיטן ״איבערמאָס פון סענטימענטאַליטעט״, אויף זייער ״פיינלעכער באַגרענעצטקייט״ — אַ מוסטער פון ״פאַלשער לאָגיק באַפּוצט מיט איבערגעטריבענער באַרעדעוודיקייט״ . ״דאַקעגן דער דייטשישער גייסט...״ וואַגנער לייגט פאָר די פראַנצויזישע פריינד צו אַקצעפּטירן דעם אויסגאַנג פון קריג, ווי אַ באַצאָלונג פון גאָט. ס׳וועט גאָרנישט שלעכט זיין, זייער ״ריזן הויפּטשטאָט זאָל זינקען אין חורבות״, דער ווידערגעבורט פון פראַנצויזישן פאָלק וועט דאָ געפונען ״זיין אויסגאַנג־פונקט״.

פון פראָנט קומען אָן גוטע ידיעות און קאָזימאַ נאָטירט : — ״וואַגנער האָפט, אַז פּאַריז ״די מאָנדערנע אויסגעהאַלטענע זונה וועט ווערן פאַרברענט״ (דארט, ב.1, ז315). קורץ, דער געדאַנק צו פאַרברענען פּאַריז גייט וואַגנערן נישט אַרויס פון קאָפּ ! ער קלערט אויף דער פרוי דעם טעם דערפון : — דאָס פאַרברענען פּאריז ״וועט זיין פאַר דער וועלט דער גאולהדיקער סימבאָל״. ״ער וויל שרייבן צו ביסמאַרקן און אים בעטן, ער זאָל פּאריז פאַרניכטן מיט קאַנאָנען. נאָך דעם דאָזיקן רעיון — נאָטירט קאָזימאַ אין טאָגבוך — האָט גענומען וואַגנער האָפערדיק זינגען די לעצטע סצענע אין ערשטן אַקט פון זיין ״געטער־דעמערונג״.

סוף־סוף האָט וואַגנער דערלעבט דעם בראַנד פון פּאריז. בעת די מאַי־טעג 1871 ראַנגלט זיך די פּאַריזער ? קאָמונע מיטן לעבן. די שטאָט ווערט אַ ים פון פייער.

פּאריז ברענט ! דער לווער שטייט אין פלאַמען ! — אָט די נייעס רייסט ביי קאָזימאַ פון האַרץ ארויס אַן אימהדיק געשריי פון ווייטיק. וואַגנער פארשטייט נישט ; וואָס איז געשען מיט זיין פרוי ? — איי, די ווייבערישע נערוון ! און ער מאַכט זיך אַ וויצעלע דערביי... (דארט, ב.1, ז.453) וואָס שייך דער פּאריזער קאָמונע,

האָט וואַגנער זיין מיינונג: — "ווען די קאָמונאַרן וואָלטן צעוואָרפן די קירכעס מיט די קלויסטערס, אויפגעהאָנגען די ראָטשילדס, מילא, וואָלט דאָס געהאַט אַ באַדייטונג" (ב.3,ז.475).

הכלל, די שלאַכטן האָבן זיך געענדיקט, נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט קאַפּיטולירט; זעצט זיך ריכאַרד וואַגנער צום שרייב־טיש און דיכטעט אַ פּאָעמע: — "צו דער דייטשישער אַרמיי ביי די טויערן פון פּאַריז". די אָדע לכבוד דעם נצחון האָט ער אַוועקגעשיקט צו ביסמאַרקן און באַקומען אַ יישר־כוח בזה הנוסח: — "אייער ווערק, וואָס האָט מיך אינטערעסירט אַפילו דאַן, ווען מען האָט עס באַקעמפט, האָט ענדלעך גובר געווען, נאָך א שווערן קאַמף, דעם ווידערשטאַנד פון די פּאַריזער. איך ווינטש אייך אָפּהאַלטן נאָך אַ סך נצחונות". ביסמאַרקס בריוו מיט די ברכות האָבן וואַגנערן פאַרשאַפט אַ סך נחת. ער האָט שוין גענומען וועבן קאָלאָסאַלע פּלענער. אַ צייט שפּעטער, איז דער מוזיקער געקומען צו ביסמאַרקן מיט אַ פּלאַן מכוח אַ נאַציאָנאַלן טעאַטער פאַר זיין קונסט בלויז אין ביירויט. אַז דער "אייזערנער קאַנצלער" האָט זיך נישט וויסן געמאַכט, איז אים וואַגנער געוואָרן אַ דם־שונא; איינוועגס שוין אויף דעם ניי־געשאַפענעם דייטשן רייך מיטן דייטשישן מיליטאַריזם בתוכם.

לעת עתה האָט ריכאַרד וואַגנער עצות פאַר ביסמאַרקן. ער האַלט, אז די דייטשן דאַרפן אָקופּירן פראַנקרייך במשך אַ לאַנגער צייט, אָפּרייסן פון איר אַ שטיק (עלזאַס און לאָטרינגען) און שטעלן זי אַפילו אונטער אַ פּראָטעקטאָראַט פון אייראָפּע (דאָרט, ב.2,ז.60). בנפשי גייט וואַגנערן צו "דערנידעריקן פראַנקרייך", באַליידיקן זי וואָס מער. דאָס געפיל פון נקמה, וואָס ברענט אין אלע זיינע רמ"ח אברים, וועט ער שטילן איצט דאַן נאָר, ווען ער וועט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן דערלאַנגען אַ קלאַפּ, ווי ס׳געהערט צו זיין.

כאַפּט אלזא דער פּאָעט וואַגנער די סאַמע פאַרשפּיצטע פעדער זיינע אין דער האַנט אריין, טונקט זי איין אין וויטריאָל און דיכטעט אויס אַ פאַרסעלע — אַ צאַצקע! אַ "פּורים־שפּיל" צו מאַכן חוכא־וטלולא פון פראַנקרייך. די פאַרס טראָגט דעם נאָמען: "אַ קאַפּיטולאַציע = קאָמעדיע לויט דער אַנטיקער מאַניער". אין דעם אומפאַרשעמטן חוזק "שעדעווער" דעקלאַמירט למשל וויקטאָר הוגאָ אזוי: "ציוויליזאַציאָן, פּאָמאַדע, סאַוואָן (זייף־ אויף פראַנצויזיש, ע.פ. / דאָס זינד מיינע האַופּטפּאַסיאָן/". פאַר מאַכן פּאַראָדיעס אויף זיין מוזיק, כאַפּט פון וואַגנערן דעם ריכטיקן פּסק דער ייד אָפּענבאַך. אזוי ווי אין פראַנקרייך רופט מען אים אָפּענבאַק, גראַמט וואגנער: — "זשאַק פאָן אָפּענבאַק / קראַק, קראַק, קראַק". (פלאָץ, אויף פראַנצויזיש). וואַגנער טשעפּעט אויך מיט א פראַנצויזישן מוזיקער פון 17־טן י.ה. וואָס, מיט א פּאָעט פון זיין צייט, האָט ער געשא פן די ערשטע אָפּערע אויף פראַנצויזיש. וואָס פאַר אַ טענה האָט געקענט האָבן צו זיי וואַגנער, ווייסט איין ליבער גאָט אין הימל. שטאַרק נישט צום האַרצן איז וואַגנערן די רעפּובליק, דער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם, די פּרעסע־פרייהייט וכדומה. דאָס אַלץ איז לויט אים מער נישט, ווי אַ יידיש שפּיצל צו קאָרומפּירן די פעלקער. לאָזט ער זיך ווילגיין. אָט מאַרשירט אין זיין פאַרס די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע צום ריטעם פון אַזא ליד: — "רעפּובליק! רעפּובליק, רעפּובליק, בליק, בליק / רעפּובעל, פּובעל, פּופּובעל, בליק" (פּובעל — אויף פראַנצויזיש, אַ מיסט=קאַסטן). בסוף פון זיין פאַרסעלע מאַכט זיך וואַגנער לוסטיק פון זיינע אייגענע לאַנדסלייט, וועלכע פאַלן כורעים פאַר דער פראַנצויזישער אָפּערעטע (געמיינט אָפּענבאַכס מוזיק). פון זיין דיכטערישן "שעדעווער" האָט וואַגנער געוואָלט מאַכן אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע, אָבער אָן זיך אַליין מטמא צו זיין. ער האָט דאָס פאַרגעלייגט זיינעם אַ

תלמיד, דעם דיריגענט האַנס ריכטער (אגב אַ האַלבער ייד); ריכטער האָט די פּראָפּאָזיציע אָפּגעוואָרפן.

אַז דער דייטשישער גאון הנגינה חלומט צו פאַרברענען פּאַריז, האָט מען אין יענע יאָרן וויסן נישט געקענט. דאָס האָבן פאָרשער מגלה געווען אין אונזערע צייטן. "די קאַפּיטולאַציע" אָבער, איז שנעל דערגאַנגען צו די אויערן פון פראַנקרייך און ארויסגערופן קעגן וואַגנערן אַ שטורעם. אַפילו די פראַנצויזישע חסידים האָבן זיך געפונען באַליידיקט. אוודאי; די היימישע שאָוויניסטן אין פּאַריז, די וואָס האָבן געזוכט נאָך דער מפּלה אין סעדאַן אַ רעוואַנזש קעגן דייטשלאַנד, זיי האָבן שוין געזאָרגט אַז די אַנטי־וואַגנער אַטמאָספער זאָל האָבן אַ פּנים...

למען האמת, — וואַגנערן האָט מען אין פראַנקרייך אויף די הענט קיין מאָל נישט געטראָגן. זיין מוזיק האָט מען אין פּאַריז, גענוי ווי אין דייטשלאַנד, געהאַלטן פאַר לאַנגווייליק, ווייניק מעלאָדיש; אַ טענה האָט מען געהאַט, אַז זי צעשרויפּט דעם קאָפּ און צערייסט די אויערן. וואַגנערס קונסט איז נישט געווען נאָך אויף דער צייט. ער האָט געהאַט דעריבער קעגנער פון זיין מוזיקאַלישן געשמאַק.

נאָך דער מעשה "קאַפּיטולאַציע" האָט וואַגנער אין פראַנקרייך באַקומען שונאים — דם־שונאים, וואָס האָבן אים פאַרשאָלטן דאָס געביין מיט די יאָרן; און דאָס אין אַלע קרייזן. אַ בריוו פון זשאָרזש ביזע, דעם שעפער פון דער אָפּערע "קאַרמען", געשריבן צו אַ נאָנטן מענטשן, זאָגט עדות וועגן דער דעמאָלטדיקער אַטמאָספער. אויפן פאָרוואורף ווי קען ער זיין אַ פריינדפון וואַגנערן, ענטפערט דער פראַנצויז: "איך בין נישט זיינער אַ פריינד און כ'שעץ אים גאַנץ קנאַפּ. כ'קען אָבער נישט פאַרגעסן דעם ריזן־פאַרגעניגן וואָס איך האָב צו פאַרדאַנקען דעם געניאַלן נאָוואַטאָר. זיין מוזיק איז אומדעפינירבאַר". נאָכן שילדערן די מעלות פון וואַגנערס מוזיק, פאַרענדיקט ביזע: "וואַגנער איז אזוי אַראָגאַנט, אַז קריטיק רירט נישט זיין האַרץ — קלאָר — אויב ער פאַרמאָגט אַזעלכעס. איך פערזענלעך גלויב נישט, אַז ער האָט אַ האַרץ". ("צייטשריפט פיר מוזיק" מיינץ, 1950; ציטירט פון "וואַגנער" — דאָקומענטאַרע שטודיע).

הכלל, דער פאַריזער מעלאָמאַן, וואָס האָט וואַגנערן פאַרציגן אַ שטריק איבערן האַלדז, איז נישט געווען חסר דעה...

2

אויב האָט דער פראַנצויז געהאַט סיבות גענוג צו שיקן וואַגנערן אויף דער תליה, האָבן דאָס על אחת כמה וכמה יידן. ריכאַרד וואַגנער, ווייסט די וועלט, איז געווען אַ שונא־ישראל, אבער אַלץ הייסט אַ שונא־ישראל? ! ער האָט פיינט געהאַט דאָס יידישע פאָלק; ער האָט פיינט געהאַט דעם פשוטן ייד, גלייך ווי דעם געבילדעטן, דעם רעליגיעזן, ווי דעם פריידענקער; דעם ייד, וואָס האָט געוואָלט זיך האַלטן ביי זיין שטאַם־אָנגעהעריקייט, גענוי ווי יענעם, וואָס האָט געוואָלט זיך אַסימילירן, אָדער שמדן, אויסמישן זיך מיט דער קריסטלעכער סביבה און ווערן אַ פאָלנער דייטש. יעדן ייד, אָן אויסנאַם, האָט וואַגנער פיינט געהאַט. אפשטאַמיקע אַפילו פון יידן האָט ער אויף די אויגן נישט געלאָזט, געזאָגט, אַז זיי זענען פאַרשטעלטע יידן. ער איז געווען אַ שונא דער יידישער רעליגיע, דער יידיש־קולטורעלער ירושה, דעם תנ"ך, דעם תלמוד; אַלץ וואָס פאַרמאָגט דעם ניצוץ פון יידישקייט, פון יידישע ווערטן, האָט וואַגנער פיינט געהאַט בתכלית השינאה! ער איז געווען אַ שונא דער קריסטלעכער קירכע, ווייל איר שורש שטעקט אין יידישקייט. "די יודאַיזאַציע — האָט ער געזאָגט — האָט קאָרומפּירט דאָס קריסטנטום". די קריסטלעכע ציוויליזאַציע איז אַ נעגאַטיווע, ווייל פאַרפּלייצט און אויסגעקרימט האָט זי דער

"יודאַישער פּרינציפּ", דער אָ "פּרינציפּ" איז די עיקר סיבה פון דער ירידה און מפּלה פון דער מענטשהייט; דער "יודאַישער פּרינציפּ" איז דער "סם" וואָס טוט אוועקהרגענען יעדע אמתע קולטור. דערווידער איז וואַגנערן יעטוועדער יידישער ביישטייער צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

קוקט אריין אין טאָגבוך פון קאָזימאַ וואַגנער וועט איר נבהל ונשתומם ווערן, ווי די שנאה פלאַקערט דאָרט מיט אש להבה צו יידן! נישט פּאַראַן, ביי די וואַגנערס, אַ טאָג אין דער וואָך מען זאָל דעם ייד נישט נעמען אויף די ציין. עפּעס איז ריכאַרד וואַגנער סתם אַ רשע ומרושע. אים שטעכט, ווען ער זעט יום־טובדיק אָנגעטאָענע יידן גיין אין שול אריין. ער זאָגט, אז ער וואָלט פאַרווערט יידישע יומים־טובים צו פייערן, ווייל אין די דאָזיקע טעג פאַרמאַכן יידן די קראָמען און זאָגן אָפּ צו פאַרקויפן סחורות צו קריסטן. ער וואָלט פאַרמאַכט "די חוצפּהדיקע שולן און סינאַגאָגעס". ("זשורנאל", ב.3,ז.670־669).

וואָלט כאָטש די יידן־שנאה ביי וואַגנערן געווען אַ פּריוואַטער ענין, וואָלט ער זיין אַנטיסעמיטיזם נישט אַרויסאַנטפּלעקט אין דרויסן, נישט געמאַכט פון אים אַ קאַמפּס־פאָן, וואָלט די צרה נישט געווען אַזוי גרויס. ריכאַרד וואַגנער איז אָבער אַ חוטא ומחטיא את הרבים, ער איז אַ קעמפּערישער אַנטיסעמיט; זיין פּעדער האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַ מכשיר סם צו פאַרשפּרייטן, פון זיין יידן־שנאה האָט ער געמאַכט אַ שיטה. פון דער אָ פאַרסמטער שיטה איז ער געוואָרן דער פאָן־טרעגער, דער מליץ־יושר! "די דעקאַדענץ פון אונזער קולטור — פּרעדיקט וואַגנער — איז אַ פּועל־יוצא פון איינפלוס, וואָס יידן ווירקן אויס אויף אונזער גייסטיק לעבן". "יידן — האַלט וואַגנער — וועלן קיין מאָל זיך נישט ענדערן" (דאָרט,ב.3.ז.107).

זיי זענען די "אמתע פעסט" פון דער מענטשהייט; יידישקייט איז די גאַנגרענע, וואָס מאַכט חרוב די ציוויליזאַציע, דעריבער וויל וואַגנער פּטור ווערן פון יידן, "ווי פון וואַנצן" מען ווערט פּטור, קעגן וועלכע ס'איז קיין הילף ניִשטא (דארט ב.3,ז.489).

דער דייטשישער מוזיק גאון, דער פילאָזאָף, איז געגאַנגען אין די פוס־טריט פון די המנס און עמלקס, וואָס אין זייער שנאה צו יידן און יידישקייט, האָבן זיי דעם יידישן מענטש עוקר מן השורש זיין געוואָלט! וואַגנער קען אין דער הינזיכט באַטראַכט ווערן, ווי דער מבשר און רבי פון היטלער י"ש וזכרו! "אונטערגאנג!" — מיט אַזאַ וואָרט־אויסשאַל שליסט וואַגנער זיין "יודנטום אין דער מוזיק", אט דאָס איז די פּערספּעקטיוו וואָס ער טראָגט אונטער דעם ייד! מפורשים האָבן פּרובירט, און פּרובירן כסדר, אינטערפּרעטירן, מאַכן צו קליין געלט דאָס שוידערלעכע וואָרט: — נישט דאָס האָט ער געמיינט, וואַגנער; מאַלע וואָס מען כאַפּט זיך אַרוים מיט אַ וואָרט פון מויל... וואַגנער האָט אָבער שוין גאַנץ גוט געמיינט: — "דאָס ברוטאַלע פּטור ווערן פון פרעמדן משחיתדיקן עלעמענט (ד.ה.—יידן) איז אַ פראַגע בלויז פון פּראַקטישע מיטלען, — דערקלערט דער מוזיקער־פילאָזאָף אין זיינס אַ שפּעטערע שריפט — נויטיק דערצו וואָלט געווען אַ סאָרט ענערגיע, וואָס מיר איז זי אומבאַקאַנט".

אוודאי, — די טעכנאָלאָגיע בימי וואַגנער איז ווייט נישט אויף דער מדרגה פון דער פון בימי אוישוויץ. דער פילאָזאָף וואַגנער האַלט אָבער שטאַרק פון טהרה דורך פייער. מיט א טהרה בראַנד פאַרענדיקט ער דעם "רינגפון ניבעלונגען" — דעם ציקל פון מוזיקאַלישע דראַמעס אויף דער גערמאַנישער מיטאָלאָגיע אויסגעבויט; אמת, דער מחבר האָט די מיטאָלאָגישע טעמעס דאָך צוגעפּראַוועט

אויף זיין שטייגער בכדי אויסצורייפן אַ סימבאָליש בילד פון מענטשלעכן לעבן אונטער דער תקיפתדיקער ממשלה פון געלט. מיטן בראַנד פון וואַלהאַל, די רעזידענץ פון די געטער, עפנט זיך, לויטן מוזיקער, אַ שפּאָגל נייע תקופה. נאָך דער פייער־טהרה וועט קומען איצט די ישועה פאַרן מענטשלעכן מין. ס׳וועט קומען די גואלדיקע געשטאַלט פון אַ זיגפריד, דער רעפּרעזענטאַנט פון "שטאַרקן און שיינעם מענטש" — דער "כריסטוס פון דייטשן פאָלק" — און ער וועט דערלאַנגען דאָס אייביקע גליק דער מענטשהייט.

וואָס וויל וואַגנער אייגנטלעך זאָגן מיט דער מעשה פון "רינג"? אנהייב 1881 באַשעפטיקט דעם וואַגנער פּאָרל די ראַסן=טעאָריע פון זייער נייעם פריינד, דעם פראַנצויזישן גראַף גאָבינאָ. אָט די ראַסן=טעאָריע ברענגט אַרויף דעם מוזיקער אויף זיין "ניבעלונגען־רינג", וואָס ער פאַרענדיקט מיט "חורבן און אונטערגאַנג". נאָטירט קאָזימאַ אין איר טאָגבוך אזוי: "ריכאַרד איז ממש מלא שמחה, וואָס ער האָט געגעבן אין "רינג" אַ פולקאָם בילד פון דער פאַרשאָלטענער געלט=תאווה, און דער ירידה מיט איר פאַרבונדן... ער באדויערט נאָר, פאַרוואס ער האָט אין זיינע פּאָעמעס (פון "רינג") אַ שטאַרקערן אַקצענט נישט געלייגט אויפן משמעות פון גאָלד בשייכות צום אונטערגאַנג פון אַ ראַסע."

"אונטערגאָנג פון אַ ראַסע"... "פאַרשאָלטענע געלט=תאווה" — אינטערעסאנט, וועלכע ראַסע, אַ שטייגער קען דאָ וואַגנער מיינען? פאַראַן מפורשים, וואָס טייטשן דעם בראַנד פון וואַלהאַלא, ווי דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם. האַרטמוט זשיעלינסקי, דער וואַגנער פאָרשער, האָט אַ צווייטע דעה; ער שטיצט זי אויפן פאַרגלייך פון קאָזימאַס שורות אין איר טאָגבוך מיט וואַגנער דיבורים וועגן גאָלד און "רינג" אין זיין בראָשור "דערקען זיך אַליין" (געשריבן אין זעלבן יאָר 1881). זשיעלינסקי קומט בסוף צו דער מסקנה, אַז מיטן בראַנד פון וואַלהאַלאַ מיינט נישט ריכאַרד וואַגנער דעם קאַפּיטאַליזם און נישט דעם אימפּעריאַליזם, אלא גאַנץ פּשוט — ער מיינט דעם אונטערגאנג פון יידן. (האַרטמוט זשיעלינסקי, "די פייער קוראַציע פון ריכאַרד וואַגנער" אין "מוזיק־קאָנצעפּטע", יולי 1978 מינכן,ז.93) אגב, האָבן שוין געוויסע וואַגנער קאמענטאַטאָרן, צווישן זיי דער דייטש־יידישער פילאָזאָף, טעאָדאָר אַדאָרנאָ, פון לאַנג באַמערקט, אַז די "ניבעלונגען" — העלדן — אַלבעריך (ער גנבעט דאָס גאָלד פון רהיין) און זיין ברודער מים — זענען פּשוטע "קאַריקאטורן פון יידן", ד.ה. אַלבעריך סימבאָליזירט דעם בערזע־ייד און מים, דעם ייד פון געטאָ. דער קאָמפּאזיטאָר האָט זיי ביידע געשטאַלטיקט, ווי פּידישע קריפּלען מיט כאַראַקטער=שטריכן וואָס ער וויל דווקא צושרייבן דעם יידישן מענטש.

אין דעם לעצטן באַנד פון קאָזימאַס טאָגבוך איז פאַראַן אַ געשיכטע, באַקרעפטיקט זי האַרטמוט זשיעלינסקיס פּירוש אויף דעם "אונטערגאַנג פון אַ ראַסע". אָט איז די מעשה: אין דעצעמבער 1881 איז אין דער שטאָט ווין געוועז אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. אינעם רינג־טעאַטער, ווו מ׳האָט געשטעלט צום ערשטן מאָל אין שטאָט אָפענבאַכס אָפּערע "די האָפמאַן דערציילונגען", איז ביים אָנהויב פאָרשטעלונג אויסגעבראָכן אַ שריפה און אַריבער 400 מענטשן זענען אומגעקומען. דאָס האָט בשעתו געמאַכט אַ זעלטענעם רושם אויף דער וועלט; מען האָט וועגן דעם גערעדט און גערעדט.

צו יענער צייט ווינען די וואַגנערס אין ביירויט, אין דער לוקסוס=ווילע "וואַהנפריד", נעבן דעם ספּעציעל אויסגעבויטן טעאַטער פאַר די פעסטיוואַלן. אַז די טרויעריקע נייעס איז

דערגאַנגען צו "וואַהנפריד", שטענדיק אַ באַלאַגערטע מיט געסט, דער עיקר יונגע חסידים זשעדנע נאָך אַ וואָרט תורה צו הערן פון זייער רבינס מויל, האָט מען אויך דאָרט וועגן דער שריפה גערעדט און גערעדט. איין ריכאַרד וואַגנער בלויז האָט געשוויגן, ווי אַ פיש! איז מען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זאָגן עפּעס א וואָרט. דער מוזיקער האָט צוגעוואָרפן אַ פּאָר מיסטעריעזע ווערטער: "די ליידיקגייערס דאָרט, וואָס קריכן אין אַזא סאָרט טעאַטער..." און פּאַרטיק. דעם רבינס רייד, אַ סברה, האָבן נישט באַפרידיקט, ווייל אַ טאָג־צוויי שפּעטער האָט מען אויף ס'ניי וואַגנערן געפרעגט, — וואָס זאָגט ער צו דער שריפה אין ווין? דאָ האָט אים שוין די מעשה פאַרדראָסן; ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיין פרוי קאָזימא, — נאָך וואָס שטייט מען צו אים כסדר צו מיט אַן ענין, וואָס גייט אים אָן, ווי דער פאַר אַ יאָריקער שניי. טאָמער קענסטו וויסן, אַן עולם ליידיקגייערס לויפט אין טעאַטער אַריין זען אַ מאַכערייקע פון ייד אָפענבאַך, פאַר א גראָשן איז נישט צו געפונען דאָרט קיין מאָראַלישע דערהויבנקייט — זאָל ער זיך מיט זייער אומגליק איבערנעמען?... קאָזימאַ האָבן די דאָזיקע רייד נישט געפאָלן. צומאָרגנס האָט זי מיט איר מאַן ווידער אַ מאָל וועגן דער שריפה גערעדט: — ס'איז דאָך געוועזן אַן אומגליק, אַז הימל עפן זיך! פון אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָט וואַגנער גענומען פייערן אויף יידן, גלייך ווי יידן וואָלטן עפּעס שולדיק געוועזן דערביי. אָט יידישע חוצפה — זי איז אין לשער! בעת דער לעצטער פאָרשטעלונג פון "נאַטאַן דער ווייזע" לעסינגס, האָט אַ איזראַעליט נאָך דער רעפּליק: — "דער קריסט איז אויך געוועזן אַ ייד!" — אַ חוצפה געהאַט צו טאָן אַ געשריי: — "בראַוואָ!" אַזא אומפאַרשעמטקייט. אין זאָל זענען זיכער געוועזן א 400 יידן און 500 געשמדטע... דאָס געשפּרעך איז אַריבער אויף לעסינגן. וואַגנערן געפעלט נישט די פאַבולע פון "נאַטאַן דער ווייזע" — זי איז זייער פלאַך. די פּיעסע שיינט קאָזימאַ צו האָבן דאָך אַן אַספּעקט פון אַן אָריגינעלן דייטשישן הומאַניזם. — "אָבער אָן שום טיפקייט" — ענטפערט וואַגנער. לעסינג טוט אים בפירוש אויפרעגן, און ער נעמט וועבן אַ שנאת־ישראל מעלאָדיע. דער מוזיקער פאַרגייט אין אַ קרעשענדאָ, ער שטייגט העכער און העכער ביז ער דערלאַנגט צום פינאַלן אַקאָרד: ער וואָלט זאָגט ער — געהאַט אַ גוטן רעיון, ווי אַזוי פּטור צו ווערן אין גאַנצן פון יידן. למשל? — ער וואָלט צונויפגענומען אַלע יידן אויף אַ פאָרשטעלונג פון "נאַטאַן דער ווייזע", אונטערגעצונדן דאָס טעאַטער און... געענדיקט מיט דער "אמתער פעסט"... קאָזימאַ נאָטירט אין איר טאָגבוך, אַז וואַגנער האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט אין פאָרם פון אַ וויץ. ("זשורנאַל",ב.4,ז.223־215).

ווי באַקאַנט, איז קאָזימאַ אַליין אויך ווייט געווען פון אהבת ישראל. זי איז אויף די אַלטע יאָרן אַן ענטוזיאַסטישע פריינדן פון היטלערן געוואָרן; און דאָך — ווען מען לייענט די שורות מכוח ריכאַרד וואַגנערס "וויץ" פילט מען, אַז איר האַנט האָט אַ ציטער געגעבן ביים שרייבן. זעכציק יאָר פאַר אוישוויץ האָט אין וואַגנערס קאָפּ זיך געפלאָנטערט עפּעס אַזעלכעס פאַר יידן!...

*

"ווען מען גלויבט נישט מער, אַז איין מענטש האָט דעם ווערט פון אַ צווייטן, קען דאָס סוף־כל־סוף פירן צום אויסראָטן מענטשן, ווי מייז, און אפילו צום וויסטן שגעון פון אַ האָלאָקאַסט." (דער פּראָקוראָר פון באַרבי־פּראָצעס אין ליאָן, — בעת אַן אינטערוויו.)

חיים קעניגער / פאַריז

# לידער

## רויטע פייערן

דאָס בלוט פליסט אין אינגעווייד
ווו דער ווײַן צייטיקט צווישן שטיינער,
און פילט אָן מיט שוים דאָס גלאָז
דאָרט, ווו די צייט שרימפּט איין.

די רוימען וואָס אַרבן די זון
האָבן געצייטיקט דעם ווײַנשטאָק
און געשניטן די טרויבן
אין אייביקן זומער פאַרקופערט.

אין סוף פון ענדן...
ליגט דער שליסל פון קופער,
צווישן גראָזן וואָס שטאַרצן פון זאַמדן
און לייכטן ביי נאַכט מיט רויטע פייערן.

דער הימל פאַרשווענדט זיינע קאָלירן:
די בלוי איז נישט פאַר אונדז.
שוואַרץ, רויט און געל
זענען אונדזערע איינציקע קאָלירן
אויפן ראַנד פון אייביקן באַפעל.

## די לאַווע

דו וועסט זיין אין שטענדיקן ווערן
און שווענלן איבער שוועלן איבערשפּאַנען
אין דער שטיל, און הערן
ווי די כוואַליעס הייבן זיך און פאַלן.

ווען סע פינטלט דיין שטערן אין בייט
און דער פלאַם פון יאָרן ווערט הויל,
דו פילסט ווי ער פאַרגייט
ווי אַ וואָרט אין הויך פון מויל.

ווי דאָס האַרץ אין ליבע און געוויין,
אין אומרו — געפלאַטער
איז קיין מאָל נישט אַליין;
מיט אַ פלייצנדיקן קראַטער

די לאַווע אין פייער — וואָגן שטורעמט
די הייכן.
דער אויפברויז אין לעבן שטומט,
און צאָרן קען די הימלען דערגרייכן
בלויז אַ שפּליטער פון אַ רגע, און
פאַרשווינדט.

## מיין טפילה

מיט אַ צעפערטלט פּנים
צעטיילט זיך מיין וואָרט
מיט די סודות פון אין־סוף
אָפּגעשפּאָרט פון צייט.
זיי הענגען אויף אַ רויכערנדיקן קוימען
אין ליידיקע הייכן, אין רוים
פון פאַרגליווערטע קלאַנגען
און פליסן אין קאַראַהאַד פאַרווישט
ווו דער בליק דערגרייכט נישט.
די מינוטן צערייסן די ווייט
און די וואָלקנס נידערן אַראָפּ
געפּאַלמעסט אין לענג און ברייט.
זיי הענגען איבער מיין קאָפּ
און באַפרייען די שטילקייט
פון אויסגעליידיקטע רוימען
ווו מיין תפילה וויל דערגרייכן.

ישראל גובקין

# בערל דער דיכטערישער שערער און איך

## (פון די ניו־יאָרקער זיכרונות)

אַ טבע האָב איך, אַז ווען איך גיי פאַרביי אַ באַרבער־שאַפּ טו איך זיך אַ טאַפּ די האָר, טאָמער דאַרף איך זיך שערן. אויף קיין זאַך בין איך אַזוי נישט מקביד ווי אויף מיין פריזור, אַז סע זאָל זיין אין אָרדענונג, געשאָרן און פאַרקעמט ווי סע באַדאַרף צו זיין. קיין שום קריטישע באַמערקונג פון מיינע בני־בית אַרט מיך ניט אַזוי, ווי אַ באַמערקונג, אַז דער שערער האָט מיך געלאָזט גריסן... דאָס קען איך ניט פאַרטראָגן, און כדי אויסצומיידן איבעריקע עגמת־נפשן, האַלט איך מיינע האָר תמיד אויפן קאָפּ...

גיי איך מיר איין מאָל אַזוי אויף סעקאָנד עוועניו און דערזע אַנטקעגן בידערמאַנס באַרימט בוך־געשעפט אַ יידיש שילדל: "דאָ ווערט געגאָלט און געשאָרן" טו איך זיך אַ פיר מיט די פינגער אויפן קאָפּ, ביים נאַקן און די פאות, און כאָטש אַלץ איז געווען כמעט אין אָרדענונג, האָב איך באַשלאָסן צו לאָזן דעם שערער אַ שער טאָן. אַריינגעמאַניעט האָט מיך דאָס מאָל — ווי סע ווייזט אויס — דאָס שילדל מיטן ריינעם יידישן לשון, "געגאָלט" אנשטאָט "געשייווט", "געשאָרן" אנשטאָט "געגעבן אַ הערקאַט".

קום איך אַריין און דערזע פאַר זיך אַ קורצן, דראָטעוודיקן פאַרשוין; אַ קאָפּ גרויס אין פראָפּאָרץ צום דינעם גוף, און באַוואַקסן איז דער קאָפּ מיט געדיכטע, שוואַרצע, און ווי מיט אַ כיוון צעפּאַטלטע האָר; אַ ברייט קנאָכיק פנים, געגאָלט צו דער הויט, און ניט קוקנדיק אויף דער סמאַליענדיקער היץ, טראָגט מיין שערער אויף אַ ווייס אויבערהעמד אַ ברייטן צעפליגלטן שוואַרצן קראַוואַט ווי קינסטלער און פּאָעטן, אָדער מענטשן מיט פּרעטענציעס אויף קונסט און פּאָעזיע פלעגן טראָגן אין יענע יאָרן.

— העלאָ — באַגריס איך.

— אַ גאָט העלף — ענטפערט ער — וואָס זאָגט איר גוטס?

בין איך שוין אַצינד זיכער, אַז דאָ שטייט פאַר מיר ניט סתם אַ שערער, נאָר אַ ייד מיט פּרעטענציעס, וואָס איז נאָך דערצו אַ פּיוריסט, אַ שטאַרקער מכפיד אויף דער ריינקייט פון יידישן לשון. טו איך אַ זאָג:

זייט מוחל און שערט מיר צו די האָר, איך דאַרף גיין צו אַ באַנקעט, מע דאַרף מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

— אַזוי, אַ באַנקעט? טאָ זעצט זיך, קיין סך צו טאָן, זע איך, איז ניטאָ אַרום אייך. נאָר לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק טאָן.

ער טוט מיר אַ דריי דעם קאָפּ, אַהער, אַהין, אַרויף, אַראָפּ, דאָס שערל קליקט שוין, און מיין שערער צערעדט זיך:

— אַ באַנקעט? פאַר וועמען? מסתמא פאַר אַ טוער, אַ חשובן מענטשן, האַ? מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו רעדן? דאָס מאַכט מען פאַר אייך דעם באַנקעט? ווער זענט איר?

— ניין, — ענטפער איך — ניט איך בין דער בעל־הבאַנקעט; איך בין פאַרבעטן אויף אַ באַנקעט.

— לכבוד וועמען?

— לכבוד לייוויקן. איר ווייסט מן־הסתם ווער דאָס איז.

צי איך ווייס ווער דאָס איז? איר מיינט אוודאי לייוויקן, דעם אזוי גערופענעם יידישן דיכטער.

— יאָ — טו איך זיך אַ היץ — וואָס מיינט איר "דעם אזוי גערופענעם"? און פאַרוואָס אַזאַ גרינגשעצונג? ער איז דאָך איינער פון אונדזערע גרעסטע דיכטער. יידן און גויים צוגלייך האַלטן דאָך פון אים אַ וועלט!

דאָ איז דאָס שערל אויף מיין קאָפּ ראַפּטאָם געבליבן שטיין, און אין דושנעם, שמאָלן, לאַנגן באַרבער־שאַפּ האָט זיך אַ קייקל געטאָן א פאַרשפּיצטער הילכיקער כאַ־כאַ — כאַ.

— מאַכט זיך ניט צו לייטיש געלעכטער. לייוויק, אַ דיכטער? און פון די גרעסטע דערצו? ווער האָט עס אייך אָנגעפּאָמפּעט? די צייטונגען? שמואל ניגער פון "טאָג"? ד"ר מוקדוני וואָס פּליוכעט אין שומר־שבתדיקן "מאָרגן־זשורנאַל" און לויפט האַלטן דרשות אויף סטאַליניסטישע אסיפות? ווער נאָך? אפשר די אָן־קוצדיקע, פּריש געבאַקענע גדולים פון "אינזיך" און "אויפקום" וואָס פאַרשטייען נעבעך אַליין ניט וואָס זיי שרייבן; צי די כאָפּטע קאַליקעס פון "שיקאַגע"?

— הערט, יונגער פריינט — זעצט ער אָן אַן אויפהער ווי אַ צעפּלאָמטער לאָקאָמאָטיוו — ווען איר וואָלט געוווּסט וואָס סע טוט זיך הינטער די קוליסן פון דער יידישער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור, פאַרוואָס מע דרוקט און פאַרוואָס מע דרוקט ניט, וואָלט איר פון לייוויקן ניט געהאַלטן, און וואָלט צו זיינע באַנקעטן ניט געלאָפן. אויך מיר אַ דיכטער! און פון די גרעסטע נאָך דערצו! אַז בסך־הכל איז ער פון ליטעראַריש פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט טראַנסצענדענט אַל פּיקטיוו, און ניט מער; וואָלט ער געווען טראַנסצענדענטאַל רעאַל, אָדער אַפילו רעלאַטיוו, וואָלט זיין פּאָעזיע געווען צו דערליידן. ווי ער איז, באַטרעפן זיינע שאַפונגען זייער ווייניק, כמעט גאָרנישט, אַקוראַט ווי...

— טראַנסצענדעטאַל פּיקטיוו — שלאָג איך אים איבער — וואָס מיינט עס? פאַרטייטשט מיר, איך בעט אייך, די פּאָר ווערטער אויף יידיש, אויף מאַמע־לשון.

— פאַרטייטשן אייך די פּאָר ווערטער? אַ שווערע הלכה, מיין פריינד. ס'איז אַ טעמע פאַר אַ לענגערן רעפעראַט איבער פילאָזאָפיע, עסטעטיק און דיכטערישער קונסט, אָבער ניט איצט; אַן אַנדערש מאָל, אַן אַנדערש מאָל. ס'איז צו הייס און, איר זעט דאָך, קונדן וואַרטן. כ'מוז פאַרטיק ווערן מיט אייך וואָס גיכער. נאָר אויב איר ווילט קריגן אַ באגריף פון דיכטונג, אמתע, ריינע, קלאָרע פּאָעזיע, טאָ הערט זיך אָקאָרשט צו; שלאָגט מיר נאָר ניט איבער מיט בראַוואָ פּאַטשעריי, ס'איז מיין אייגנס...

דאָ האָט ער ווויליונגעריש אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט איבער זיינע פּעך־שוואַרצע האָר; אַוועקגעשטעלט זיך אין אַן אַקטיאָרישער פּאָזע מיטן פּנים צו די קונדן, געטאָן אַ פאַרשטיקט הוסטעלע, און אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

אין די וועלדער,
אויף די פעלדער,
איז מחיהדיק קיל.
אין האָטעלן
און אויף די וועלן
פארברענגען מענטשן פיל.
נאָר אין שטאָט איז גיהנום־הייס,
מע גייט אָפּ אין טייכן שווייס;
און איך, דיכטער בערל,
מוז שטיין מיטן שערל
און גאָלן און שערן,
אַזש צעפּענקעט צו ווערן!
אין די וועלדער,
אויף די פעלדער — — —

מער האָב איך ניט געהערט. ס'האָט מיר גענומען זעצן ביי די שלייפן און שווינדלען פאַר די אויגן. כ'האָב זיך אַ וואַקל געטאָן אויפן שטול און געחלשט.

משה כהן

# איין יאָר ארבעט
## פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב

נאָך אַ יאָר אינטענסיווער אַרבעט פונעם לאָס־אנדזשעלעסער יידישן קולטור=קלוב איז דעם 11־טן יוני ד.י. פאָרגעקומען דער פייערלעכער שלוס־אָוונט. דער גרויסער עולם מיטגלידער און פריינד פונעם קלוב האָט פאַרבראַכט עטלעכע שעה אין אַ געמיטלעכער שטימונג, ביי אַ גלעזל ווייַן און אַ מאָלצייט. דאָס מאָל איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ זאַמל־אַקציע פאַרן קלוב. אויפן רוף פון נתן גראָוויטש האָט דער עולם זיך אָפּגערופן מיט אַ ברייטער האַנט.

דעם באַריכט פון אַ יאָר טעטיקייט האָט אָפּגעגעבן דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון קלוב משה כהן. ווייטער ברענגען מיר דעם טעקסט פונעם באַריכט.

חשובע מיטגלידער און פריינד:

דער היינטיקער באַנקעט איז צום שלוס פון אַ יאָר טעטיקייט פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב. דער אויסדרוק "שלוס" רעדט זיך אַרויס אזוי פשוט און גלאַטיק פונקט ווי עס וואָלט געווען פון די סאַמע לייכטסטע און איינפאַכסטע אויפגאַבן צוצוקומען אָדער צו דערגרייכן אים. איך וויל קיינעם נישט מצער זיין דורך אויסמאָלן די חבלי־לידה וואָס מיר האָבן אויסצושטיין ביז מען גרייט צו אַ פּראָגראַם אַפילו פאַר בלויז איין אָוונט. דעריבער האָט נישט קיין פאַריבל ווען איך זאָג, אַז די קליינע צאָל טוער קוקן אויס אויף דעם שלוס אוונט ווי אַ פרומער ייד קוקט אויס אויף משיחן... און טראָץ אלע שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט אַ פיינעם סעזאָן מיט גאָר וויכטיקע און שיינע אונטערנעמונגען.

ווי יעדעס יאָר פאַרנעמען געזעלשאפטלעכע טעמעס אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער פּראָגראַם. ס'זענען אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן, באַגלייט מיט דיסקוסיעס, די פאָלגנדיקע לעקטאָרן: **נתן גראָוויטש** — וועגן פּראָבלעמען וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער יערלעכער קאָנפערענץ פון די פעדעראַציעס פון די שטאַטן און קאַנאַדע. וועגן דעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים אין דעצעמבער 1987 האָט גערעדט **בערנאַרד וויסבערג**, דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע. **ד"ר עמיל יאָקאָבי**, דירעקטאָר פון דער ביוראָ פון יידישער דערציונג, האָט רעפערירט וועגן די דערגרייכונגען במשך 50 יאָר עקזיסטענץ פון דער ביוראָ — און אַ קוק אויף דער צוקונפט. אין פאַרבינדונג מיט דעם באַזוך פונעם פויפּסט אין לאָס־אנדזשעלעס האָט דער פיינער לערער און לעקטאָר **מנחם קאַרסאָן** גערעדט וועגן יידיש־קריסטלעכע באַציונגען אַמאָל און היינט.

ס'איז נאַטירלעך, אז דער קלוב זאָל אָפּצייכענען יידישע **יום־טובים און געדענק=טעג**. **שרה ליינער**, די פיינע מלומדת און אויסטייטשערן האָט רעפערירט וועגן **שבת אין אונדזער לעבן — אַ מאָל און היינט**. עס איז געווען אַ לעקציע לכבוד דעם אָנדערק פון דוד שרגא ז"ל, אַ פירנדיקער מיטגליד פון קולטור־קלוב און ציוניסטישן אַרבעטער־

פאַרבאַנד. מיר האָבן אויך געהערט אירס אַ צווייטע גאָר אינטערעסאַנטע לעקציע וועגן פסח. (אגב, שרה ליינער האָט אונדז מזכה געווען מיט אַ נייעם בוך וועגן יומים־טובים. אין קומענדיקן סעזאָן וועלן מיר אויף אַ פייערלעכן אופן אַראַנזשירן אַ באַזונדערן אָוונט וועגן דעם בוך).

אויף אַ חנוכה־אָוונט איז אויפגעטראָטן דער געשולטער פּאָרלייענער מאָטל הורוויץ מיט אַ ריי ליטעראַרישע פראַגמענטן וועגן דעם יום־טוב. זייער איינדרוקספול איז געווען דער פּראָגראַם לכבוד יום השואה און הגבורה — אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע יידן — אונטערן פאָרזיץ פון צבי הירש. ס׳ האָבן זיך באַטייליקט דער באַקאַנטער געזעלשאפטלעכער טוער נתן געראוויטש און דער פיינער רעציטאַטאָר יעקב לעווין. געווען אויך געזאַנג פון געטאָ־לידער מיט דער באגאבטער דאָראָטאַ סאַלאָמאָן ביי דער פּיאַנאָ. מיט אַ פיינעם אַריינפיר פון דעם פּאָרזיצער צבי הירש איז געפייערט געוואָרן דאָס 40־טע געבוירן־יאָר פון מדינת ישראל. לכבוד יום העצמאות זענען געוויזן געוואָרן צוויי פילמען וועגן מדינת ישראל, פול מיט איינדרוקספולע טענץ און געזאַנג.

יידישע ביכער און שרייבער פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין אונדזערע פּראָגראַמען. לילקע מייזנער, די פיינע ליטעראַטור־קענערן, איז אויפגעטראָטן ביי דריי אָוונטן: איינער, געווידמעט דער שרייבערן רחל קאַרן; אַ צווייטער, געווידמעט דעם ישראלדיקן מייסטער פון דער קורצער נאָוועלע אהרון אַפּלפעלד; אַ דריטער, געווידמעט רייזע איינדרוקן פון דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פונעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע. וועגן חיים גראַדעס דיכטונג האָט רעפערירט דער פּאָעט און רעדאַקטאָר פון "חשבון" משה שקליאַר. דער אָוונט איז אויך געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון זלמן שלאָסער ע"ה, וועגן וועמען לילקע מייזנער האָט געזאָגט אַ פּאָר רירנדיקע ווערטער. סערגיי נוטקעוויטש, דער וועטעראַן לעקטאר ביים קלוב, האָט גערעדט וועגן "ראָמאַנס פון יידישן פאָלקס־ליד". מיר באַדויערן שטאַרק וואָס צוליב געזונט־סיבות איז זיין באַטייליקונג היי־יאָר געווען באַגרענעצט. מיר ווינטשן אים יאָרן פון בעסערן געזונט.

"דער הומאניזם פון סאָל בעלאָ", וואָס האָט באקומען דעם נאָבל־פּרייז פאַר ליטעראַטור, איז געווען די טעמע פון מנחם קאַרסאָנס אינהאַלטרייכער לעקציע. הרב ד"ר זלמן יורי האָט פאָרגעזעצט זיין סעריע "גרויסע רעליגיעזע פערזענלעכקייטן". דאָס מאָל וועגן הרב משה פיינשטיין ז"ל, דעם אויטאָריטאַטיוון אויסטייטשער פון פּראָבלעמען פון מאָדערנעם פאַמיליע־לעבן לויט דער הלכה. "איינזאַמקייט און פרייד אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע" איז געווען די טעמע פון דזשענעט האַדאַ, פּראָפעסאָר פון יידיש אין יו.סי.על.עי. זי האָט באַהאַנדלט די טעמע אויף אַן אָריגינעלן אופן, ציטירנדיק פון אַ ריי דיכטער. ישראל גובקין, דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג, דיכטער און לעקטאָר האָט רעפערירט אויף דער טעמע "הומאָר און סאַטירע אין אונדזערע יום־טובים".

פּאָרלייענערס און רעציטאַטאָרן פאַרנעמען אַ גאָר חשובן פּלאַץ אין קלוב. באַשע וואַנאַמייקער האָט, ווי אין די לעצטע יאָרן, געעפנט דעם סעזאָן מיט אַ פּראַכטפולער דערציילונג פון אברהם קאַרפּינאָוויטש. ביי אַ צווייטן אָוונט האָט זי פּרעזענטירט אַ הומאָרעסקע פון משה נודלמאַן "כ׳בין אָלרייט — איך מאַך אַ לעבן", פון זיין בוך הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן פון אַ "גרינעם" אין אַמעריקע. יעקב לעווין, דער פּראַכטפולער רעציטאַטאָר, איז כמעט אַ פּנים חדשות אין אונדזער קלוב. אויף זיין ערשטן אויפטריט האָט ער פאָרגעלייענט פון בער י. ראָזענס "המשך קומט" און פון שלום

**עליכמס "ביים דאָקטאָר".** בעת זיין צווייטן אויפטריט האָט ער אויסגעשפּילט שמעון דזשיגאַנס **"יידישע געשעפטן"** און **שלום עליכמס "סטאַנציע באַראַנאָוויטש"**

די אַלע אויפטריטן זענען שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן פון אונדזער עולם.

מיט גרויס שמחה און יום־טובדיקייט האָבן מיר אויפגענומען אונדזערע געסט פון ניו־יאָרק און ישראל.

דעם 26־טן דעצעמבער 1987 האָבן מיר געהאַט אַ קבלת־פּנים פאַר דעם חשובן שרייבער פון ישראל **אברהם קאַרפּינאָוויטש**. זיין לעקציע האָט געטראָגן דעם נאָמען "מיין שטאָט ווילנע". ער איז באַגריסט געוואָרן פון דעם פּרעזידענט פון דער היגער אָרגאַניזאַציע "ווילנע און אומגעגנט" מאַקס באַלבער און פונעם פאָרזיצער פון קלוב. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אונדזער אַלעמענס דאַנק פאַר דער באַטייטיקער פינאַנציעלער הילף און קאָאָפּעראַציע מצד די היגע ווילנער. 140 פאַרזאַמלטע, צווישן זיי אַ קענטיקע צאָל ווילנער, האָבן אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס קאַרפּינאָוויטשעס גלענצנדיקן רעפעראַט וועגן דער שטאָט ווילנע און איר ביישטראָג צו דעם מאָדערנעם יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן. ביי דעם אָוונט איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן קאַרפּינאָוויטשעס ניי בוך וועגן ווילנע.

דער סאַמע גרעסטער עולם הייִנטיקס יאָר, איז געווען ביי אונדז דעם 6־טן פעברואַר 1988 בעתן אויפטריט פון דער באַרימטער אַקטריסע פון דער יידישער בינע **חייהלע אַש**. איר טעמע איז געווען "אַן איבערבליק פון יידישן הומאר", דורגעפלאָכטן מיט האַרציקע יידישע פאָלקס־חכמות, ווערטלעך און פאָלקס — מעשהלעך וואָס שפּיגלען אָפּ אלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן. דער עום האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער און וועט דעם אָוונט לאַנג געדענקען.

אויף צוויי אָוונטן, פעברואַר דעם13־טן און 20־טן האָבן מיר אויפגענומען, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם קלוב, דעם חשובן פּראָפעסאָר **איטשע גאָלדבערג**, רעדאַקטאָר פונעם חודש זשורנאַל "יידישע קולטור" און מחבר פון אַ בוך עסייען וואס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.ביידע לעקציעס — **"צו גאסט ביים זיידן"** — (צו מענדעלעס 150־טן געבוירן־יאָר — און **"די פּרווי אין דער יידישער ליטעראַטור"**, האָבן פאַרשאַפט אַ נחת־רוח די צוהערער. גאָלדבערגס רייכקייט פון געדאַנק און שפּראַך, זיין שאַרפער אַנאַליז, זיין ענטוזיאַזם און האַרציקייט איז געווען ווי פון אַ גוטן לערער לגבי תלמידים. דורך די צוויי אָוונטן האָט ער אונדז ארויסגעריסן פון דער טעגלעכער רוטין און אַריינגעפירט אין דעם ירושלים של מעלה.

אַראָפּברענגען פריינד איטשע גאָלדבערגן פון ניו־יאָרק אויף 10טעג איז געווען פאַרבונדן מיט באַטייטיקע הוצאות און דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער קאָאָרדינאַציע צווישן דעם קלוב און דעם היגן "איקוף" — קרייז מיטן דיכטער חיים שוואַרץ בראש, וועמען איך בין זייער דאַנקבאַר.

איך דאַרף נישט מאריך זיין וועגן דעם אויפטריט פון דער באַרימטער שוישפּילערן און רעציטאַטאָרין פון ישראל **הדסה קעסטין** מוצאי שבת, דעם 19־טן מערץ. פונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן האָט זי שטאַרק אויסגענומען מיט איר אויסוואַל און אינטערפּרעטאַציע פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע.

די מערסטע אויפטריטן פון לאָקאַלע לעקטאָרן זענען געווען באַגלייט פון געשולטע זינגערנס, צווישן זיי: **איזאַבעל קעץ**, באַגלייט פון **רעגינאַ ראָטמאַן** אויף דער פּיאַנאָ, **ריסע איגעלפעלד**, באַגלייט פון איר אַקאָרדיאָן, **ליליאַן ווילק**, **לעסיאַ בן־סאַסאָן** און דער טשעליסט

אַלעקסאַנדער רובינשטיין, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון זיין טאָכטער.

צום ערשטן מאָל זענען ביי אונדז אויפגעטראָטן צוויי מוזיקאַלישע גרופּן: דער כאָר פון "אַמעריקאַנס פאַר עי פּראָגרעסיוו איזראַעל — השומר הצעיר", דיריגירט פון ניצה נימאַן און די קלעזמער־גרופּע פון די פידלער דניאל סלאָסבערג דזשאַן גערעטקא — און צימבאַליסט סטואַרט ברוטמאַן. עס האָט זיך אויך באַטייליקט דער ניו־יאָרקער פידלער און זינגער מיכל אַלפּערט. ביידע אויפטריטן זענען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן און מיר האָבן איינגעלאַדן די "קלעזמער" צום קומענדיקן סעזאָן.

פון דעם אויבן געזאָגטן איז צו זען, אַז עס איז געווען אַ יאָר פון מוזיקאַלישע אינאָוואַציעס. אָבער מיר האָבן געהאַט צוויי הויכפּונקטן: דעם 16־טן יאַנואַר איז אויפגעטראָטן אביבה ראָזענבלום, די חזנטע פון "טעמפּל איזראַעל" און די טאָכטער פונעם חזן שמואל קליגפעלד. איר פּראָגראַם איז געווען אַן אָפּקלייב פון יידישע פאָלקס־לידער, ישראל־לידער, אַריעס פון קלאַסישע אָפּערעס און פון דער חזנישער קונסט. דער אויפטריט האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. גאָר דערהויבן איז געווען דער אָוונט פון 4־טן מאַי לכבוד יום־ירושלים. ס'איז אויפגעטראָטן דער כאָר פון דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט — דער איינציקער כאָר מחוץ ניו־יאָרק, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין לידער אין דער יידישער שפּראַך. דער כאָר פון 30 פרויען און מענער איז דיריגירט פון דער קאָמפּעטענטער מוזיקערין נאָרין גרין. דער כאָר האָט געזונגען 16 קאָמפּאָזיציעס, איינשליסנדיק עטלעכע לידער אין עברית וועגן ירושלים. אין צווישנצייט פון די צוויי טיילן פונעם פּראָגראַם האָט בעלאַ פּאַזי פּאַרגעלייענט איינדרוקספול אַ ליד פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו.

היינט אָוונט, ווי אין די לעצטע עטלעכע יאָר, וועט אויפטרעטן דער נתניה כאָר פון "נעמת" פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע אונטער דער לייטונג פון דער פיינער מוזיקערן ליליען ליבראַס. פּיאַנאָ אַקאָמפּאַניסטן איז די געשולטע דאָראָטי סעלאמאַן.

* * *

מיר האָבן לעצטן יאָר, דאָס הייסט זינט אָקטאָבער 1987,ווי יעדע אָרגאַניזאַציע וועמענס רוב באַשטייט פון עלטערע מענטשן, פאַרלאָרן אַ צאָל מיטגלידער, און צווישן זיי: סעם איידלמאַן, ז. בונין, אַ דיכטער וואָס איז אַ מאָל געווען סעקרעטאַר פון אונדזער קלוב און איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער, און רחל קליינבאַרד — אַ סך יאָרן געווען אַ געטרייע מיטגלידערין און איז פּלוצלינג אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען. מיר פאַרצייכענען די נעמען אין טיפן טרויער און מיטלייד צו זייערע משפחות.

גאָר באַזונדער וויל איך זיך אָפּשטעלן אויפן פאַרלוסט פון שלמה צוקערמאַן ז"ל, וועמענס זיכרון דער קלוב האָט געווידמעט דעם אָוונט פון 21־טן נאָוועמבער 1987. די אָנטייל נעמער זענען געווען: דער פאָרזיצער פון קלוב, סערגיי נוטקעוויטש, בעלאַ פּאַזי, לואיס סענסיב, אַן איידעם פון שלמהן, און דאָס אייניקל רות זייד, וועלכע האָט געזונגען אַ צאָל לידער באַליבטע פון איר זיידן. אַלעקס ראָבין ז"ל, דער פריערדיקער פאָרזיצער פון קלוב, האָט א מאָל געזאָגט: "שלמה איז געווען אַ זייל פון דעם קלוב — זיין גוף און נשמה. שלמה איז אַזוי אידענטיפיצירט מיט דעם קלוב, אַז מ'רעדט אַרויס צוקערמאַן און קלוב בנשימה אחת". דער אודיטאָריום ווו מיר טרעפן זיך יעדן מוצאי־שבת, איז די פּרוכט פון זיין טאַלאַנט, זיין אַרבעט און איבערגעגעבנקייט, און איז דער שענצטער מאָנומענט וואָס אַ מענטש קאָן איבערלאָזן פאַר קולטור געניסער.

לסוף אַ פּאָר וויכטיקע טעכנישע ענינים.

ווי גוט אָדער שלעכט איז דער באַזוך ביי אונדזערע אָוונטן? דער קלענסטער באַזוך, ווען ס׳האָט גערעגנט, איז געווען 41 (ביי הרב יוריס אַ לעקציע); דער גרעסטער — 156, ביי דעם אויפטריט פון חייהלע אַש. דער דורכשניט באַזוך איז געווען 89.

וואָס איז די צאָל פון אונדזער מיטגלידערשאַפט? אַן ערך 140 — 145, כמעט די זעלבע צאָל פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. עס שטאַרבן דאָך יעדעס יאָר אַ צאָל מיטגלידער, טאָ ווי דערקלערט זיך עס? פשוט — ס׳קומען צו נייע מענטשן. דאָס באַווייזט, אַז ס׳זענען נאָך דאָ הונדערטער מענטשן, וועלכע ווייסן נישט וועגן דעם קלובס עקזיסטענץ. דאַרף מען צו זיי צוקומען.

איך וויל ענדיקן מיט אַ פּאָר לויב ווערטער פאַר אונדזערע מיטגלידער. מיר האָבן דאָ געשאַפן אַ וואַרעמע קולטור סביבה. אונדזערע מוצאי־שבתן זענען יום־טובדיקע אָוונטן צו וועלכע די מיטגלידער קומען אויסגעפּוצט, מען קומט מיט גרויס פרייד צו טרעפן זיך מיט נאָענטע און באַקאַנטע, מען געניסט פון דעם ריינעם יידישן וואָרט און פון יידישן ניגון, מען קומט צו דער צייט און מען ווייזט אַרויס אַ סך דרך־ארץ פאַר די לעקטאָרן וואָס דינען דעם קלוב בלב ובנפש. דאָס איז אַן אינסטיטוציע פון וועלכער די מערסטע פון אונדז געניסן אַ סך. וויל איך איצט טאַקע אויסדריקן דער פאַרוואַלטונגס און מיין פערזענלעכן דאַנק צו אלע מיטגלידער און ספּעציעל צו די לעקטאָרן וואָס אָן זיי וואָלט נישט געווען מעגלעך אָנצוגיין מיט דער ארבעט.

אַ דאַנק אויך די מיטגלידער פון אונדזער פאַרוואַלטונג: מאַקס אַלפּער, סימאַ לעווקאָוויץ, רחל און מענדל סלוצקי, בעלאַ פּאָזי, גרשון פרידמאַן און נאָרמאַן קערין. צווישן דער פאַרוואַלטונג פלעגט דער נאָמען מאָריס דייטש שטיין גאָר אויבנאָן און ער פּאָלגט נאָך די אַקטיוויטעטן דורך אַ צאָל חברים, וואס באַזוכן אים אָפט. מיר ווינטשן אים אַ רפואה. אויב איר זעט אָפט די מעלדונגען פון די אַקטיוויטעטן פונעם קלוב אין דער וועכנטלעכער ענגלישער פּרעסע, קומט אַ יישר כוח דער פיינער שרייבערן לאָטי מלאך קרעמער. איר בייטראָג אויף דעם געביט איז זייער וויכטיק. אַ דאַנק אייך — לאָטי. אַ דאַנק אויך דעם פּרעזידענט פון אינסטיטוט פאַר זיין וווּנדערפולער קאָאָפּעראַציע און מיטהילף.

אַ באַזונדערן דאַנק צבי הירשן וואָס האָט אזוי גלאַטיק און מיט טאַקט געפירט דעם פאָרזיץ בעת מיין קראנקהייט און ווערט איצט אַ מיטבאַטייליקטער אין דער אַרבעט פונעם קלוב.

ועל כולם — מיין ליבן, טייערן און געטרייען חבר יעקב שייפער, פאַר טראָגן דעם גרויסן עול פון אָנפירן מיט דער אַרבעט — כמעט אזוי שטיל און באַשיידן ווי עס וואָלט געווען פון די סאַמע גרינגסטע זאַכן. אייך — אַ יישר כוח!

איך האָף, אַז ביים קומענדיקן שלוס־אָוונט וועלן מיר זיך אַלע טרעפן דאָ אין בעסטן געזונט און ווייטער פייערן אַ יאָר פון גוטער אַרבעט לטוב אונדז און דער יידישער שפּראַך און קולטור. געזונט און הצלחה אייך אַלעמען!

# סערגיי נאָטקעוויטש ז״ל

דעם 27־טן יוני ד.י. איז אין לאָס=אַנדזשעלעס געשטאָרבן, אין עלטער פון 82 יאָר, דער באַקאַנטער קולטור=געזעלשאַפטלעכער טוער און באַליבטער לעקטאָר סערגיי נאָטקעוויטש. אויף דער לוויה וואָס איז פאָרגעקומען אויפן מאונט סיני בית עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם חברים, פריינד און פאַרערער פונעם פאַרשטאָרבענעם. ראַביי שמואל קעלעמאַר האָט קעמאַכט אַן אל מלא רחמים און געזונגען אייניקע טרויער=לידער. אין רירנדיקע ווערטער האָבן געזעגנט דעם פאַרשטאָרבענעם: דוד דייווידסאָן אין נאָמען פון אַרבעטער=רינג; לילקע מייזנער אין נאָמען פון ״בונד״, און דער זון מישעל נאָטקעוויטש — דירעקטאָר פונעם היגן חורבן־צענטער.

סערגיי נאָטקעוויטש איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל ״חשבון״. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין פאַרשיידענע יידישע און ענגלישע צייטשריפטן. זיינע לעקציעס אין יידישן קולטור=קלוב האָבן שטענדיק אַרויסגערופן גרויס אינטערעס ביי די צוהערער. ער וועט אונדז אַלעמען שטאַרק, שטאַרק פעלן.

ווייטער ברענגען מיר די געזעגענונג־רעדע פון לילקע מייזנער.

* * *

ס׳איז מיר שווער, זייער שווער צו געזעגענען זיך מיט סערגייען אין מיין צווייענדיקער ראָל — אַלס פלימעניצע און אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, פון דער פאַרטיי, וואָס סערגיי איז געווען איינער פון אירע אָנפירער, לערער און בויער.

אָט האָסטו, סערגיי, מיט עטלעכע שעה צוריק געזאָגט צו אונדז ״אַ גוטע נאַכט״ און ביסט אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק. ס׳איז דיר אַזוי שווער געווען דאָס לעבן די לעצטע צוויי יאָר. מיט דעם אַוועקגיין פונדיין פרוי בעטי — איז אַוועק אַ טייל פון דיין לעבן. און די עלטער, מיט וועלכער דו האָסט זיך פאַרנומען במשך פון יאָרן, איז דיר נישט לייכט אָנגעקומען. האָסט אָפט געזאָגט, אַז טעאָריע און פראַקטיק זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. האָסט אָפט אין דער לעצטער צייט געזאָגט ״גענוג״ — אָבער דאָך געוואָלט לעבן...

עס איז אַ סתירה — אָבער אונדזער גאַנץ לעבן איז אַ סתירה. מיר ווייסן גלייך ביים אָנהייב, אַז מיר דערנענטערן זיך צום סוף. און אין צווישן איז דאָס לעבן. דיין צווישנצייט איז געווען שטורמיש, שווער, אינטערעסאַנט, קאָמפּליצירט. האָסט געוואָלט ענדערן דעם מענטשלעכן גאַנג, פירן אים צו שענערע, בעסערע הייכן.

דיין וויג איז געשטאַנען אין דער אַרבעטער=שטאָט לאָדזש, אין פוילן. דאָרט האָסטו דיין קינדהייט, יוגנט און אַ טייל פון די רייפע יאָרן פאַרבראַכט. האָסט געלעבט אַזוי פיל יאָרן אין אונדזער שטוב און מיר האָבן געזען דיין וווקס און ווירקונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג. ס׳איז מיר אַזוי שווער אָפּצוטיילן מיין קינדהייט=שטוב פון דיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

ביסט אין דער פראָלעטאַרישער שטאָט לאָדזש אויסגעוואַקסן און פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אידעען פון סאָציאַליזם, יידישן באַוווסטזיין, יידישער קולטור און וויסן. ביסט געווען צווישן די גרינדער פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג און געווידמעט דיינע כוחות צום דערציען דעם יונגן דור און שענקען אים דיין וויסן, וועלכן דו האָסט כסדר פאַרטיפט. דיינע סעמינאַרן און לעקציעס וועגן פּאָליטישער

עקאָנאָמיע, פראַנצויזישער רעוואָלוציע, יידישע שרייבער, סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק זענען געווען אַ שם דבר אויף דער יידישער גאַס אין לאָדזש. די אַרבעטער האָבן דיך אויסגעוויילט אין שטאָט=ראַט און דו האָסט מיט ציין און נעגל געקעמפט פאַר זייערע רעכט. און ווען דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט זיינע נעגל געוויזן און מען האָט דיך צעשלאָגן אויף איינער פון די זיצונגען — ביסטו נאָך אַ פאַרשטאַרקטער אַרויס פון דעם אומגליק און געוואָרפן זיך מיט גרעסערן אימפּעט אין דער אַרבעט.

איצט ליגסטו אַ רואיקער, שטילער. דיינע בלויע אויגן פאַרמאַכט, די אויגן וואָס האָבן געשלונגען די שיינקייט פון דער נאַטור. האָסט ליב געהאַט קלעטערן אויף די הויכע פּוילישע בערג, די טאַטרען, און באַזיגן די שפּיצן, באַזינגען זייער שיינקייט. אַ ראָמאַנטיקער פון דער נאטור, האָט דיך די שיינקייט באַצויבערט און האָסט געוואָלט דערמיט זיך טיילן מיט דער יוגנט, וואָס האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס אַלץ צו זען.

ביסט געווען לערער אין דער מעדעם־שול, שפּעטער אַדמיניסטראַטאָר אונדזערע יידיש־וועלטלעכע שולן. האָסט געהאַט אזוי פיל צו געבן. ביסט געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון "לאָדזשער וועקער", אָרגאַן פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. ביסט געווען אַ טריבון אין דעם פּראָלעטאַרישן לאָדזש, און די לאָדזשער יידישע האָרעפּאַשניקעס האָבן דיך ליב געהאַט. דו ביסט געווען פאַרליבט אין "בונד" און סאָציאַליזם. ביסט געווען איינער פון א מערקווירדיקן דור.

און דאַן — די שווערע יאָרן. בעטי און דו האָבן געוואַנדערט, זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרוואָרפן געוואָרן אין ווייטן קאָבאַ, יאַפּאַן, אָבער אויסגעמיטן די דייטשישע טויטלאַגערן. איר האָט געזאָרגט פאַר דער משפחה וואָס איז געבליבן אין פּוילן און געשיקט צו אונדז די אויסגעטרוימטע פּעקלעך, וואָס האָבן אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט נאָך אַ ביסל לענגער אויסצודויערן.

די וואַנדער=יאָרן זיינען אייך נאָכגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, האָסט געלעבט מיטן חורבן. אין די לעצטע יאָרן ביסטו טראָציק געוואָרן, האָסט געהאַט מיינונג־פאַרשידנהייטן מיט דער פּאַרטיי, אָבער קיין מאָל נישט אַוועק פון איר.

אין לאָס־אנדזשעלעס ביסטו געוואָרן דער אָנערקענטער קענער פון "עלטער־פּראָבלעמען" און אַריינגעלייגט אין דעם אַזוי פיל מי און אַרבעט. ביסט געווען דער איניציאַטאָר פון ספּעציעלע פּראָגראַמען פאַר די עלטערע און כסדר זיי דערמוטיקט. אייער שטוב איז שטענדיק געווען אַן אָפענע און וואַרעמע, און מיטן קומען פון מישעלן איז אייער שטוב נאָך ליכטיקער געוואָרן.

דיין אַרבעט אין "בונד", אַרבעטער=רינג, יידישן קולטור=קלוב, קאָמיוניטי=צענטער, אין דער יידישער פעדעראַציע איז אָנערקענט און געשעצט געוואָרן. האָסט געהאַט וואָס צו געבן און זיך געטיילט מיט דעם מיטמענטש.

און דאַן — די איינזאַמע יאָרן. שווערע יאָרן. האָסט אַליין נישט געקאָנט אָנגיין מיט דיין לעבן, כאָטש מיר אלע זיינען געשטאַנען לעבן דיר, און אין די לעצטע צייטן — אויך די איבערגעגעבענע באַרבאַראַ.

סערגיי איז געווען דער פּראָדוקט פון אַן אומפארגעסלעכער צייט אין יידישן לעבן. ער איז געווען איינער פון די דעמבן פון דעם מעכטיקן וואַלד וואָס איז אומגעקומען. און צום סוף —מער נישט געקאָנט אָנגיין, געזאָגט "אַ גוטע נאַכט" און אַנטשלאָפן געוואָרן, אַנטשלאָפן געווארן אויף אייביק. דער לעצטער רינג פון מיין משפחה, דיין טאַטע, מישעל, און אונדזער אַלעמענס פריינד און חבר.

אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, סערגיי.

**לילקע מייזנער**

# און דאָס איז די טרויער רעדע פון מישעל נוטקעוויטש

די פרשה פון דער לעצטער וואָך דערמאָנט דעם טויט פון אהרן הכהן. עס ווערט געזאָגט, אַז אהרן איז געווען באַוווּסט פון זיין איבערגעגעבנקייט צום פאָלק און פון זיין פעיקייט צו מאַכן שלום צווישן יידן. מיין פאָטער, סערגיי, איז געווען אהרנס אַ תלמיד. זיינע פאַראינטערעסירונגען, זיינע געראַנגלען און קאַמפן ווייזן אים ווי אַ מענטש, וואָס האָט געבראַכט שלום און ליבשאַפט צווישן ברידער יידן. אין זיין יוגנט האָט דער "בונד" אים אויסגעצוען צו זיין דער לאָגישער וועג צום גרייכן דעם פשוטן ייד; און זיינע דערפאָלגן האָבן אים סוגערירט, אַז שלום און רו קאָן ענדלעך קומען צו די יידן פון פוילן. יידן און יידישער געשיכטע איז אָבער, ווייזט אויס, נישט באַשערט געווען צו שפּילן אַ ווייטערדיקע ראָלע אין דער צוקונפט פון אייראָפּע. ווי אַ סך אַנדערע יידן האָבן מיין פאָטער און מוטער דורכגעמאַכט דעם חורבן, וואָס האָט זיי לסוף געבראַכט קיין אַמעריקע מיט שוידערלעכע זיכרונות און נישט פאַרהיילטע ווונדן.

סערגיי האָט אָבער נישט פאַרלוירן די פאַסיע פאַר זוכן שלום, און אין אַמעריקע האָט ער זיך קיין מאָל נישט דערווייטערט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיין אַרבעט ווי אַ סאָציאַלער טוער, באַזונדערס זיין איבערגעגעבנקייט צו די עלטערע יידן און אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, האָט אים אויסגעצוען צו זיין אַ המשך פון זיינע בונדישע אַקטיוויטעטן. ער האָט געגעבן פון זיך שטילערהייט, נישט זוכנדיק קיין כבוד. איך געדענק זיינע צאָלרייכע אינטערווענצן לטובת די אָרעמע, די באַליידיקטע, די מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדע האָפענונג. אין מיינע עלטערנס היים האָט אָן אויפהער געקלונגען דער טעלעפאָן; נישט געווען אַזאַ איינפיר, אַז מיטאָג־צייט דערליידיקט מען נישט קיין "ביזנעס", ווייל זייער "ביזנעס" איז געווען דערלאַנגען אַ האַנט צו די וואָס נייטיקן זיך. סערגיי האָט מיר געלאָזן בירושה אַ באַשטימטן גלייכגילט צו קלאַסן־און פאַרמעגן פּאָזיציעס און אַ טיפן מיטגעפיל פאַר די רעכטלאָזע און הילפלאָזע.

פון 1977 ביז 1984 איז סערגיי געווען דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער בית צדק באַראַונג שטעלע, אַ ניי געשאַפענער בית דין אין לאָס אַנדזשעלעס. דער מדרש דערציילט אונדז, אַז אהרן האָט געהאַט אָט די פעיקייט: ער פלעגט לויפן צו איין צד און אים זאָגן, אַז דער צווייטער צד פילט שלעכט, ווייל אונטעהאַנדלען; נאָך דעם איז ער געלאָפן צום אַנדערן צד און אים געזאָגט דאָס זעלבע. ווען די צוויי קעגנערישע צדדים האָבן זיך געטראָפן, זענען זיי שוין גרייט געווען צו מאַכן שלום. מיין פאָטערס פעיקייטן אַלס רודף שלום זענען געווען אומבאַשרייבלעכע. מען האָט געקאָנט אַרויספילן זיין אומקאָמפּראָמיסלעכע ערלעכקייט און אויפריכטיקייט.

סערגיי איז געווען פול מיט ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור, ער האָט געשריבן פאַרן "פאָרווערטס", "חשבון" און אַנדערע יידישע צייטשריפטן. אונדזער הויז איז געווען פול מיט יידישע ביכער. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ נאָענטע פריינדשאַפט מיט יידישע שרייבער, און גאָר באַזונדער — מיט דער דיכטערין מלכה חפץ טוזמאַן. הגם נישט טראַדיציאָנעל, האָט אָבער די דערציונג וואָס איך האָב באַקומען פון סערגייען און בעטין, דערוועקט אין מיר גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט צו יידישע אינטערעסן, צום יידישן גייסט, און ליבשאַפט צום יידישן פאָלק איז געוואָרן דער עיקר פון מיין פילן און דענקען.

הגם מיין פאָטער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע טעאָלאָגישע פּאָזיציע האָט ער, ווי ר' לוי יצחק, געפירט אַ שטענדיקן וכוח מיט גאָט. צייטנווייז איז

# אַ ווערטפול בוך פון שרה ראַפּאַלין ליינער

## „טעג פון יום־טוב און זכרון"

שרה ראַפּאַלין־ליינער איז גוט באַקאַנט דעם יידישן עולם אין לאָס אַנדזשעלעס. אירע לעקציעס אין יידישן קולטור־קלוב און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וועגן יידישע יום־טובים, וויכטיקע דאַטעס אין דער יידישער געשיכטע און אויף קולטור שטייגערישע טעמעס ווערן אַלע מאָל גוט באַזוכט און אויסגעהערט מיט גרויס איטערעס. נישט אומזיסט האָט מען זי געקרוינט מיטן נאָמען: „אונדזער מלומדת".

איצט איז אינעם י.ל. פּרץ־פאַרלאַג דערשינען איר בוך א.נ. „טעג פון יום־טוב און זכרון". דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורכן „אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג" אין ל. אַ. און עס האַלט 316 זייטן. עס איז אַ ווערטפול בוך פון וועלכן יעדער ליבהאָבער פון דער יידישער געשיכטע, פון אַלטן יידישן שטייגער קאָן זיך אַ סך דערוויסן און לערנען.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן אַריינפיר פונעם באַוווסטן געלערנטן און שרייבער דר. **העשיל קלעפּפיש**, פון וועלכן מיר ברענגען גרעסערע פראַגמענטן.

רעד.

ביי אַלע שוועריקייטן, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דער יידישער פרוי צו ווערן אַ למדנטע, ווייסט דאָך אונדזער

---

מיין פאָטער געווען דער פאַרטיידיקער אַנטקעגן גאָט, אָבער מערסטנס איז ער געווען דער באַשולדיקער. ער איז געווען פאַרכאַפּט פון דער מעשה וועגן ר' לוי יצחק אין וועלכער דער באַרדיטשעווער ווענדט זיך צו גאָט און וואָרנט, אַז אויב ער וועט נישט מוחל זיין דעם יידישן פאָלק וועט ער, לוי יצחק, זאָגן דער וועלט אַז גאָט גייט אַרום אין תפילין וואָס זענען פּסול. עס קאָן קומען ווי אַ סורפּריז צו אַ סך וואָס קענען זיין פאַרגאַנגענהייט, אָבער איך צווייפל נישט, אַז מיין פאָטער האָט געפירט אַ כסדרדיקן און אינטימען דיאַלאָג מיט גאָט.

מיין פאָטער איז געווען אומקאָמפּראָמיסלעך וואָס שייך פּרינציפּן. אויף אַזוי פיל, אַז איך האָב עס אָפט געפילט, מאַכנדיק געוויסע טעותים וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט פון אויפוואַקסן און רייף ווערן. איך מיין, אַז איצט פאַרשטיי איך יענע אומקאָמפּראָמיסלעכקייט וואָס איז אָפט דערגאַנגען ביז אומבויגעוודיקייט.

הלל זאָגט, אַז פאַר אהרנען איז געווען כאַראַקטעריסטיש זיין ליבשאַפט צו שלום, ער איז געווען אַ רודף שלום. טראַכטנדיק וועגן דעם האָב איך פאַרשטאַנען מיין פאָטערס טואונגען. ווען אהרן האָט נישט געקאָנט ברענגען שלום מיט זיין געוויינלעכער טאַקטיק, פלעגט ער ענדערן זיין סטראַטעגיע. ער האָט פאַרפאָלגט די פּערזאָן, קעמפּניק מיט אים, באַזיגנדיק אים, צווינגענדיק אים צו אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון פאַרבייגן דעם אייגענעם שטאָלץ און אונטערהאַנדלען. ווי אהרן, האָט סערגיי מסתמא געפילט, אַז צייטנווייז איז נייטיק צו צווינגען זיין זון, און אַנדערע, כדי דערפירן צו שלום. **זיי אַ מענטש** פלעגט ער זייער אָפט זאָגן צו מיר.

פאַראַן אַ מדרש, אַז אהרנס טויט איז געווען אַזוי פיינפול צו גאָט, ווי דאָס צעברעכן די לוחות. ווי אהרן איז מיין פאָטער געווען אַ מאַן, וועלכן מען קאָן פאַרשטיין, מוחל זיין און ליב האָבן, ער וועט מיר שטאַרק אויספעלן.

מישעל נאָטקעוויטש

געשיכטע צו דערציילן וועגן פרויען, וועלכע האָבן דערוואָרבן באַדייטנדיקן יידישן וויסן, און אַריינגעטראָגן אין דער יידישער געזעלשאַפט דאָס, וואָס זיי אַליין האָבן געלערנט. אַזעלכע פרויען זענען געווען ביי אונדז אין אַלע תקופות, זיי זענען פאַראַן אויך אין אונדזער צייט. שרה ליינער, פון דער היים ראַפּאַלין, איז איינע פון זיי. זי איז אויפגעוואַקסן מיטן דורשט און מיט דער ליבשאַפט צו לערנען, און זי טראָגט אָט דעם ווילן כסדר, באַרייכערנדיק זיך, אין איר דויערנדיקער באַגייסטערונג, מיט די אוצרות פון יידישן גייסט.

... דער ענטוזיאַזם פאַר יידישער גייסטיקייט איז מיט שרה ליינער מיטגעגאַנגען אין אַלע אירע וואַנדלונגען. זי האָט אויסגעוואַנדערט פון שטעטל, חתונה געהאַט, געבויט איר אייגענע פאַמיליע, געוווינט אין מעקסיקע, אין ווענעזועלאַ. שוין צענדליקער יאָרן ווי זי וווינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין לאָס אַנדזשעלעס. צייטן האָבן זיך געביטן. פאַרהעלטענישן האָבן זיך געענדערט. אָבער שרה ליינער האָט זיך נישט געשיידט מיטן ספר. יידישע גייסטיקייט איז פאַרבליבן איר נשמה אוצר. זי האָט כסדר אַליין געלערנט, און געלערנט מיט אַנדערע. אַ צייט איז זי געווען אַ לערערין אין יידישע שולן, אין סעמינאַרן. זי טרעט אַרויס מיט לעקציעס, פאַרזייט יידישן וויסן אין די אָרגאַניזאַציעס, וווּ זי איז טעטיק, און אויך אין אַלגעמיינע קולטור צענטערס. שטאַרקע דערמוטיקונג אין איר ליבשאַפט צום ספר האָט זי געפונען ביי איר מאַן שמחה ליינער, וועלכער איז בזכות עצמו איינגעוואָרצלט אין דורותדיקער יידישקייט און צוגעבונדן צו די ווערטן פון יידישער קולטור.

איצט טראָגט שרה ליינער צו דעם יידיש לייענער איר בוך... דאָס בוך איז אַ פּראָדוקט פון איר אָנשטרענג צו טרינקען פון אונדזערע אומאויסשעפּלעכע קוואַלן, פון איר פאַרערונג פאַר יידישער טראַדיציע און יידישן לעבנס שטייגער, און פון איר טיפער איבערצייגונג, אַז יידישע קולטור איז נישט בלויז אַ יסוד, נאָר ברענגט אויך אַריין שיינקייט, וואַרעמקייט, זין און זון אין לעבן. די טעמעס זענען פאַרשיידענע, אַלט און ניי זענען צונויפגעוועבט: דער באַטייט פון אונדזערע יום טובים; די גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין באַוווּסטזיין פון אונדזער פאָלק; די פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטועל אין יידישן זיין; די לערע פון דער יידישער עטיק; די הייליקייט און אייביקייט פון ירושלים; און אויך דער בייטראָג פון דער מאָדערנער העברעישער און יידישער ליטעראַטור צום יידישן געפיל ווערט באַהאַנדלט. דאָס, וואָס שרה ליינער האָט געלערנט און געלייענט, טיילט זי מיט אַנדערע.. אַזוי, למשל, באַרירנדיק דעם יום־טוב פּסח, וויקלט זי פונאַנדער די דראַמע פון די געשעענישן, וואָס האָבן דערפירט צום יום־טוב, די דינים און טראַדיציעס, וועלכע זענען מיט אים צונויפגעבונדן, אָבער זי פאַרפעלט נישט צוצוגעבן, אַז פּסח איז פול מיט חן און רייך מיט סימבאָלן, וואָס באַצווינגען די פאַנטאַזיע. אָדער — בעת זי שילדערט דאָס לעבן און ווירקן פון משה רבינו — גיט זי אָן וואָס עס ווערט וועגן אים דערציילט אין חומש און אין תלמוד, און וואָס עס איז געשריבן געוואָרן שפּעטער אין די ספרים, אָבער זי שטרייכט דערביי אונטער די ליבשאַפט, וואָס ער האָט אין אַלע צייטן אַרויסגערופן ביי אונדזער פאָלק, און אַז דאָס אָ געפיל פון ליבשאַפט און באַוווּנדערונג דאַרף כסדר אָנהאַלטן.

און ווייל די קאַפּיטלען פונעם בוך זענען געשריבן מיט ערנסטקייט און אחריות, און אויך מיט וואַרעמקייט און ענטוזיאַזם, וועלן זיי זיכער געפינען דעם וועג צום לייענער. האָט מען דאָך ביי אונדז געזאָגט שוין אין די פאַרגאַנגענע צייטן "דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב". רייד, וואָס פליסן אַרויס פונעם האַרץ, דרינגען אַריין אינעם האַרץ.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

א י נ ק אָ ר פּ אָ ר י י ט ע ד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)
  און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פרעז. ◉ מערווין קורצמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................

Address..............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................................................

Date........................Signature of Applicant..............................

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָס אַנדזשעלעסער
# ייִדישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה



## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות
צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל
מקום שהם.
לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום
צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי
אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

**ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד**

**יידיש צווייג**

**הערי הירש — פרעזידענט**

**מרדכי בן־דוד — וויצע־פרעזידענט**

**לעאַ ראָזענבלאַט — וויצע־פרעזידענט**

**בערטאַ קאָרין — פינאַנץ־סעקרעטאַר**

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווּנטשן פון דער קליינער צאָל יידן אויפן אינדזל גוואַם, אין פאַציפיק — צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן די קולטור־אוצרות אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידיש לשון.

שעלבי שאַפּיראָ

אַגאַניאַ, גוואַם

---

**דרורה קלוב נעמת**

ליובאַ שלאַפמאַן — פרעזידענט

פריידל טראָפימאָוו — וויצע־פרעז.

פרימע גאָרענשטיין — וויצע־פרעז.

בערטאַ קאָרין — פינאַנץ־סעקר.

רעגינאַ שידלער־קאַסירער

**יידישע חבורה**

**אין פאַסיפיק פאַליסיידס**

ה.מ. סקולסקי — פאָרזיצער

---

**נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט**

**אין לאָס־אַנדזשעלעס**

יצחק קאָרן — פרעזידענט

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

אַ געזונט נײַ־יאָר צו מײַנע פריינד, אין אָנדענק פון מײַן מאַן משה אײַזענמאַן ע״ה.

רבקה אײַזענמאַן און פאַמיליע

---

גערשאָוויטש — לודמילא און נתן

---

דייטש — לוסי, שמעון און משפחה — שיקאַגאָ

---

דר. זשאַנעט האַדאַ

---

הירש — צבי, טובה און אילײַ

---

נאָווי דוואָר סאָסייעטי
אין לאָס־אַנדזשעלעס
אין אָנדענק פון רחל קלײנבאַרד ע״ה
לאַנג־יאָריקע פרעזידענטין און
געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויסטין
אין יידישן לעבן פון שטאָט.
בען קלײנבאַרד

אין ליכטיקן אָנדענק
פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער פרוי,
און מוטער
רחל קלײנבאַרד
בען, דזשעי, מײַראָן און משפחה

אונדזערע טײַערע פריינד
פריידל און יאַנקל אַנגעלטשיק (ענזשעליק)
אין אַדענקור, פראַנקרײַך
ווינטשן מיר אַ געזונט, גליקלעך יאָר
און רפואה שלימה פאַר פריידעלען.
מענדל און רחל סלוצקי, גרשון און חיה פרידמאַן

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

וואַנאַמייקער — באַשע און משפחה

---

ווייס — פלאַרענס און שמואל
אין אָנדענק פון אונדזער ליבן סערגיי נוטקעוויטש

---

ווייס — יודזשין

---

זייף — צפורה און אליעזר

---

טאָלטשינסקי — שרה

---

ירושלמי (יערוזאַלימסקי) ראָזאַ, גרשון און משפחה — אַנאַהיים, קאַליפ.

---

לאַנצמאַן — בערנאַרד
אין אָנדענק פון מיין טייערער פרוי ליליאַן ע״ה

---

לובין — דוד

---

ליינער — שרה, שמחה און משפחה

---

לעווין — רעגינא און משפחה

---

סימע קאַרפ — לעפקאָוויץ

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

פלאָטקין — חיים און פאַמיליע

קאַרסאָן — מנחם

ראָטבלום — זהבה און יצחק

רוהמאַן — חנה

שאַרף — עלסי, לאָרי און משפחה

שוואַרץ — רענעי (רחל), אין אָנדענק פון מיין מאַן שלמה, ע״ה

שלאָסער — נעכע, אין אָנדענק פון מיין מאַן זלמן ע״ה

בלושטיין — שרה, נחום און משפחה

גאָרפיין — רחל און מאָניע

דאַטשעס — בלאַנש און מאַקס

הענלי — מאַשע

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

זילבערצווייג — צילע און משפחה

אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן זלמן זילבערצווייג ע"ה

---

טאובער — סאַלי און בעריש

---

לאַקס — לאה, יוסף און משפחה. קאסטרא וואלי, קאַליפ.

---

ליבערמאַן — געלבאַרט, רבקה און אברהם

---

מאַלעוויץ — פנחס

---

מלאך — קרעמער, לאָטי

---

מעלאַמעדאָוויטש — פייגל און יצחק, איל.

---

עלבערג — יהודה, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

---

פאוסט — אידעס און משפחה

---

ד"ר פישמאַן — בערט, בעטי און משפחה

---

קאָטליאַר — זשעניאַ, משה און משפחה

---

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

קאַפּלאַן — רחל, דוד און משפחה

---

קאָרין — בערטאַ און נאָרמאַן

---

שוואַרץ — דאָראַ און משפחה

---

שעפּס — חנה און שמעון

---

שייפער — דאָרא און יעקב

---

שלאַפּמאַן — ליובע, אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן גמליאל ע"ה

אַלפּער — מאַקס און משפחה
בן־דוד — חנה און מרדכי
בוירמאַן — געניאַ
אָמאַן סאָניע
בערמאַן — חוה און הענעך
גאָלדבערג — לעאָן
גאָלדמאַן — האַדעל און משפחה אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן דוד ע"ה
גאָלדפאַרב — לילי און עמאַנועל
גאָרענשטיין — פרומע און דוד
גובקין — ישראל און משפחה
גורעצקי — סילוויאַ און משפחה
גיבערמאַן — אסתר

האַלפּערן — דינה און ניומאַן דניאל
האַלבערט — מינאַ
הענדעל — הענא און שלמה
הערבסט — טשאַרנע
הירש — מאָריס
וודס — חנה און בנימין
וועלטמאַן — פראַניע און משפחה
זאַרעצקי — ליובאַ און שמואל
זשוק — סאַבינע און חיים
זימער — איידאַ
כהן — אסתר און משה
לעווענטאַל — בעבע און עלי

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לעכאָוויצקי — דוואָשע און אהרן
מייפער — ווירא און טשאַרלז
נאַטאַנזאָן — דאָראָטי און לייב
ניומאַן — אידיט
פּאַדוואַ — אשר ונחמה
דר. פּאַרעל (פּאַגאַרעלסקי) חיים און פּרוי
פּאָזי — בעלאַ, אין אָנדענק פון מיין מאַן אריה ע״ה
פּאַנטיין — דזשין און אירווינג
פלאָם — גילה
פינסקי — אהרן
פּאַרבשטיין — זהבה און משה
פעלנער — מאַראָקאָ, פייגע און משה
פרידמאַן — חיה און גרשון
פרידמאַן — סאָפי און אברהם
סאַלטאַנאָוו — קניה און פּאַליק
סאַפּיאַן — העלען און שמחה
סאָסקי — העלען און יוסף
סילבער — אַדעל און יצחק
סלוצקי — יעווגעניאַ און אברהם
סלוצקי — רחל און מענדל
צוקערמאַן — קאַטרין און מאַרווין
קאָרן — יוסף
קוטין — רחל און צבי
ראָזענבלאַט — עטל און לייב

רייך — שיינדל, פּנחס און אַבי
דר. שאַו — מעני און מלכה
דר. שוגאַר — קאַרל
שטיינמאַן — נתן
שטראַסבורג — פלאָרענס און משה
שידלער — רעגינאַ און חיים
שנור — פייאינאַ יוסף און משפחה
שקליאַר — דבורה, משה

אַוורוטין — רעי
בייראַק — דאָראַ
גאַלינאַ — סאָניע און משפחה
גילינסקי — ליובאַ
האַמבורגער — חנה און משה
האָראָוויץ — עוועלין און מאָטל
הערבסט — מרים און הערשל
ווייט — דזשעני און דוד
וויינשטיין — רחל און אליעזר
וויינשעל — חיים, מילוואָקי
זאַללען — ריטשאַרד
מייזנער — לילקע און שלמה
ליפשיץ — אסתר
פערטשוק — טערעסאַ און חיים
ראָטמאַן — רעגינאַ און לואי